# ש. אנ-סקי

## געזאמעלטע שריפטען



№ 77.
J.
1941: 6990

ש. אַנ–סקי.

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט).

# געזאַמעלטע שריפטען.

## אין פופצעהן בענדער.

מיט דער ביאָגראַפיע און בילדער פון אויטאָר.

---

אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען דורכ'ן אויטאָר
און פאָרטגעזעצט דורך זיינע צוזאה־פערוואַלטער.

(ערשיענען אין טאָג פון שלושים כח כסלו תרפ"א).

ווארשא—ניו־יאָרק תרפח 1928

# SZ. AŃ—SKI.

Zbiór utworów w piętnastu tomach,

z życiorysem i portretami autora.

Tom pierwszy:

„Z ODWIECZNEGO ŹRÓDŁA".

Warszawa, 1921

Wydawnictwo „AŃ—SKI" Warszawa—Nowy-Jork.

---

# SH. AN—SKY.

Collection of works in fifteen volumes,

with a biography and portraits of the author.

Volume frist:

„FROM THE SOURCE OF ETERNITY".

Warsaw 1921

Publishing Company „AN—SKY" Warsaw—New-York.

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 6990
23490



שלמה ראַפּאָפּאָרט
(ש. אַנ-סקי)



# ש. אַנ–סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## ערשטער באַנד

## פון אייביגען קוואַל

פערלאַג „אַנ־סקי“

ווילנאָ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק תרפ"ח — 1928

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף—געזעלשאַפט „צ ע נ ט ר אַ ל“ וואַרשאַ

Printed in Poland.

איבערדרוקען פון די שריפטען גאַנצע ווערק
אָדער בעזונדערע פראַגמענטען, איבערזעצען
און אויספיהרען אויפ'ן סצענע אָהן דער ער-
לויבניש פון אויטאָר איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע און צייכענונגען פון יוסף זיידענבייטעל.

דעם זאַץ האָט אויסגעפיהרט פייגע שריפטגיסער.

Druk. I. Hendlera Warszawa, Długa 26. Tel. 260 - 19

דער ערשטער באַנד איז געווען געזעצט און קאָרעקטירט אונטער דער פערזענליכער השגחה פון אויטאָר. ער טראָגט נאָך אויף זיך זיין לעבעדיגען אָטעם. מיר האָבען דעריבער נישט געפונען פאַר מעגליך עטוואָס צו ענדערן אין דער קאָרעקטע, ווי אויך אין דעם גאַנצען סדר פון בוך די ביאָגראַפיע פון אויטאָר וועט אריין אין איינעם פון די ווייטערדיגע בענדער.

## די צוואה־פערוואלטער.

דיר

מיין טייערסטער, פריינד און חבר פון גאנצן לעבען

**ד״ר חיים ב״ר יוסף זשיטלאָווסקי,**

ווידמע איך דאס שענסטע און הייליגסטע פון מיין גייסטיגען לעבען. אלץ, וואס איך האב פאר די פירציג יאהר פון מיין ליטעראַרישער טעטיגקייט געשאפען אין אונזער שפראך.

נעהם צו מיין ווידמונג, ווי א שוואכען אויסדרוק פון מיין ברודערליכער ליעבע און טיעפסטער אכטונג צו דיר.

דיין

**שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט.**

(ש אנ—סקי.)

# ערשטע אָבטײלונג.

## באַרצײטיקעס.

# דאָס לעבען פון אַ מענש.

## א.

בשעת אַ מענש דאַרף בעשאַפען ווערען, טוט גאָט ברוך הוא געבען אַ צייכען דעם מלאך, וועלכער רופט זיך מיט דעם נאָמען „לילה" און טוט צו איהם אַזוי זאָגען:

—זיי וויסען, אַז בזה הרגע ווערט בעשאַפען דער און דער מענש פון דעם און דעם טראָפען און ברענג איהם פאַר מיין כסא הכבוד.

און דער מלאך טוט דעם בעפעל פון דעם אַלמעכטיגען און ברענגט דעם טראָפען צום שוועל פון כסא-הכבוד.

טוט דער אַלמעכטיגער אַרויסגעבען זיין גזר וועגען דעם מענש, וואָס דאַרף בעשאַפען ווערען: זאָל ער זיין אַ זכר, אָדער אַ נקבה, אַ שוואַכער אָדער אַ שטאַרקער, אַ רייכער אָדער אַן אָרימער, אַ שיינער אָדער אַ מאוס'ער.

אָבער אויב ער זאָל זיין אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, אַ רעכפערטיגער אָדער אַ מוטווילליגער,— דאָס בעשטימט נישט גאָט.

און הקדוש ברוך-הוא גיט אַ צייכען דעם מלאך, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף די נשמות און זאָגט צו איהם אַזוי:

—כלי אין גן-עדן און ברענג פון גרויסען שייער יענע און יענע נשמה, וואָס האָט אַזאַ און אַזאַ אויסזעהן.

ווייל אַלע נשמות, וואָס זענען שוין בעשאַפען און דאַר-פען ערסט בעשאַפען ווערען פון ששת ימי בראשית, ביז'ן סוף כל הדורות, זענען אָנגעגרייט פון מענשען וועגען.

און דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף נשמות ברענגט פון גרויסען שייער די אָנגעוויזענע נשמה און שטעלט זי אויף דעם שוועל פון כסא-הכבוד.

זאָגט צו איר דער אַלמעכטיגער אַזוי:

—נשמה! גיי אַריין אינם טראָפען, דרינג אַריין אין אַלע זיינע זעקס הונדערט מיט זעקס און זעכציג אברים זון זאָל עס זיין דיין וואוין-אָרט, ביז עס וועט זיך אויסלאָזען די צייט פון מענשענס לעבען.

און די נשמה בוקט זיך און פאַלט אויפ'ן פנים פאַרן אַל-מעכטיגען און עפענט די לעפצען און רעדט אַרויס מיט גרויס ציטערניש און געבעט:

—האַר פון אַלע וועלטען, איך בין זעהר בענוגענט מיט דער וועלט, וואו איך געפין זיך צייט דו האָסט מיך בע-שאַפען. און אויב אויף דעם איז דיין אַלמעכטיגער ווילען, ברענג מיך נישט אַריין אין אַנ'אומווירדיגען טראָפען, ווייל איך בין ריין און הייליג.

און דער אַלמעכטיגער ענטפערט דער נשמה אַזוי צו זאָגען:

—דער טראָפען, וואו איך ברענג דיך אַריין, איז אויך אַ וועלט, אַ הייליגע און אַנ'אומבאַגרענצטע. און די וועלט פאַסט פאַר דיר מעהר, ווי יענע, וואו דו געפינסט זיך. און אין דער צייט פון דיין בעשאַפונג ביזטו בעשטימט געווען בלויז פאַר דעמדאָזיגען טראָפען.

און די נשמה וויינט און איהר געוויין לאָזט זיך הע-רען פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען. און מיט איהר צו-זאַמען וויינען אַלע אַנדערע נשמות און אויך די מלאכים און שרפים.

אָבער דער אַלמעכטיגער פערנעמט נישט זייער גע-
חיין און ברענגט אַריין איבערגוואַלד די נשמה אין דעם טראָ
פען.

רופט ער דעם מלאָך, וואָס הייסט מיט'ן נאָמען „לילה״
און בעפעהלט איהם אומצוקעהרן דעם טראָפען אין דעם אינגעווייט
פון דער מוטער, און אין דער רגע ווערט פון דעם טראָפען אַ
ולד, אַ קינד אין דער מוטערס אינגעווייט.

---

ב.

דער אַלמעכטיגער גיט פאַר דעם נייבעשאַפענעם ולד צוויי
מלאכים שומר־ים, אַ ליכטיגען און אַ טרויעריגען.

נעהמט יעדען פריה-מאָרגען דער ליכטיגער מלאָך דעם
ולד און טראָגט עס אין גן-עדן און ווייזט איהם די צדיקים,
וועלכע זיצען אין אַ גרויסען שיין מיט קרוינען אויף די קעפ
און זענען דורכגעדרונגען מיט'ן ליכטיגען גלאַנץ פון דער שכינה.
און דער ליכטיגער מלאָך פרעגט ביים ולד:

—זעהסטו דידאָזיגע?

און דער ולד ענטפערס:

—איך זעה דידאָזיגע.

און דער מלאָך פרעגט ווידער:

—ווייסטו, ווער דידאָזיגע זענען?

און דער ולד ענטפערט:

—איך ווייס נישט, ווער דידאָזיגע זענען.

עפענט דער מלאָך זיינע לעפצען און זאָגט:

—דידאָזיגע. וועלכע דו זעהסט אין פראַכט און אין
גלאַנץ, זענען אַזוי ווי דו בעשאַפען געווען אין אינגעווייט
פון זייערע מוטער־ס און זענען אין צער געבוירען געוואָרען
און געלעבט אין דער וועלט צווישען שטערבליכע מענשען.
נאָר זיי האָבען געטאָן דעם ווילען פון אַלמעכטיגען, וואָס
האָט זיי בעשאַפען. דעריבער האָבען זיי זוכה געווען געקריינט
צו ווערען.

און אין אָווענד נעהמט דער טרויעריגער מלאָך דעם ולד און טראָגט איהם אין גיהנם און בעווייזט איהם די רשעים, וועלכע מאַטערן זיך אין אייביגע ליידען און זענען פערטרונקען אין תהום פון שאַנד. און זייערע פנים׳ער זענען פאַרפינסטערט, און זייערע בליקען אָהן האָפענונג, און זייער קול איז אַ פערשטיקטער יאָמער.

און דער טרויעריגער מלאָך פרעגט ביים ולד:

—זעהסטו דידאָזיגע?

און דער ולד ענטפערט:

—איך זעה דידאָזיגע.

און דער מלאָך פרעגט ווידער:

—ווייסטו, ווער דידאָזיגע זענען?

און דער ולד ענטפערט:

—איך ווייס נישט, ווער דידאָזיגע זענען.

עפענט דער מלאָך זיינע לעפצען און זאָגט:

—דידאָזיגע, וועלכע דו זעהסט אין שאַנד און ליידען, זענען אַזוי ווי דו בעשאַפען געווען אין דעם אינגעווייט פון זייערע מוטערס און זענען אין צער געבוירען געוואָרען און געלעבט אין דער וועלט צווישען שטערבליכע מענשען. אָבער זיי האָבען נישט געטאָן דעם רצון פון דעם, וואָס האָט זיי בעשאַפען, דעריבער זענען זיי פער׳משפט צו אייביגען חושך און ציינקריצעניש.

און איצט זיי וויסען, אַז דיר שטייט אויך פאָר געבוירען צו ווערען און צו לעבען אין דערזעלביגער וועלט. און דיר ווערט געגעבען דער אויסוואַהל אויסצוקלייבען זיך דעם וועג.

---

ג.

יעדען טאָג טראָגען די מלאכים, דער ליכטיגער און דער טרויעריגער, דעם נייגעשאַפענעם ולד און ווייזען איהם די וועלט פון איין עק ביזן אַנדערן.

און דער ולד נעהמט איין אין זיך אַלע קולות און קלאַנ־גען, אַלע פאַרבען און צייכענס, און ער זעהט און הערט אַלע פריידען און ליידען פון דער וועלט.

און יעדע נאַכט צינדען די מלאכים אָן אויפ׳ן ולד׳ס קאָפּ אַ ליכט און לערנען איהם די גאַנצע תורה און אַנטפּלעקען פאַר איהם אַלע סודות, וואָס זענען פערבאָרגען פון ששת ימי בראשית אָן, און הויבען אויף פאַר זיין בליק אַ ברעג פון דעם פאָר־האַנג פון דער אייביגקייט.

און ווען עס ענדיגען זיך די ניין חדשים, קומט צום ולד דער מלאָך, וואָס הייסט „לילה" און פרעגט איהם:

—דערקענסט מיך?

און דער ולד ענטפערט׳

—איך דערקען דיך.

און דער ולד פרעגט׳

—נאָך וואָס ביזטו אין דער שעה געקומען צו מיר?

און דער מלאָך ענטפערט איהם אַזוי צו זאָגען:

—עס איז געקומען די שעה פון דיין געבוירען ווערען. דו מוזט אַריין אין דער מענשליכער וועלט.

און דער ולד זאָגט:

—איך בין זעהר צופרידען פון דער וועלט, אין וועלכער איך געפין זיך. און אויב אויף דעם וועט זיין דער ווילען פון אַלמעכטיגען, בעט איך דיך נישט אַריינפיהרען מיך אין דער זינ־דיגער וועלט פון שטערבליכע און אומוויסענדיגע, ווייל ריין פון זינד בין איך און אַלוויסענדיג.

און דער מלאָך ענטפערט איהם און זאָגט:

—די וועלט, וואוהין איך פיר דיך אַריין, איז אַ וועלט פון לעבען און רעכטפאַרטיגקייט. און בשעת דו ביסט בעשאַפען גע־וואָרען, האָט הקדוש ברוך-הוא דיך בעשטימט בלויז פאַר דער־דאָזיגער וועלט.

וויינט דער ולד. און זיין געוויין לאָזט זיך הערען פון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען, און מיט איהם צוזאַמען וויינען

…לע ולדים אין די מוטערס אינגעווייטען און אויך די מלאכים און שרפים.

נאָר דער אַלמעכטיגער פערנעהמט נישט זייער געוויין.

און דער מלאך, וואָס הייסט „לילה," לעשט אויס דאָס ליכט איבער׳ן קאָפּ פון ולד און נעהמט פון איהם צו ביידע מלאכים—דעם ליכטיגען און דעם טרויעריגען. און דאַן קומט דער מלאך „פורה"*) און גיט אים אַ שנעל איבער די לעפצען און דער ולד פערגעסט מיט איינמאָל אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. און פון זיין מוח ווערט פערשוואונדען די תורה, וואָס ער האָט געלערנט און דאָס, וואָס ער האָט געזעהן אינטער דעם אויפגעהויבענעם ברעג פאָרהאַנג פון דער אייביגקייט. און בלויז אין די טיפע בעהעלטענישען פון זיין האַרצען בלייבט דער אָפּקלאַנג פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געזעהן און געלערנט.

---

## ד.

און דער מלאך „לילה" פיהרט איהם אַרויס איבערגעזעגענט פון זיין מוטערס אינגעווייט.

און פון דער צייט אָן גייט דער מענש דורך זיבען וועלטען.

אין דער ערשטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ נייעם קייזער, וועלכען אַלע בעגריסען, בעגעגענען מיט פרייד און ברענגען מתנות.

אין דער צווייטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ באָק, וועלכער פיטערט זיך אויפ׳ן געמייזעכץ, שפּרינגט פרעהליך, אָהן זאָרג און פערצעהרט גראָז, וואָס ניט ער האָט פערזייהט.

אין דער דריטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ יונגען

---

*) דער מלאך פון שכחה (פערגעסען).

לאָשאַקעל, וואָס ווייס נישט קיין אָבהאַלט, און איז פער׳שכור׳ט פון פרייקייט און ליידענשאַפטען.

אין דער פערטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ פלינקען פערד, וואָס לויפט פרעהליך אין שפּאַן און פיהלט נישט דעם וואָגען מיט די גרינגע פאַרשוינען.

אין דער פינפטער וועלט איז ער געגליכען צו אַן אייזעל, אויף וועלכען עס איז אָנגעלאָדען משא און וועלכער געהט שווער אונטער די שמיץ פון אָנטרייבער.

אין דער זעקסטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ הונט, וואָס שלעפּט אומפערשעמט אַלץ, וואָס ער קאָן, און בילט אויף יעדערן, ווער עס דערנעהענט זיך צו איהם.

אין דער זיבעטער וועלט איז ער געגליכען צו אַ מאַלפע, וועלכע האָט דעם אָנבליק פון אַ מענשען און איז פאָרט נישט גלייך צו אַ מענשען, און ער פערלירט דעם שכל און אַלע לאַכען פון איהם און קיינער פאָלגט איהם נישט.

## ה.

און אָט קומט אָן די שעה פון׳ם מענשענס טויט.

און ווידער קומט צו איהם דער מלאך, וואָס הייסט „לילה“ און פרעגט איהם.

—דערקענסטו מ ך?

און דער מענש ענטפערט:

—איך דערקאָן דיך.

און דער מענש פרעגט:

—נאָך וואָס ביזטו אין דער שעה געקומען צו מיר?

און דער מלאך ענטפערט און זאָגט:

—איך בין געקומען דיך צונעהמען פון דער וועלט. עס איז אָנגעשטאַנען די שעה פון דיין טויט.

און דער מענש וויל נישט אַוועקגעהן פון דער וועלט און זאָגט:

—דו האָסט מיך אַרויסגעפיהרט פון צוויי וועלטען, פון

וועלכע איך האָב נישט געוואָלט אַוועקגעהן. צו וואָס ביזטו ווידער געקומען מיך אַרויספיהרען פון דער וועלט?

און ביטער וויינט דער מענש און ער שרייט, און זיין געשריי טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערן, אָבער קיין לע־בעדיגער מענש הערט איהם נישט, ווייל עס וואָלט צוגאַנגען געוואָרען יעדענס האַרץ. בלויז דער נאַכט־האָן הערט דאָס גע־שריי און ענטפערט דערויף.

און דער מלאך, וואָס הייסט „לילה", זאָגט דעם מענ־שען:

—זיי וויסען: איבערגוואַלד ביזטו בעשאַפען געוואָרען, איבערגוואַלד האָסטו געלעבט און איבערגוואַלד וועסטו שטאַר־בען און מוזען אָבגעבען דין־וחשבון דעם מלך־מלכי־המלכים, זיין נאָמען זאָל געבענטש זיין!

און דער מלאך נעהמט צו ביים מענשען די נשמה.

# די צעהן צייכענס פון משיח'ן.

## אָ.

א) גאָט, הקדוש ברוך הוא, מיט זיין לייטזעליגקייט, האָט צוגעגרייט די רפואה פאַר דער מכה.

ב) און איידער ער האָט מיט זיין הייליגער חכמה בעשאַפען די וועלט, האָט ער בעשאַפען דעם משיח גואל צדק.

ג) כדי ער זאָל אין די טעג פון די מורא'דיגע נסיונות מציל זיין די בעשעפענישען פון דער וועלט פון לעצטען אונטערגאַנג.

ד) נאָר דער אַלמעכטיגער האָט פאַרבאָרגען פון מענשליכע אויגען זיין שפור—דעם טאָג פון משיח'ן אויף הונדערטער און טויזענדטער יאָהרען.

ה) און אין דער פינסטערער שעה פון גאָט'ס גרימצאָרן, בעת דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען און דאָס פאָלק ישראל איז פאַרטריבען געוואָרען פון זייער הייליג לאַנד,—

ו) האָט משיח געטאָן צוויי טריט פון זיין פערבאָרגעניש, כדי אַראָבגעהן אויף דער וועלט און מציל זיין די איבערגעבליבענע פון הויז יעקב.

ז) נאָר דער אַלמעכטיגער, פאַר וועלכען עס זענען אָפען די קומענדיגע געשעהעניסען ביז סוף כל הדורות, האָט איהם צוגעשטעלט אויף דעם דריטען טריט און געקאָנט איהם אַזוי צו זאָגען:

ח) „די זינד פון פאָלק ישראל, פון די היינטיגע און קומענדיגע דורות וועלען אַריינטאָן דיין האַלז אין אַן אייזערנעם יאָך.

ט) „און ווי ביי אַן אָקס פון גרויס מיה און פיין, וועלען דיינע אויגען אויסגעלאָשען ווערען און דיין צונג וועט צוגעקלעבט ווערען צום גומען. נעמסטו אויף זיך דעם נסיון?”

י) האָט משיח געענטפערט און געפרעגט: „וויפיל וועט דער נסיון דויערן?”

יא) און גאָט'ס קול האָט איהם געקאָנט אַזוי צו זאָגען: „איך שווער ביי דיין לעבען—נאָר אויף אַ זיבען צאָהל פון טעג האָב איך אַרויפגעלעגט די משא אויף דיינע אַקסלען.

יב) „נאָר אויב דיין האַרץ טרויערט אויף דעם, וועל איך אין מיין גרימצאָרן אויסראָטען די יעניגע, וועלכע האַלטען אויף דיין קומען!”

יג) און משיח האָט געענטפערט: „גאָט אַלמעכטיגער! מיט גרויס פרייד און מיט'ן גאַנצען האַרצען נעם איך אויף זיך די יסורים פון דער וועלט”—

יד) „נאָר עס זאָל נישט אויסגעלאָשען ווערען דאָס לעבען אַפילו פון איין-איינציגען פון דיינע קינדער.”

טו) און דער אַלמעכטיגער האָט אַרויפגעלעגט משיח'ן אויף די אַקסלען אייזערנע באַלקען און אויף זיין האַלז אַ שווערען יאָך, אַזוי אַז זיין מעכטיגער וואוקס האָט זיך צונעבויגען צו דער ערד.

טז) און משיח האָט אָנגעפאַנגען וויינען אונטער דער שווערקייט פון זיין איינגעבויגענעם וואוקס און האָט אויסגערופען:

יז) „גאָט אַלמעכטיגער! היפּיל-זשע איז מיין כח! וויפיל איז מיין גייסט! וויפיל איז מיין קרעפטיגקייט!״

יח) און גאָט׳ס קול האָט איהם געטאָן אַזוי צו זאָגען: „מיין געליבט קינד, האָסטו דען נישט אַליין פון ששת ימי בראשית אָן מיט׳ן גוטען ווילען גענומען אויף זיך די יסורים פון דער וועלט?

יט) „זיי-זשע וויסען: פון יענער שעה, זינט מיין פאָלק האָט פאַרלאָרען זיין לאַנד, בין איך נישט אַרויף אויף מיין קיניגליכען שטול.

כ) „און איבער מיין קאָפּ רוהט שטענדיג דער טוי פון שטאָק-פינסטערער נאַכט.״

כא) און ווי נאָר משיח הערט די ווערטער, רופט ער באַלד אויס: „מיין צער האָט זיך געשטילט. גענוג דעם קנעכט, אַז ער איז געגליכען צום האַר!״

ב

א) יעדען טאָג מיט דעם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערן הילט-איין דער אַלמעכטיגער זיין פּנים אין טרויער און וויינט.

ב) און דאָס קול זיינס, ווי אַ קול פון אַ טויב, קלאָגט און רעדט אַזוי צו זאָגען:

ג) „וועה איז מיר! איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז, איך האָב פאַרברענט מיין פּאַלאַץ און געשיקט מיינע קינדער זיין נע-ונד צווישען פרעמדע פעלקער!״

ד) און, וויינענדיג, לאָזט ער פאַלען פון די אויגען צוויי טרעהרען אין ים אוקינוס.

ה) און, פאַלענדיג אין ים, קלאָגען די טרעהרען, און זייער קלאָג ווערט געהערט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן.

ו) און עס טרייסלען זיך פון דעם די הימלען און עס ציטערט די ערד.

ז) און אַז משיח הערט גאָט׳ס געשריי פון הימעל און פון ים אוקינוס די קלאָג פון זיינע הייליגע טרעהרען און פון דער ערד די זיפצען פון פערביסערטען פאָלק ישראל—

ח) דערנעהנט ער זיך צום אונטערשטען טרעפ פון כסא-הכבוד.

ט) און הויבט-אויף דעם בליק צו גאָט און פרעגט מיט גרויס טרויער אָהן ווערטער: „ביז וואַנען, רבונו-של-עולם?״

י) און ביי דעם אַלמעכטיגען ווערען די אויגען פיילט פון גרויס רחמנות, נאָר זיין קול ענטפערט משיח׳ן אַזוי צו זאָגען:

יא) „מיין געליבט קינד! עס איז נאָך נישט געקומען דיין שעה און עס האָט זיך נאָך נישט דערפיהלט די צייט פון די ערדישע כוחות.״

יב) און יעדען טאָג, אום האַלבען טאָג, זיצט משיח אין דעם געשטאַלט פון אַנ׳אָרימאַן ביים טויער פון שטאָט רוים צווישען בעטלער און קאַליקעס.

יג) זיינע בגדים זענען לומפען און דער גוף זיינער איז בעדעקט מיט וואונדען.

יד) און ער וויקעלט פונאַנדער די וואונדען איינע נאָך איינע און ענטפלעקט זיי פאַר די בליקען פון די פאַרבייגעהענדיגע.

טו) נאָר קיינער פון די פעלקער פון דער וועלט ווענדט נישט זיין בליק צו איהם און קיינעמס האַרץ רופט זיך נישט אָב אויף זיינע וואונדען מיט אַ ציטער פון רחמנות.

טז) און יעדען טאָג, מיט דעם אויפגאַנג פון אָווענד-שטערן, שטעהט משיח מיט אָנגעגורטע לענדען, מיט׳ן שטעקען אין האַנד ביים טויער פון היכל און וואַרט מיט ציטערניש אויף גאָטס בעפעהל: „געה!״

יז) נאָר עס פערשווינדען הונדערטער יאָהרען און עס

געהען דורך טייזענדטער יאָהרען און דער בת-קול שווייגט.

יח) אָבער די צייט פון משיח איז שוין נאָהנט און גאָנץ טאָג דערגרייכט שוין זיין מיטעל-שטאַנד.

## ג.

א) און עס וועט פאָרקומען אין די לעצטע צייטען:

ב) אַז עס וועט קומען די שעה פון משיח'ן, וועט גאָט שיקען אויף דער וועלט שווערע נסיונות,

ג) כדי אָבצורייניגען די מענשהייט, ווי מ'רייניגט זאַב אין שייער שווערע זוימען פון פאָלאָווע.

ד) און ווי אַ גאָלדשמיד לייטערט אויס דורך אַ שטאַרק פייער גאָלד פון פסולת.

ה) און דער אַלמעכטיגער וועט שיקען אויף דער וועלט וואונדערבאַרע צייכענס.

ו) און זייער צאָל וועט זיין צעהן.

## ד.

א) דער ערשטער וועט זיין דער צייכען פון גרויסען פחד.

ב) דער אַלמעכטיגער וועט שיקען פון הימעל אַ שטיינער-נעם האָגעל און אַ פייערדיגען מבול.

ג) טייכען און ימים וועלען אַרויסטרעטען פון זייערע באָדטען.

ד) אויפ'ן הימעל וועלען זיך בעווייזען פייערדיגע שלאַנ-גען און לאַנג-עקיגע שטערען.

ה) די גרונדפעסטען פון דער ערד וועלען אָנהויבען צי-טערן און עס וועלען זיך לאָזען הערען שרעקליכע קולות און רעש'ן.

ו) אוןווילדע חיות וועלען פערלירען דעם פחד פאַר אַ מענשען.

ז) די בריסט פון דער ערד וועלען פערדאַרט ווערען.

ח) און אויף מענשען וועט אָנפאַלען אַ גרויסע אימה.

ט) אַלע פנים׳ער וועלען ווערען בלייך, אַלע קנעכלעך געשטרויכעלט פון שרעק און אַלע הערצער ווייך, ווי וואַקס.

י) און עס וועלען אומגעהן מענשען, שאָקלענדיג זיך, ווי שכור׳ע, און וועלען זאָגען:

יא) „עס זענען אָנגעשטאַנען די לעצטע טעג. עס דערנעהנטערן זיך די יסורים פון משיח׳ס צייטען!

יב) „אָ, וועה! ווער וועט אונז העלפען איבערקומען די געוויגערענס-ליידען פון די שרעקליכע טעג?"

ה.

א) דער צווייטער וועט זיין דער צייכען פון זון און בלוטיגען טוי.

ב) דער אַלמעכטיגער וועט אַרויסציהען די זון פון איהר פוטערפאַס און עס וועט אָנקומען אַ שטאַרקע היץ.

ג) און די זינדיגע און אמונה-פעלשער וועלען נישט קאָנען איבערטראָגען די היץ און וועלען שרייען:

ד) „וועה צו אונז! וואוהין אַנטלויפט מען פון דער פייערדיגער זון?"

ה) און זיי וועלען זיך בעהאַלטען אין דערנער, אין גריבער און אין שפאַלטען פון שטיינער.

ו) נאָר ערגעץ וועלען זיי נישט געפינען קיין קיהלע לינדערונג.

ז) און זיי וועלען זיך אַליין גראָבען קברים און לעגען זיך אין זיי לעבעדיגערהייט און רופען דעם טויט, ווי אַן אויסלייזער.

ח) און אַז עס וועלען פאַרבייגעהן דרייסיג היציגע טעג, וועט די זון באַהאַלטען איהר פנים.

ט) און איבער דער וועלט וועט זיך פערשפרייטען אַ שטאַרק-פינסטערניש.

י) און די זינדיגע און אמונה-פעלשער וועלען אַריינגעטריבען ווערען אין דעם חושך.

יא) און זייערע געדערים וועלען ווערען פול מיט פינסטערניש און די גופים באַדעקט מיט עפּוש'דיגע קרעץ.

יב) און עס וועלען זיך ביי זיי צומישען די געדאַנקען און זיי וועלען זיין שכּור אָהן וויין.

יג) און די יעניגע, וואָס וועלען בלייבעןביים זינען, וועלען זיין פאַרשעמט.

יד) ווייל זיי וועלען פאַרשטעהן, אַז די צייכענס באַטייטען, אַז די גאולה פאַר דאָס פאָלק ישראל איז נאָהענט.

טו) און אַז עס וועט פאַרבייגעהן דרייסיג טעג שטאַרק-פינסטערניש, וועט די זון באַקומען איהר געוועהנליכע לייכטונג.

טז) דעמאָלט וועט דער אַלמעכטיגער שיקען אַ בלוטיגען טוי און עס וועלען זיך פונאַנדערגיסען בלוטיגע טייכען און סאַזשעלקעס.

יז) די זינדיגע און אמונה-פעלשער וועלען פערגעסען דעם אונטערשייד צווישען בלוט און וואַסער, און וועלען טרינקען פון די בלוטיגע טייכען אין סאַזשעלקעס.

יח) און זיי וועלען זיך קייקלען אין גרויסע וועהטאָגען און פאַרפלוכען דעם טאָג, ווען זיי זענען פאַרנומען געוואָרען אין טראָגען.

יט) און וועלען פאַלען הויפען-ווייז, און עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל זיי בעערדיגען.

כ) און עס וועלען פול ווערען די שטעדט מיט עפּוש פון פגרים.

כא) און עס וועלען פאַרוויסט ווערען די מויערן און פאַלאַצען, די ערטער פון טענץ און מאָלצייטען.

## ו.

א) דער דריטער וועט זיין דער צייכען פון פערזיגעלטע טייערן.

ב) דער אַלמעכטיגער וועט פערזיגלען די טויערן פון חכמה, און רעכטפאַרטיגע מענשען וועלען נישט קאָנען פער-בלייבען אויף דער וועלט.

ג) און זיי וועלען זיך פערזאַמלען מחנות-ווייז, מחנות-ווייז און צוועקגעהן אין דער מדבר.

ד) און וועלען באַזעצען זיך צווישען דערנער און אין שפּאַלטען פון פעלזען און אויף הויכע ערטער און אין נידעריגע טאָלען, וואו עס איז נישטאָ קיין מענשליכער ישוב.

ה) און זיי וועלען זאָגען צום לייב: „דו ביזט מיין ברו-דער!" און צום לעמפּערט: „דו ביזט מיין קרוב!" ווייל זיי וועלען פאַרלירען דעם צוזאַמענבונד מיט מענשען.

ו) און אין יענע טעג וועט נישט זיין ביים פאָלק ישראל נישט קיין הערשער און נישט קיין וועג-ווייזער, נישט קיין טרייע פאַסטוכער און נישט קיין וואָרהאַפטיגע מענער.

ז) און עס וועלען זיך פערמעהרן פאַלשע נביאים און פאָלקס-פערפירער.

ח) און עס וועט פערגעסען ווערען די געדעכעניש פון די גדולים, און פון זינען וועלען אויסגעמעקט ווערען די איי-ביגע ווערטער.

ט) עס וועלען פוסט ווערען די שולען און פער׳יתומ׳ט ווערען די בתי-מדרשים, און חדרים וועלען פערוואַנדעלט ווע-רען שאַנד-הייזער.

י) עס וועלען פערזיגעלט ווערען די טויערן פון חיונה.

יא) און עס וועלען אומוואַנדערן הונגעריגע צו צעהן, צו צעהן און אויסשטרעקען לעדיגע הענד, און קיינעמס האַרץ וועט זיך נישט אָברופען.

יב) ווייל עס וועלען פערזינעלט ווערען אויך די טויערן פון בארימהארציגקייט.

## ז.

א) דער פערטער וועט זיין דער צייכען פון גוג ומגוג.

ב) דער אלמעכטיגער וועט אויפעפענען די טויערן פון עק וועלט, און עס וועלען פון דארטען ארויסגעהן אן א צאהל חילות פון גוג ומגוג.

ג) זיי וועלען זיין נידעריגע, מזוהמ׳דיגע און בלוטדור-שטיגע.

ד) און מיט זייער אויסזיכט וועלען זיי אנווארפען א פחד אויף מענשען, און מיט זייער אטעם וועלען זיי פערברענען יעדערן, ווער עס וועט זיך דערנעהנטערן צו זיי.

ה) ביי זיי וועט זיין צו צוויי קעפ און צו זיבען אויגען אין יעדערן.

ו) נעגעל וועלען ביי זיי זיין אדלערשע און ציין פון א לייב און באקביינער פון אנ׳אייזעל, און דער גאנצער גוף וועט ביי זיי זיין בעוואקסען מיט האר, ווי ביי חיות.

ז) זיי וועלען זיין גרינג און לויפען, ווי הירשען און בלוטדורשטיג, ווי שאקאלען.

ח) טיפע ימים וועלען נישט אבשטעלען זייער גאנג, ווייל זיי וועלען אויסטרינקען די וואסערן פון זיי.

ט) און געדיכטע וועלדער וועלען נישט אויפהאלטען זייער געלאף, ווייל זיי וועלען צודרעסען די בוימער מיט די ציין.

י) און עס וועלען זיך פון זיי בעהאלטען קינדער הינ-טער די מוטערס און מוטערס הינטער די מאנען און מאנען הינטער די זקנים, און זיי וועלען שרייען:

יא) „וועה צו אונז! וועה צו אונז! ווער וועט אונז מציל-זיין פון די ווילדע חילות?"

יב) און די זקנים וועלען ענטפערן: „איצט איז שוין די

גאילה נזהענס. וואָרום דער טאָג פון משיח האָט זיך דער-געהנט צו זיין מיטגלשטאַנד.

ז.

א) דער פינפסטער וועט זיין דער ציילען פון דריי קסרים און פון משיח בן-יוסף.

ב) דער אַלמעכטיגער וועט אויפשטעלען פון דאָס פאָלק אדום הרשע, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם בית-המקדש, דריי קסרים.

ג) זיי וועלען זיין פאַלשע און זינדיגע, נאָר פערשטע-לען זיך פאַר פרומע לייט, כדי צו פאַנגען מענשליכע נשמות.

ד) און זיי וועלען אַרויכטרעטען מיט בייזע גזירות אַנט-קעגען דאָס פאָלק ישראל און וועלען נויטען יודען צו פעלשען אין גאָס.

ה) און וועלען הערכערן די צינשען אין צעהן מאָל: ווער עס האָט געצאָהלט פינף, וועט צאָהלען פופציג און ווער עס האָט געצאָהלט פופציג,—פינף הונדערט. און ווער עס וועט נישט האָבען צו צאָהלען, דעם וועט מען איבערגעבען צו אַנ׳-צכוריות׳דיגען טויט.

ו) די הערשאַפט פון די דריי קסרים וועט דויערן זיבען אין צוואַנציג חדשים. צו ניין, צו ניין חדשים די מלוכה פון יעדערן.

ז) דער דריטער פון די קסרים וועט איינגעמען פיל פעל-קער און חרוב מאַכען פיל לענדער און ווערען אַ מלך איבער דער גאַנצער וועלט.

ח) און ער וועט אַרויכטרעטען אַנטקעגען פאָלק ישראל מיט נאָך גרעסערע רדיפות, און יודען וועלען זיך מינערן, ווי וואַקס פאַר׳ן פייער.

ט) און צום סוף הערשונג פון דריטען קסר וועט אַרויס-קומען משיח בן יוסף.

י) ער וועט הייסן נחמיה בן חושיאל און נאך א נאָמען וועט ער האָבן: מנחם בן עמיאל.

יא) און ער וועט מיט זיך ברענגען די שבטים אפרים ומנשה און א האַלבן שבט גד.

יב) און עס וועט זיך פאַרשפּרייטן די בשורה וועגן משיח׳ס קומען, און עס וועלן זיך פאַרזאַמלען צו איהם יודען פון אַלע ווייטע לענדער.

יג) און משיח בן יוסף וועט אַרויסטרעטן אַנטקעגען דעם קיסר פון אדום הרשע און פערטיליגען פון זיין חיל רבי רבבות.

יד) און וועט שלאָגען צום שווערד דעם קיסר פון אדום הרשע און חרוב מאַכען זיין זינדיגע מלוכה ביז צום גרונד.

טו) און וועט אַרויסברענגען פון טורעם פון יוליאַנוס-קיסר די הייליגע בית-המקדש-כלים, וועלכע זענען דאָרט בעהאַלטען און וועט זיי ברײנגען אין ירושלים.

טז) און די בשורה וועגן די נצחונות פון משיח בן-יוסף וועט דערגרייכען צו די קסרים פון אַנדערע לענדער און אויף זיי וועט פאַלען אַן אימה און אַ ציטערניש.

יז) און דער מלך מצרים וועט שליסען מיט משיח בן-יוסף שלום אויף אייביגע צייטען.

יח) און דער מלך אַשור וועט איהם אונטערטעניג ווערען און צאָלען צינש.

יט) און משיח בן-יוסף וועט בעצווינגען אַלע לענדער אַרום ירושלים, פון דמשק ביז אַשקלון.

א) דער זעקסטער וועט זיין דער צייכען פון שטן אַר-מילוס.

ב) דער אַלמעכטיגער שאַפט גרויסע וואונדער.

ג) אין רוים, דער הויפטשטאָדט פון אדום הרשע, געפינט

זיך אַ געשטאַלט פון אַ שענער נקבה, אויסגעהאַקט פון ווייסען מירמעלשטיין.

ד) און אויסגעאַרבעט איז זי נישט דורך מענשליכע הענט, נאָר דער אַלמעכטיגער האָט זי אַליין בעשאַפען מיט זיין כוח.

ה) און עס וועלען קומען זינדיגע לייט פון אדום, מנוּבלים און אומפערשעמטע, און וועלען ליגען מיט דער שטיינערנער נקבה און וועלען זי דערוואַרימען.

ו) און דער אַלמעכטיגער וועט אָבהיטען זייערע טראָפּען אין דעם שטיינערנעם אינגעווייד פון דער נקבה און עס וועט בעשאַפען ווערען אַ ולד.

ז) און, אַז עס וועט זיך מיידען די בעשטימטע צייט, וועט זיך שפּאַלטען דער שטיינערנער בויך און וועט אַרויסגעהן אַ בריה אין געשטאַלט פון אַ מענשען.

ח) און זיין נאָמען וועט זיין „ארמילוס."

ט) און ער וועט האָבען אין דער הויך נײַנצעהן איילען און אין דער ברייט זעקס איילען און צווישען די אויגען אַ ספּח.

י) און ער וועט האָבען צוויי קעפּ. און די האָר אויף זיי וועלען זיין רויטע, ווי קופּער.

יא) און די אויגען וועלען זיין טיפע, און די פּיאַטעס פון די פיס וועלען זיין גרינע.

יב) און עס וועט קומען ארמילוס צו אדום הרשע און וועט זאָגען: „איך בין דיין גאָט!"

יג) און די קינדער פון אדום וועלען איהם באַלד אָננע-מען פאַר זייער גאָט און וועלען זיך צו איהם בוקען און וועלען איהם קרוינען פאַר אַ מלך איבער זיך.

יד) און ארמילוס וועט זיי זאָגען: „ברענגט פאַר מיר די לוחות, וואָס איך האָב אייך געגעבען."

טו) און זיי וועלען ברענגען דעם שקץ פון זייער געצענדינערײַ און צוועקלעגען פאַר איהם.

טז) און וועט זאָגען: „פאַרוואָר! דאָס איז די תורה און

די געזעצען, וואָס איך האָב אייך געגעבען!"

יז) נאָכדעם וועט ארמילוס הייסען רופען משיח בן-יוסף און די קינדער פון פאָלק ישראל און וועט זיי זאָגען:

יח) "ברענגט פאַר מיר אייער תורה און זאָגט אויף מיר עדות, אַז איך בין אייער גאָט."

יט) נאָר משיח בן-יוסף און די קינדער פון פאָלק ישראל וועלען אַריינקומען אין אַ גרויס צאָרן.

כ) און משיח בן-יוסף וועט פונאַנדערוויקלען אַ ספר-תורה און פון דאָרטען לייענען אויפ'ן קול:

כא) "איך בין גאָט, דיין גאָט, וועלכער האָט דיך אַרויס-געצויגען פון לאַנד מצרים פון הויז פון קנעכטשאַפט."

כב) "און עס זאָלען נישט זיין ביי דיר קיין פרעמדע געטער קעגען מיר."

כג) און אין דערזעלבער שעה וועט משיח בן-יוסף און מיט איהם דרייסיג טויזענד גבורים פון די גבורי אפרים אַרויסטרע-טען קעגען אַרמילוס הרשע און וועלען פון זיין חיל טויטען צום שווערד צוויי הונדערט טויזענד מאַן.

כד) דענסטמאָל וועט זיך אָנצינדען דער גרימצאָרן פון אַרמילוס, און ער וועט אַרויסרופען די ווילדע מחנות פון גוג ומגוג.

כה) און ער וועט זיי פיהרען אין דעם אַרומגעגראָבענעם טאָל,

כו) און וועט מלחמה האַלטען און וועט זיך שטאַרקען און וועט שלאָגען דעם יודישען חיל צום שווערד,

כז) און וועט נעהמען אין געפענגעניש משיח בן-יוסף און איהם שמידען אין אייזערנע קייטען,

כח) און וועט איהם פייניגען מיט אַלע ענויים קשים און מיט אנ'אומריינער האַנד שלאָגען איהם צום טויערד.

כט) און די אָבות וועלען פון זייער רוה אַרויסגעהן קע-גען דעם געפייניגטען און געטויטען משיח בן-יוסף

ל) און וועלען איהם מיט גרויס כבוד צוטראָגען אויף די הענד צו זיך אין מערת-המכפלה.

לא) און וועלען בעזינגען זיין מסירת-נפש פאַר דעם פאָלק ישראל.

לב) און דער אַלמעכטיגער וועט איהם מקבל-פנים זיין און וועט כאָן אַזוי צו זאָגען:

לג) „אפרים, מיין זוהן געטרייער, קינד פון מיין ליבשאַפט, עס איז גרויס מיין רחמנות צו דיר!"

לד) און די פעלקער פון דער וועלט, אונטער דער הערשאַפט פון אַרמילוס הרשע, וועלען אָנפאַנגען ווידער רודף זיין דאָס פאָלק ישראל מיט זייערע בייזע גזרות

לה) און וועלען זאָגען: „האָט איהר געזעהן דאָס חוצפה'דיגע און פערהאַכטע פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגען דער הערשאַפט פון אַלמעכטיגען אַרמילוס'ן און אַוועקגעזעצט אַן אייגענעם קיסר?"

לו) און אַלע שוואַכמוטיגע און אמונה-פעלשער און נישטוואָרהאַפטיגע פון פאָלק ישראל וועלען כופר זיין אין גאָט דעם אַלמעכטיגען און אַריבערגעהן צום פאָלק פון אדום הרשע

לז) און וועלען שפּאָטען פון די יעניגע, וואָס וועלען בלייבען שטאַרק אין זייער אמונה און וועלען זאָגען:

לח) „וואו איז די גאולה, אויף וועלכער איהר וואַרט, טפשים און משוגעים? משיה איז געפאַלען אונטערן שווערד פון אַרמילוס דעם אַלמעכטיגען, פון וואַנען זשע וועט קומען אייער אויסלייזונג?"

לט) און די איבערגעבליבענע פון הויז יעקב וועלען דורך גרויסע אַנגסט און צרות ווערען ריין, ווי גאָלד, אויסגעלייטערטע אין שטאַרקען פייער, און הייליג, ווי מלאכים

מ) און זיי וועלען זיך דערוויטערן אין מדבר יהודה און פערבלייבען דאָרטען פינף און פערציג טעג אין תענתים און תפילות.

מא) און אַרמילוס וועט פערגרעסערן זיין קעניגרייך און וועט אַרויסטרעטען מיט אַ מלחמה קעגען מצרים און וועט איהם מנצח זיין

מב) און וועט ווענדען זיין בליק צו ירושלים, כדי נאָך אַמאָל חרוב מאַכען איהם אויף אייביגע צייטען.

## ט.

א) דער זיבעטער וועט זיין דער צייכען פון דער ערשטער שאַלונג פון שופר של משיח.

ב) אויף דער ערד וועט אַראָבשטייגען דער מלאך מיכאל און וועט שאַלען אין שופר דריי מאָל.

ג) און ביי דער ערשטער שאַלונג וועלען זיך דורכדרינגען מיט פרייד אַלע זיבען הימלען, און עס וועט אויפלעבען דער פנים פון דער ערד.

ד) זיבען בליצען, צוזאַמענגעפלאָכטענע דורכאַנאַנדער, וועלען זיך לאָזען פליהען געא״ילט אַקעגען דוד מלך ישראל,

ה) און דוד מלך ישראל וועט אַרויסטרעטען פון זיין הימעלשען פאַלאַץ, און צוזאַמען מיט איהם וועלען אַרויסטרעטען אַלע שפּעטערדיגע מלכים פון דאָס הויז דוד און דאָס הויז ישראל.

ו) און ביי יעדערן וועט זיין אויפ'ן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין, נאָר דוד המלכ'ס קרוין וועט לייכטען שטאַרקער פון אַלע.

ז) און דוד המלך וועט אַריינגעהן אין בית-המקדש, וועלכער איז אַרויפגעטראָגען אויפ'ן הימעל, און וועט זיך זעצען אויף אַ פייערדיגער קעניגליכער שטוהל

ח) און מלכי בית-דוד וועלען שטעהן ביי זיין רעכטער האַנד און מלכי בית-ישראל ביי זיין לינקער האַנד.

ט) און ער וועט אָנפאַנגען זינגען מזמורים, וועלכע קיין לעבעדיגער מענש האָט נאָך נישט געהערט.

י) און מטטרון שר הפנים, און אַלע הימלישע חילות און די שרפים און מלאכי השרות און די חיות הקודש וועלען אַלע צוזאַמען ענטפערן:

יא) „קדוש, קדוש, קדוש, ה׳ צבאות!״ הייליג, הייליג, הייליג, גאָט פון הערשאַפט!

יב) און עס וועט אַראָפּנידערן אויף דער ערד אליהו-הנביא און וועט זיך אויפהויבען אויף די בערג פון ארץ-ישראל און וועט אָנהויבען בעקלאָגען זיי.

יג) און זיין קול וועט זיך לאָזען הערען פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, און ער וועט טאָן אַזוי צו זאָגען:

יד) „בערג פון הייליגען לאַנד ישראל, ביז וואַנען וועט איהר טאָן פערבלייבען אין וויסטעניש און אומפרוכטבאַרקייט?״

טו) און נאָכדעם וועט ער צוגעבען: „פרידען קומט אָן אויף דער וועלט״.

טז) און דעם צווייטען טאָג וועט ער ווידער אויפשטייגען אויף די בערג און וועט זאָגען: „ברכה קומט אָן אויף דער וועלט.״

יז) און דעם דריטען טאָג וועט ער נאָך אַמאָל אויפשטייגען אויף די בערג און וועט זאָגען: „אַ ישועה קומט אָן אויף דער וועלט.״

יח) און אין דערזעלבער שעה וועט דער אַלמעכטיגער אין זיין גרויס גענאָד אַראָפּנעהמען פון משיח בן דוד דעם שווערען יאָך פון האַלז און די אייזערנע משא פון זיינע אַקסלען.

יט) און וועט טאָן אַזוי צו זאָגען: „מיין קינד געליבטס! דיין שעה איז געקומען. געה!״

כ) און משיח בן-דוד וועט אויסגלייכען זיין איינגעבויגענעם וואוקס און וועט טאָן דעם דריטען טריט, וואָס איז אָבגעשטעלט געוועזן אויף טויזענדער יאָהרען

כא) און וועט קומען אויף דער וועלט אין דעם געשטאַלט פון אַן אָרעמאַן, רייטענדיג אויף אַן אייזעל.

כב) און צוזאַמען מיט משיח בן-דוד וועלען קומען אליהו הנביא און די נביאים: משה, ישעיהו, ירמיה, ברוך, עזרא, חנוך און מלכי צדק.

לג) אַלע ציזאַמען, מיט משיח בן-דוד, וועלען זיי זיין גיין.

לד) און וועלען מיטבריינגען די צדיקים, וועלכע זיינען געזעסען אין מדבר יהודה פינף און פערציג טעג אין תעניתים און תפילות.

לה) און משיח בן-דוד וועט זיי אומקעהרען זייערע צו-גאַנגענע הערצער, און וו ט אונטערהאַלטען זייערע אָפּגע-שוואַכטע הענט, און וועט שטאַרקען זייערע געשטרויכעלטע לענדען.

כו) און די קינדער פון פאָלק ישראל, די צושפּרייטע אין פרעמדע לענדער, אַז זיי וועלען דערהערען די שאַלונג פון שופר של משיח, וועלען פערשטעהן, אַז עס איז געקומען די גאולה.

כז) און וועלען אויפזאַמלען זיך און קומען צו משיח בן-דוד, ווי עס שטעהט געשריבען:

כח) „און עס וועלען קומען די פערלאָרענע אין לאַנד אשור און די פערוואָגעלטע אין לאַנד מצרים.“

כט) און משיח בן-דוד און מיט איהם אליהו הנביא און די איבעריגע נביאים וועלען פיהרען די צדיקים פון מדבר יהודה און די געקומענע פון אַלע עקען וועלט — קיין ירושלים.

ל) און משיח בן-דוד וועט אויפשטייגען אויף דער איינ-ציגער טרעפּ, וואָס איז פערבליבען פון בית-המקדש, און וועט זיך זעצען אויף איהר אין טיפען טרויער.

לא) און עס וועט זיך דערוויסען ארמילוס הרשע, אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַ מלך ביי דאָס פאָלק ישראל, און וועט אויסשרייען מיט שטאַרקען גרימצאָרן:

לב) „ביז וואַנען נאָך וועט דאָס חוצפה׳דיגע און פער-האָסטע פאָלק ווידערשפּעניגען אָן מיין געבאָט!“

לג) און וועט ווידער אויפזאַמלען די חילות פון גוג ומגוג און מיט זיי אַרויסטרעטען אַ קעגען משיח בן-דוד.

לד) אוןביידע מחנות וועלען זיך צונויפקומען אין סאַי

הושפט: די פון איין זייט און יענע פון דער אנדערער זייט.

לה) און דענסטמאל וועט גאט ברוך הוא, אין זיין מאכט און גבורה, ארויסטרעטען אקעגען ארמילוס הרשע און זיינע חילות

לו) און וועט אנידערשטעלען משיח בן-דוד זיך ביי דער רעכטער האנד און די יודישע חילות ביי דער לינקער האנד

לז) און וועט האגלען פון הימעל מיט שטיינער און פייער-פיילען און רעגענען מיט זודיגע פעך און שוועבעל.

לח) און וועט פערטיליגען ארמילוס'ן מיט זיינע חילות ביז צום לעצטען.

לט) און וועט פערוויסטען די קיניגרייך פון אדום הרשע ביז צום גרונד, אז קיינער וועט נישט וויסען איהר ארט ביז סוף כל הדורות.

## יא.

א) דער צלטער וועט זיין דער צייכען פון דער צווייטער שאלונג פון שופר של משיח און פון תחית-המתים.

ב) דער מלאך מיכאל וועט שאלען אין שופר צום צווייטען מאל.

ג) און עס וועלען זיך אויפעפענען די קברים און די שטיינערנע הייליען און די הילצערנע ארונ'ס.

ד) און עס וועלען אויפשטעהן פון זייערע קברים די גע'הרג'טע און פערפייניגטע על קדוש השם.

ה) און עס וועלען לעבעדיג ווערען אלע מתים און טויט-געבארענע פון ששת ימי בראשית

ו) און אלע וועלען אויפשטעהן תחית המתים אין דעמזעלבען געשטאלט, אין וועלכען זיי זענען געשטארבען.

ז) ווער עס איז ביים לעבען געווען א בלינדער, וועט אויפשטעהן א בלינדער, ווער א הינקענדיגער, וועט אויפשטעהן

אַ הינקענדיגער, און ווער אַ שטומער, וועט אויפשטעהן אַ שטו-מער.

ח) כדי אַ פריינד זאָל דערקאָנען דעם אַנדערען און אַ קרוב דעם צווייטען

ט) און כדי די שאַלקהאַפטיגע זאָלען נישט זאָגען, אַז דאָס זענען נישט אויפגעשטאַנענע תחית המתים, נאָר ניי-געבאָרענע.

י) און נאָכדעם וועלען אַלע מומים געהיילט ווערען און אַלע קראַנקע געזונט ווערען.

יא) און משיח בן-דוד און מיט איהם אליהו הנביא און די איבעריגע נביאים וועלען געהן צום קבר פון משיח בן-יוסף

יב) און וועלען איהם לעבעדיג מאַכען, און ער וועט זיך מיט גרויס כבוד שטעלען אין זייערע צייל'ען.

יג) און די מחנה פון נביאים וועט בעשטעהן פון צעהן.

## יב.

א) דער ניינטער וועט זיין דער צייכען פון דער דריטער שאַלונג פון שופר של משיח און די אויסלייזונג פון גלות.

ב) דער מלאך מיכאל וועט שאַלען אין שופר צום דרי-טען מאָל.

ג) און עס וועלען זיך פערזאַמלען פון אַלע פיר עקען וועלט די קינדער פון פאָלק ישראל צו משיח בן דוד.

ד) און דער אַלמעכטיגער וועט אַרויספיהרען פון הינטער דעם טייך גוזן און די ווייטע שטעדט פון מדי די פער-טריבענע צעהן שבטים.

ה) און ער וועט אַרויספיהרען פון הינטער דעם טייך סמבטיון און הרי-חושך די קינדער פון משה רבנו.

ו) און משיח בן-דוד וועט פיהרען אין ארץ ישראל אַלע יודען, די, וואָס זענען געווען לעבעדיגע און די, וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים,

ז) די נאָהענטע און די ווייטע, די צדקים און בעלי-תשובות, אַלעמען ביז דעם לעצטען.

ח) און דער אַלמעכטיגער וועט אויפשטעלען איבער משיח בן דוד'ן זיבען חופות פון טייערע שטיינער,

ט) און פון אונטער יעדער חופה וועלען ארויספלייצען צו פיר טייכען: פון מילך, פון האָניג, פון וויין און איידעלסטע בשמים.

י) און דער אַלמעכטיגער וועט נעהמען ביי אליהו הנביא פון האַנט דעם קרוג מיט אייל

יא) און וועט זאַלבען משיח בן-דוד פאַר אַ מלך און וועט איהם אונטערפיהרען אונטער די חופות.

יב) און דער אַלמעכטיגער וועט אין זיין גרויסער הער-ליכקייט אַרויסטרעטען בעפאָר אַלעמען,

יג) און נאָך איהם וועט געהן משיח בן-דוד און דוד המלך מיט די איבעריגע מלאכים און נאָך זיי די נביאים.

יד) און ביי משיח'ס רעכטער האַנט וועט געהן די תורה און ביי זיין לינקער האַנט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל,

טו) און יעדער שבט וועט זיין אַרומגערינגעלט מיט אַ ליכטיגען וואָלקען.

טז) און נאַר די געהענדיגע וועט זיך פערשפרייטען אַ לאַנד, וואָס וועט בליהען ווי גאָט'ס גן-עדן.

## יג.

א) דער צעהנטער וועט זיין דער צייכען פון ירושלים העליון און פון גאָטס הערשאַפט אויף דער וועלט.

ב) דער אלמעכטיגער וועט צונויפזאַמלען די בערג פון דער גאַנצער וועלט און וועט זיי צונויפלעגען איינע אויף איינע.

ג) און אויף דעם שפיץ וועט ער אויפשטעלען דעם נייעם ירושלים, ירושלים דעם העכסטען.

ד) און ער וועט איהם ארומרינגלען מיט הויכע ערד־ווענד, מיט טורעמס און טויערן פון וואונדערליכער שענקייט.

ה) און עס וועט אויפגעשטעלט ווערען דער נייער ירושלים אויף צעהן שטיינער.

ו) און דאס איז זייערע נעמען: אדם, פטדה, ברקת, אסמרגדי, שוהם, ישפה, ספיר, לשם, טורמאלין, אהללה.

ז) און דער אלמעכטיגער וועט צוגעבען נאך צווי שטיי־נער: אקדה און מרקיה, כדי עס זאל זיין צוועלף, נאך דער צאהל פון די שבטים.

ח) און דער אלמעכטיגער וועט אויפשטעלען דעם בית־המקדש אין זיין גלאנץ און פראכט.

ט) און ער וועט אין זיין הערליכקייט איבערשטייגען דעם בית ראשון פון שלמה המלך.

י) און עס וועלען בענייט ווערען די הימלען, די ערד און דאס פאלק ישראל.

יא) די הימלען און די ערד, וועלכע וועלען אין די מורא'דיגע משיח'ס טעג זיין צונויפגעלעגט, ווי א ספר, אדער ווי א בגד, וועלען אויסגעגלייכט ווערען.

יב) און דאס פאלק ישראל, דורכגעהענדיג דורך שפלות און טויט, וועט ניי־געבארען ווערען און אויפלעבען.

יג) און דער אלמעכטיגער וועט פערמעהרען די ליכט פון דער זון זיבען מאל צו זיבען מאל זיבען—און אין גאנצען אין דרייהונדערט דרייאונפערציג מאל.

יד) און אויף אזויפיל וועט זיך פערמעהרען אויך די ליכט פון דער לבנה.

טו) נאר דאס ליכט פון די צדיקים וועט זיין דרייהונ־דערט דרייאונפערציג מאל גרעסער, ווי דאס ליכט פון דער זון אין איהר מיטעלשטאנד.

טז) און די גאנצע וואונדערליכע שענקייט פון דער ערד, וואס איז פערוועלקט געווארען נאך אדם הראשונ'ס חטא, וועט ווידער אויפבליהען.

יז) און די ערד וועט יעדען טאג לאזען ארויסשפראצען

נייע וואַקסינגען און געבען נייע פּרות.

יח) און דער אַלמעכטיגער אין זיין גרויס גנאָד וועט זיך דערבאַרעמען איבער סדום ועמורה און וועט זיי אויפשטעלען פון זייער חורבן אין זייער פריהערדיגער ביי.עגרער פראַכט

יט) און דער אַלמעכטיגער וועט אַראָבשטויסען אין אייביגען פלאַם פון שאול תחתיה דעם שטן המשחית מיט זיינע מחנות מקטרגים און משחיתים, און זיי וועלען דאָרטען פערפאַלען געהן אויף אייביג.

כ) און דער אַלמעכטיגער וועט שעכטען דעם מלאך המות און דאָס מענשליכע געשלעכט וועט ווערען אומשטערבליך.

## יד.

א) גאָט, הקדוש ברוך-הוא, וועט אַריינטאָן אַ נייעם גייסט אין די אַלטע ווערטער און וועט געבען דעם מענשליכען געשלעכט אַ נייע תורה.

ב) און ער וועט שיקען אַלע פעלקער פון דער וועלט דעם פערשטאַנד פון אמת און רעכטפאַרטיגקייט.

ג) און ער וועט עפענען פאַר די פעלקער פון דער וועלט דעם קוואַל פון וואָהרהאַפטיגקייט און לייטזעליגקייט.

ד) כדי עס זאָל מקוים ווערען, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען:

ה) „און איך וועל אייך געבען אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינטאָן אין אייך.

ו) און וועל אָבטאָן פון אייער גוף דאָס שטיינערנע האַרץ און וועל אייך געבען אַ האַרץ פון לייב און בלוט."

# דער גיהנום.

איבער אַלע זיבען הימלען,
איבער דר׳ערד און די מזלות,
איבער אַלץ, וואָס גאָט דער הערשער,
דער אַלמעכטיגער און שטרקער,
האָט מיט גנאָד און מיט רחמנות
זעדר מיט דעם פייער-אויסברוך
פון זיין גרימצאָרן בעשאַפען —
הערשט פון אייביג אונגעענדערט
נאָר דער קאַלטער און דער שטרענגער
פסק-דין: „מדה כנגד מדה."
אַ גאָטס-פורכטיג-פרומער לעבען
ווערט בעלויהנט מיט עולם-הבא
אין דעם ליכטיגען גן-עדן.
און פאַר עולה׳ס און עבירה׳ס
זענען אָנגעגרייט די ליידען
פון די שבע מדורי גיהנום.

טיף און פינסטער איז דער גיהנום!
דאָרטען העלפט שוין נישט קיין תשובה
און פון דאָרט טוט נישט דערגרייכען
צו די פיס פון גאָט דעם הערשער
נישט קיין טרעהר און נישט קיין תפילה.
דאָרטען רופט מען, ווי אַ חסד,
דעם ניט-זיין, דעם טויט דעם שטילען,
נאָר פאַר זונדיגע אין גיהנום
האָט דער טויט שוין נישט קיין שליטה!.
אונטער גיפטיגען געלעכטער
פון סמאָל און זיין כתה
טוען דאָרטען שטענדיג הילכען
זיפצען, קלאָגען און געשרייען.

צו די טויערען פון גיהנום
פיהרען דריי בעשטימטע וועגען.
איין וועג ציהט זיך דורך די תהמים
פון די אַלע זיבען ימים.
דורך דעם וויסטען טויטען מדבר
ציהט זיך, ווי חרפה-צייכען
פון אַ תלין-שמיץ, דער צווייטער.
און דער דריטער וועג, דער שלימסטער,
ציהט זיך לאַנג און שווער און פינסטער
אונטער דר׳ערד צום טיר פון גיהנום.
וואו עס זאָל אַ ייד נישט שטאַרבען,
ווי ער קומט נאָר אָב ביים פטירה
די בעשטימטע הבלי-מות
און דעם חיבוט פון דעם קבר,
מוז ער אונטער דר׳ערד זיך קייקלען
צוהן אַ וועג, אין טיפען הישך,
רייסען זיך דורך האַרטע פעלזען
דורך מחיצות און דורך זומפען,

ביז ער קומט אין ארץ-ישראל,
און פון דאָרטען ציהט דער וועג זיך,
אונטער זידענדען סמבטיון,
אונטער אַלע הרי-חשך.

ביי די טויערן פון גיהנום
לויערן פיל מחנות שדים.
זיי בעגעגענען דעם זינדער
מיט אַ הילכיגען געלעכטער
און מיט ווילדע קולות:—הב—הב!

קודם-כל מוז יעדער זינדער,
ווי ער קומט נאָר, זאָגען ודוי.
יעדער חטא און יעדע עולה,
וואָס ער האָט געטאָן ביים לעבען—
געגען גאָט, צי געגען לייטען,—
וואו און ווען ער האָט געטאָן עס,
מוז ער אַלץ אַליין דערצעהלען.
און דערביי, ווי ער דערמאָהנט נאָר
אַן עבירה, צי אַן עולה,
ווערט דערפון אַ שד בעשאַפען,
און ער פייניגט שווער דעם זינדער
פאַר זיין אייגענער בעשאַפונג.

ווי עס ענדיגט זיך אַ חודש
פון די גיהנום-פורעניות,
ווערט דער גוף פון בעל-עבירה
אויף די ציין פון שלימסטען משחית
אין אַ דינעם שטויב צומאָהלען,
און עס ווערט דער שטויב געוואָרפען
אין גן-עדן אויף די וועגען,
וואו עס טרעטען די צדיקים.

נאָכדעם וועט דער גוף פון זינדער
אויף דאָס ניי צוריק בעשאַפען.
דורך די ביטערע געשרייען
הערט זיך שטענדיג אַ יללה:
„גאָט אין הימעל איז וואָהרהאַפטיג,
און וואָהרהאַפטיג איז זיין משפט.
מיר, פאַר אונזערע עבירות,
האָבען רעכט פערדינט פורעניות,
זאָל געלויבט זיין גאָט דער הערשער
אונז אויף אייביג—שאַנד אין פנים!"

ב.

ועקס מעת-לעת, ביז שבת,
זידט און קאָכט און ברענט דער גיהנום
מיט דעם גרימצאָרן פון בורא,
און ער איז פערצוימט פאַר מחילה
און פערשלאָסען פאַר רחמנות.
אָבער ווי עס קומט נאָר שבת,
ווערט דער גיהנום באַלד בערוהיגט,
עס פערשווינדען די משחיתים,
ס'ווערט געשטילט און ווערט פערלאָשען
פון די קאַלך-אויווענס דער פייער.
און עס פליהט אַראָב אין גיהנום
פון דער הויך אַ מילדער מלאָך,
וועלכער ברענגט מיט זיך צו טראָגען
טרייסט אין מנוחה און רחמנות.
און ער פאָכעט מיט זיין פליגעל
איף די גופים די צוברענטע,
און ער לינדערט זיי די ליידען,
און ער זאַלבט זיי מילד די וואונדען

מיט גן-עדן-אייל און בשמים,
און ער רוימט זיי איין מיט רחמים
דעם בטחון אויף מחילה.
און עס געהט אַראָב פון הימעל
אויף די זינדער אַ מנוחה
און דער גייסט פון שבת קודש.
ווי נאָר אָבער אויפ׳ן הימעל
נעמען זיך בעווייזען שטערען,
און, בעגלייט מיט אַ הבדלה,
געהט אַוועק דער שבת-קודש,
פלאַטערט אויף דער פלאַם פון גיהנום
און עס פאַנגען זיך אָן ווידער
גלג צרות און ענוים.

ניט פאַר אַלעמען אין גיהנום
ברענגט דער מלאָך פון גן-עדן
שבת-רוה און טרייסט און בשמים.
ווער עס האָט נאָר ביי זיין לעבען
מוטוויליג פערשוועכט גאָט׳ס נאָמען,
דער באַקומט נישט קיין מניחה
אויך אויף שבת—און עס ברענגט ניט
דער גן-עדן-מילדער מלאָך
און זיין מדור פון יסורים
נישט קיין טרייסט און ניט קיין באַלזאַם.

---

און אָט דאָס איז באַשרייבונג
פון די שבע מדורי גיהנום:

ג.

ס׳רופט זיך בור דער ערשטער מדור.

דאָרטען, אונטער גרויסע קעסלען,
ברענט אַ העליש-שטאַרקער פייער.
און עס פליסען גרויסע טייכען
פול מיט זודיג פעך און שוועבעל;
ס׳ליגען גליהענדיגע קויהלען,
גרויס ווי בערג, ווי פייער-פעלזען.
שדים, לצים און משחיתים
האָבען דאָרט אַ פרצוף פנים
פון נחשים ועקרבים,
די, אַנטקעגען וועמעס אָנבליק
קען נישט העלפען קיין פערשווערונג.
דאָ אין מדור הילכען קולות
פון יללות און געשרייען,
דאָרט איז קעסלען און אין פלאַמען
צאַפלען זיך אין העכסטע ליידען
לעבעדיג פערברענטע גופים.
דאָרטען טרייבט אַ שד דעם זינדער,
טרייבט מיט פייערדיגע ריטער
אויף אַ קויהל, אַ באַרג פון פייער.
און ער קלעטערט אָהן אַנ׳אָטעם,
ביז ער קומט צום רעכטען אויבען.
און פון דאָרטען פליהט ער דאַסטיג
אין אַ ים פון פעך און שוועבעל.
ווייטער צאַפלען זיך דאָרט יענע,
וועלכע ווערען אויפגעגעסען
לעבעדיגערהייט פון ווערים;
און נאָך אַנדערע, וואָס היינגען
אויף די פינגער, אויף די ג׳דערים,
אויף דעם צונג, דאָס האָרץ, די אויגען,
און די עקדעשען און שלאַנגען
דרעהען זיך אַרום מיט אימפעט,

און זיי ברענגען מיט דעם עפּוש
און דעם גיפט פון זייער אָטעם.

דאָ אין דעם ערשטען מדור זענען
יענע זינדער, וועלכע האָבען
נישט מקיים געווען ריכטיג
אַלע הייליגע מנהגים...
ווער עס האָט געלערנט תורה
אָהן כונה און התלהבות,
ווער עס איז נישט אויפגעשטאַנען
מיט אַנ'אָבשיי פאַר אַ זקן,
חער עס האָט געשענקט אַן אביון
אַ נדבה, אַ מתנה
אָהן אַ סבר פנים יפות.
דאָרטען ווערען אויך געפּייניגט
יענע ווייבער, וועלכע האָבען
נישט פערדעקט די האָר מיט צניעות,
און די קינדער נישט געלערנט
זאָגען מודה, לייענען „קריאת-שמע,"
שרייען „אמן, יהי שמי רבא."

ד.

אין דעם צווייטען מדור, שחת,
שטעהען אין אַ לאַנגער רייהע
בערג אין שניי און בערג פון פייער,
און די שדים מיט די הערנער
שליידערן די זינדער איבער
נאָכאַנאַנד פון שניי אין פייער,
און צוריק אין שניי פון פייער,
און אין יעדער הרף-עין

ווערט דער גוף פון בעל-עבירה
אי פערברענט, אי איך פערפראָהרען.
שטענדיג איז ער דורכגעדרונגען
מיט אַ דורשט צו ליכט און וואַרעם,
מיט אַ דורשט צו קעלט און חושך.

דאָ זיינען מדור זענען יענע,
וועלכע האָבען זיך געספּק'ט
צווישען מצוות און עבירות,
לייכטזיניג דעם וואָרט געביטען,
שיחת חול גערעדט ביים דאַוונען.
אויך די יעניגע, וואָס האָבען
מיט אַ וואָרט, אַ שטיֹת, אַ שפּיצעל
שונך-דם געווען דעם חבר
אויף אַזוי פיל, אַז זיין פּנים
האָבען זיך ביי איהם געביטען
פון בזיונות אַלע פאַרבען.

ז.

דומה הייסט דער דריטער מדור.
דאָרטען, אין אַ קאַלטען, טויטען,
אונבעוועגטען, גראָהען שווייגען,
וועלכער איז געווען בעשאַפען,
איידער ס'איז אַ קול געבאָרען,
לויערט ווי אַ ווילדע חיה
דער משונה-גרויסער פּחד,
און ער קוקט אויף אַלץ אָהן אויגען,
מיט אַ בליק פון משוגעת.

דאָרטען, אין דער טויטער שטומהייט

ווערט פערוועלקט דער שטאַרקסטער פייער,
הויבט אָן פוילען, ווערט פערשימעלט.
האַרטע שטיינער, אייזען-פעלזען
ווערען אָן די גאַנצע שטאַרקייט.
זיי צוברעקלען זיך אויף שטיקער
און צושיטען זיך אָהן כח.
דורכגעדרונגען מיט דעם פחד
פון דער אונבעוועגטער שטומהייט,
הייבט דער זינדער אָן צו ברעכען
פון דעם אייגען גוף די ביינער,
נאָר כדי דעם טויטען שווייגען
מיט אַ קלונג צו איבעררייסען.
נאָר עס העלפט נישט. אין דעם מדור
איז שוין יעדער קול געשטאָרבען,
אָדער נישט געווען געבאָרען.

דאָ אין קאַלטען שטומען מדור,
קומען אָב די בעלי-גאוה׳ס,
וועלכע האָבען מיט אַ שטאָלצען
און רמאות-פרומען שווייגען
צוגעדעקט דעם פוסטען נפש,
וועלכע האָבען אָהן רחמנות
צוגעקוקט אויף פרעמדע ליידען;
ווער עס האָט דעם לאו פערגעסען
פון „לא תלין פעולת שכיר״;
ווער עס האָט אָהן שאַנד געגעסען
און געטרונקען און געהוליעט
אין דער סביבה פון אביונים.

ג

סיט היון—הייסט דער פערטער
פון די שבע מדורי גיהנום.
שטיל, פאַמעלעך, אָהן אַן־אויפהער,
ווערם דער זינדער איינגעזונקען
אין אַ זומפּ פון שווערען עפּוש...
שטענדיג וואָלט ער זיך אַנ׳אָנהאַלט,
אויף אַ רגע כאָטש אַ תקומה,
נאָר ער טוט עס נישט געפינען.
שטענדיג זעהט ער פאַר די אויגען
פעלזען, צווייגען, שטאַרקע צוימען,
אָבער ווי ער שפּרייט די האַנד אויס,
ווערען זיי פון איהם פערשוואונדען.
הונדערט טויזענד הענד פון לצים
טוען האַסטיג איהם דערלאַנגען
אויף אַנ׳אָנהאַלט שטאַרקע שטעקענס.
ווי ער וויל זיי אָבער נעהמען,
ווערען זיי, ווי דאַרע צווייגען,
גלייך צוברעכען און צושאָטען,
און ער זינקט און זינקט אין אָבגרונד,
אָהן אַן אויפהאַלט, אָהן אַ תקומה.

אין דעם מדור זינקען יענע,
וועלכע האָבען פאַלש געשוואָרען,
נישט דערלאַנגט אַ האַנד פון שטיצונג
מידע, אָרעמע און שוואַכע;
מוטוויליג מיט עזות מצח
זיך געוואָרפען פון דעם הויכען
תורה־פעסטינג אין דעם שוואַרצן

טיפען אָפּגרונד פון די חקירות;
די, וואָס האָבען מיט אַ חניפה,
מיט אַ בליק, אַ וואָרט, אַ תנועה,
אָרענטליכע ווייבער, בתולות,
אָנגערעדט צו בייזע מעשים.

ז.

שאול—הייסט דער פינפטער מדור.
דאָרטען פלאַקערען און ברענען
פינף-ערליי להבה-פייערס.
פליסיג איז דער ערשטער פייער:
ס'רעש'ען פייערדיגע טייכען
און זיי פליסען מיט אַ שטורם
אין די פייערדיגע ימים.
צווייטענס, טראָגען אום זיך דאָרטען
פייערדיגע שטורעמווינטען.
דריטענס, זענען דאָרט פאַרהאַנען
גרויסע שרעקליכע מדבריות,
פול מיט פייער-זאַמד, ווי פונקען,
וועלכער הויבט זיך אויף און טראָגט זיך
אין געדיכטע פייער-וואָלקענס.
ס'פּאַלט ווי שניי-פלאַקען דער פערטער
און בעדעקט אי בערג, אי טאָלען
מיט אַ ברענענד-קאַלטען פייער.
און דער פינפטער איז אַ שטילער,
אַ פערגליווערטער, אַ בלאָהער.
ער איז שרעקליכער פון אַלע:
ער פערצעהרט מיט פייער—פייער
דאָ, אין פייעריגען אָבגרונד
ווערט דער גינדער אָנגעגאָסען,

חי מיט בלוט, מיט פלאַמען-פייער,
וועלכע פליסען אין די אברים,
שטורמען דאָרט מיט אַלעליידען
און מיט העלישע יסורים.
און עס פלאַקערען און ברענען
אין דעם זינדער שוואַרצע תאוות,
שרעקליך ווילדער, ניט-געשטילטע.

דאָרטען קומען אָב די זינדער,
וועלכע האָבען נאָכגעגעבען
זייער גוף און גראָבע תאוות:
נישט געפאַסט דעם טאָג יום-כפור,
און געגעסען, פסח חמץ.
דאָרטען ווערען אויך געפייניגט
די, וואָס האָבען ביי אביונים
בלוט געצויגען דורך הלואות,
און פון פרעמדע שווייס און אַרבייט
אָנגעקליבען זיך פערמעגענס;
ווער עס האָט מיט בייזען ווילען
צי אַליין, צי דורך אַ צווייטען,
בלוט אונשולדיגעס פערגאָסען;
די, וואָס האָבען קינדער-זכרים
נישט אַריינגעפיהרט דורך מילה
אין דער יודישער קהילה;
יענע ווייבער. וועלכע האָבען
נישט געהיט דעם דין פון נדה.

ח

אין דעם זעקסטען פון די שבע
מדורי גיהנום, צלמות.

הערשט אַ ווייסטע אונבעגרענצטע
פינסטערע און טויטע פוסט-ייט,
אָהן אַ גרונד און אָהן אַנ׳אָנהויב,
וועלכע איז געווען בעשאַפען
פאַר די ששת ימי בראשית.
אין דעם מדור אָהן אַ שטח
זעהט פאַר זיך דער זינדער שטענדיג
אונגעענדערט זיך אַליין נאָר,
שטענדיג איז ער דורכגעדרונגען
מיט אַ דורשטיג-ווילדער שטרעבונג
זיך אין זיך אַליין בעהעפטען.
נאָר ער קען זיך נישט דערגרייכען
און ער ווייס נישט און פערשטעהט נישט:
ווער-זשע איז ער? דער, צי יענער?
אָדער ביידע זענען מעהר נישט
ווי אַ דמיון פון אַ דריטען?

דאָ איז מדור פון צלמות,
קומען אָב די זינדער, וועלכע
האָבען זיך אַליין גענומען
ביי אַ קלאָרען זין דעם לעבען;
די, וואָס האָבען מיט לצנות,
צי מיט ספקות, צי מיט יאוש,
ביי דעם אַנדערן אין האַרצען
אויסגערוימט, געטויט אויף אייביג
די אמונה אין דעם בורא,
אין גערעכטיגקייט און אמת;
חער עס איז געווען אַ מסור,
ווער ס׳האָט פאַלש געוויזען עדות
און אַנ׳אומשולדיגען מענשען
אומגעבראַכט, פערשמוצט דעם נאָמען
דורך אַ ליגען, צי אַ בלבול.

ווער עס האָט דורך זנות און עולות
אָב עמוּקט ביי זיך אין פנים
גאָט דעם הערשער׳ס דמות וצלם.
דאָרטען ווערען אויך גפּיינינגט
יענע שופטים, וועלכע האָבען,
צי פאַר שוחד, צי פון פחד,
קרום און אונריכטיג געמשפּט
און מיט זייער שוואַרצער פאַלשקייט
צוגעדעקט די בייזע מעשים
פון געוועלטיגער און רייכע.

## ט.

און דער זיבעטער און לעצטער
פון די שבע מדורי גיהנום
האָט קיין נאָמען נישט... פערגעסען...
אין דעם גיהנום אַ גיהנום,
און אַ טויטער שטומער חושך,
וועלכער איז נאָר דאָ פערבליבען
פון די ששת ימי בראשית,
אַ געדיכטער תהום פון חושך,
וועלכער איז אין שטאַרקען שלומער
ווי אַ פעלזענשטיין פערגליווערט.
און עס ברענט אין איהם און פלאַקערט
מיט אַ העליש שוואַרצען פייער
גאָט דעם פורכטבאַרען׳ס נקמה
און זיין גרימצאָרן דער גרויסער.

דאָרטען קאָכען זיך אין קעסלען
אין אַ זידענדיגען עפּוש
די, וואָס האָבען גאָט געלעסטערט

און פערשוועלט זיין הייליג-ריינעם
און אַלמעכטיג-שטאַרקען נאָמען.
פאַר די כופרים פון דעם מדור
כוס ביי גאָט זיך נישט דערוועקען
קיין שום שוואַכער פונק פון רחמים.
ס'איז נישטאָ פאַר זיי קיין שבת,
נישט קיין יובל, נישט קיין שמיטה.
און צו זייער שטראָף אין גיהנום
איז נישטאָ קיין סוף אויף אייביג.
אַז די וועלט וועט חרוב ווערען,
וועט זיך גאָט אַפילו דענסטמאָל
אויף די כופרים נישט דערמאָהנען!
און עס שוועבט אַ שוואַרצער פייער
אויף די טויערן פון דעם מדור,
און אין פייער—טויטע ווערטער:
„גאָט'ס פערגעסענע אויף אייביג
אין דעם טיפסטען תהום פון הושך...“

# דער טורעם אין רוים.

צום ליכטיגען אנדענק פון י. ל. פרץ.

מורא׳דיגע
און וואונדערליכע
מעשה פון א פער׳כשופ׳טען
טורעם מיט פיר טויער׳ן פון אנ׳אייזערנער
גער קרוין און פון אומפערוועלקטע גראזען.

## ט.

אין רוים, דער הויפּט-שטאָדט פין לאַנד אדום, איז פון אוראַלטע צייטען געשטאַנען אַ גרויסער טורעם, וואָס ס׳איז ניט צו בעשרייבען זיין שענקייט. אין טורעם זענען געזעזען פיר טויערן אויף אַלע פיר זייטען וועלט. און די אַלע טויערן זענען געוועזן פערשפּאַרט און פעררינגעלט מיט אייזערנע ריגלען און פערשלאָסען מיט שלעסער, אַזוי אַז קיין לעבעדיגער נפש האָט נישט געקענט אַריינדרינגען אין טורעם. און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס אין איהם געפינט זיך. און פון אַלטע צייטען איז געווען אַ מנהג, אַז יעדער קיסר, באַלד ווי ער איז געקרוינט געוואָרען, האָט געמוזט אויפהענגען אַ נייעם שלאָס אויף יעדען טויער און קיינער האָט נישט געוואוסט, צוליב וואָס דאָס ווערט געטאָן, נאָר אַלע האָבען עס שטרענג אָבגעהיט, ווייל אַזוי האָט זיך געפירט פון שנים קדמוניות, פון דור צו דור.

ויהי היום, איז דער מלך פון אדום געשטאָרבען. האָבען זיך פערזאַמעלט די האַרען, די פירשטען, די שטערנזעהערס

און אַנדערע גרויסע לייט, כּדי אויסצוקלויבען אַ נייעם קיסר'
און עס האָט אין יענער צייט געוואוינט אין רוים אַ מאַן פון
נידעריגען שטאַם, וועלכער האָט זיך פון שטויב דערהויבען
צום העכסטען שטאַנד און געוואָרען אַ גרויסער האַר. און אַלע
האָבען געפּאָלגט זיין וואָרט, ווייל ער האָט געוואוסט, ווי צו
בעוועלטיגען מענשליכע הערצער. און אַז מען האָט זיך פער-
זאַמעלט אויסצוּוועהלען אַ נייעם קיסר, האָבען אַלע בעשטימט
אַרויפזעצען אויפ'ן קיניגליכען שטול דעם מאַן פון נידעריגען
שטאַם.

און די פירשטען, האַרען און שטערנזעהערס זענען אַוועק
צו דעם מאַן, האָבען זיך פאַר איהם געבוקט און אַזוי גע-
זאָגט:

—זאָל אונזער האַר לעבען אייביג! מיר האָבען דיך אויס-
געוועהלט פאַר אַ קיסר איבער אונז.

און דער מאַן האָט זיי געענטפערט:

—איך וועל געבען מיין בעוויליגונג צו ווערען אַ קיסר
איבער אייך נאָר מיט דעם תנאי, אַז איהר וועט מיר צוזאָגען
און וועט עס בעשטעטיגען מיט אייער חתימה און אייער זיגעל,
אַז איהר וועט מקיים זיין דאָס, וואָס איך וועל פאָדערן פון
אייך.

האָבען זיי איהם געזאָגט:

—זאָל אונזער האַר אַרויסזאָגען זיין ווילען, וואָס ער וועט
פאָדערן פון אונז.

האָט דער מאַן זיי נאָכאַמאָל געזאָגט:

—איך שווער ביי אייערע קעפּ, אַז איך וועל נישט אויס-
מאַכען די לעפצען מיינע, ביז איהר וועט נישט געבען אייער
וואָרט, בעשטעטיגט מיט אייער חתימה און זיגעל, אַז איהר
וועט מקיים זיין די בקשה, וואָס איך האָב צו אייך.

און זיי האָבען איינגעוויליגט. און זיי האָבען אַוועקגע-
זעצט דעם מאַן אויפ'ן קיניגליכען שטול, אַרויפגעלעגט אויף
זיין קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין, געקניט און געבויגט זיך פאַר איהם
ביז געשריען:

—אונזער קיסר זאָל לעבען אייביג!

און זיי האָבען געמאַכט אַ גרויסען מאָלצייט, און מען האָט געגעסען, געטרונקען און געפרעהט זיך.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט דער נייער קיסר געלאָזען רופען צו זיך אַלע פירשטען, האַרען און שטערנזעהערס און געטאָן זיי אַזוי צו זאָגען:

—מיין ווילען איז צו וויסען, וואָס עס געפינט זיך אין טורעם מיט די פיר פאַרשלאָסענע טויערן. דערום בעפעהל איך, איהר זאָלט מיר עפענען די טויער', איך זאָל קאָנען אַריין אין טורעם און זעהן, וואָס דאָרט טוט זיך.

פון דידאָזיגע ווערטער זענען די פירשטען, האַרען און שטערנזעהערס שטאַרק דערשראָקען געוואָרען און האָבען אַלע אין איין קול געענטפערט:

—מיר פירכטען זיך זעהר צו ערפילען דעם בעגער פון אונזער הערשער! פון די אַלטסטע צייטען האָט קיין איין מאַן נישט געוואַגט צו עפענען די טויערן פון טורעם, נייערט יעדער קיסר האָט אויפגעהאַנגען נ״ע שלעסער אויף זיי. און אויב מיר וועלען איצט אַריבערטרעטען דעם בעפעהל פון אונזערע אבות, וועלען מיר ברענגען די גרעסטע אומגליקען אויף אונז און אונזער לאַנד.

און אַז דער קיסר האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער זיך דערצאָרנט און אויסגעשריען:

—האָט איהר דען אַליין נישט צוגעזאָגט און באַשטעטיגט מיט אייער חתימה און זיגעל, אַז איהר וועט טאָן אַ״ך, וואָס נאָר איך וועל פון אייך פערלאַנגען? און אויב איהר וועט איצט נישט ערפילען מיין בעגער, איז אייער בלוט אויף אייער קאָפּ!

דערזעהן, אַז דער קיסר איז פעסט אין זיין ווילען, האָבען די פירשטען, האַרען און שטערנזעהערס מיט גרויס אונטערטעניגקייט געענטפערט:

—זאָל געטאָן ווערען לויט דעם וואָרט פון אונזער הערשער!

און זיי האָבען געלייזען רופען די געניטע שלעסער—מאַכערס און געהייסען זיי אָבטאָן די ריגלען און אַראָבנעהמען די שלעסער פון איין טויער פון טורעם. און אַז דאָס איז געשעהן, איז דער קיסר מיט זיינע הויף-האַרען און דינערס אַוועק צום טורעם און האָט אויפגעעפענט דעם טויער און איז אַריין אין טורעם. אָבער ווי נאָר ער האָט אַריבער-געטראָטען דעם שוועל פון טורעם, האָט זיך דער טויער מיט אַ רעש פערשלאָסען, און קיינער פון די, וואָס זענען געוועזען מיט'ן קיסר, האָט נישט געקענט אַריין, און איז געבליבען צלויין אין טורעם.

און ער האָט אויפגעהויבען דעם בליק זיינעם און דער-זעהן פאַר זיך אַ גרויסען גאָרטען אַ בליהענדיגען, ווי אַ גן-עדן, און אין איהם פיל בוימער, שען צו אָנקוקען און געשמאַק אויפ'ן טעם.

און דער קיסר איז געגאַנגען ווייטער און האָט דער-זעהן אינמיטען גאָרטען אַ סאַזשעלקע מיט אַ רויטער און גע-דיכטער פליסונג, און ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין וואַסער, נייערט בלוט. און ער האָט דערזעהן, אַז אינ-מיטען דער סאַזשעלקע ליגט פון אויבען אויף אַנ'אייזערנע קרוין, און פון אַלע זייטען ציהען זיך פון דער ערד צו דער קרוין מענשליכע הענד, אַזוי פיל, אַז זיי זעהען אויס, ווי אַ יונג וועלדל. און פיל פון די הענד זענען צונויפגעפלאָכטען איינע מיט די אַנדערע, ווי וואָרצלען פון אַנ'אַלטען דעמב. און דער קיסר איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער סאַזשעלקע, און ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם, וואָס ער האָט געזעהן, ווייל ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס בעדייטען די אויסגעשטרעקטע און צונויפגעפלאָכטענע הענד און ווי אַזוי די אייזערנע קרוין האַלט זיך פון אויבען אויף דער סאַזשעלקע און זינקט נישט צום גרונט, ווי עס געהער פאַר אַנ'אייזערנע זאַך. און ער האָט זיך אומגעקעהרט צום טויער און געוואָלט אַרויסגעהן פון טורעם, נאָר דער טויער האָט זיך נישט גע-

פענט. און דער קיסר האָט צאָרנדיג איסגעשריען צום טוי-
ער:

—איך, קעניג פון ווים, בעפעהל דיר גלייך עפענען
זיך!

און דער טויער האָט זיך געעפענט, אין דער קיסר
איז אַרויס פון טורעם און אומגעקעהרט זיך אין קיניגליכען
פּאַלאַץ, נאָר ער האָט קיינעם נישט פערצעהלט וועגען דעם,
וואָס ער האָט געזעהן.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט דער קיסר ווידער פערזאָ-
מעלט די פירשטען און הערען און שטערנזעהערס און געפאָ-
דערט, זיי זאָלען פאַר איהם עפענען דעם צווייטען טייער
פון טורעם, און זיי האָבען ווייטער געהאָט פורכט און דער
קיסר האָט ווידער גערעדט צו זיי מיט גרויס האַרטקייט,
און זיי האָבען ערפילט זיין בעגער.

און דער קיסר איז אַריין אין טורעם דורך דעם צוויי-
טען טויער, נאָר ער האָט נישט געקאָנט זעהן, וואָס אַרום
איהם טוט זיך, ווייל דאָרטען איז געווען אַ טיפע פינסטערניש,
ווי די פינסטערניש פון מצרים. ביים ערשטען טריט האָט
דער קיסר דערפיהרט אונטער די פיס מענשליכע גופים. און
ער האָט זיך געבויגען און אָנגעטאַפּט זיי און דערפיהרט אַז
זיי האָבען נישט אָנגעוואָרען זייער וואַרימקייט. און די גופים
זענען געלעגען איינער נעבען דעם צווייטען, וואו נאָר עס
האָט געטראָטען זיין פוס. און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס
די גופים, וואָס ליגען דאָ אַזוי פיל יאָהרען, זענען וואַרים און
לאָזען נישט הערען פון זיך קיין שלעכטען גערוך, ווי מתים.
אין ער האָט געוואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין. און אַז עס
איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קורצע צייט, האָבען זיך מיט אַמאָל אָנ-
געצונדען פיל ליכט, און עס איז געוואָרען ליכטיג, ווי ביי טאָג.
און דער קיסר האָט דערזעהן, אַז ער געפינט זיך אין אַ
טעמפעל פון וואונדערליכער פראַכט און זיין קומפּאַל גרייכט ביז׳ן
הימעל. און ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ טעמפעל פון
יודישען גאָט. און ווי נאָר עס איז געוואָרען ליכטיג, האָבען

די גופים, וואָס זענען געלעגען ווי טויטע, אויפגעוואַכט און האַסטיג געשטעלט זיך אויף די פיס און אָנגעהויבען תּפילה טאָן מיט גרויס כּונה. און דער קיסר האָט זיך צוגעהערט און פערשטאַנען, אַז זיי טוען תּפילה צום יודישען גאָט. און פון גרויסען ברען און התלהבות האָבען ביי די מענשען אָנגעהויבען פלאַקערען די פּנים׳ער און פון די לעפצען זענען געפלויגען פונקען, און אַז די תּפילה האָט דערגרייכט דעם מיטען, האָבען אָנגעהויבען דורכפליהען בליצען און עס האָט זיך געעפענט דער קומפּאָל און דער קיסר האָט דערזעהן, ווי אונטער׳ן הימעל שוועבען מלאכים און לאָזען זיך אַראָפּ אַלץ גידעריגער צום טעמפּעל. און ווייטער האָט ער דערזעהן, אַז די מלאכים טראָגען אויף זייערע פליגלען אַ הערליכען מאַן אין ווייסע בגדים, מיט אַ ליכטיג-שיינענדען פּנים. און אַז די תּפילה איז געקומען צום סוף און עס איז נאָר געבליבען צו זאָגען דעם לעצטען „אמן,“ זענען די מענשען געפאַלען צו דער ערד, ווי טויטע, און עס האָט זיך געשלאָסען דער קומפּאָל און עס האָבען זיך אויסגעלאָשען די ליכט און עס איז ווידער אָנגעשטאַנען אַ פינסטערניש. און אַז עס איז געקומען די צייט פון מעריב, האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי דער פריהערדיגער תּפילה. און אין דערפריה האָט זיך עס ווידער איבערגע׳חזר׳ט. און דער קיסר האָט נישט געטאָן וואַרטען ביז׳ן סוף פון דער תּפילה, און אַז עס איז נאָך ליכטיג געווען, איז ער אַרויס פון טורעם.

אויפ׳ן דריטען טאָג האָט דער קיסר בעפוילען, מען זאָל איהם עפענען דעם דריטען טויער, און ער איז אַריין. און ער האָט דערזעהן אַ קיילעכדיגען חדר, און אין איהם זענען די ווענד געווען געפלאַסטערט מיט שוואַרצען שטיין און אינמיטען איז געשטאַנען אַ גאָלדענער קאַפער פון אַזאַ וואונדערליכער אַרבייט, וואָס זיין גלייכען האָט נאָך קיין מענשליך אויג נישט געזעהן. און דער קיסר האָט איהם געוואָלט עפענען, נאָר ער האָט זיך נישט געעפענט. האָט דער קיסר אויסגעשריען:

—איך, קיסר פון רוים, בעפעהל דיר עפענען זיך!

און דאָס דעקעל פון קאַפּער האָט זיך אַליין אויפגעהויבען, און דער קיסר האָט דערזעהן, אַז דער קאַפּער איז פול מיט גראָזען פון אַלערליי מינים, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען. און די גראָזען זענען גרין און דופטיג, און זייערע וואָרצלען זענען פריש און זאַפטיג. און די אַלע גראָזען זענען איבערגעבונדען פעקלעכווייז, צו צעהן, צו צעהן אין יעדערן. און דער קיסר האָט איבערגעצעהלט, און זאָרטען הזיבעציג זיך געפונען זעכציגטויזענד פעקלעך. און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס בעטייט, וואָס די אויסגעוואָרצעלטע גראָזען האָבען פאַר פיל יאָהרען נישט פערלוירען זייער גרינקייט און דופט און זאַפטיגקייט. און ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. און איז אַרויס פון טורעם.

אויפ׳ן פערטען טאָג האָט דער קיסר בעפוילען עפענען דעם פערטען טויער. און ער איז אַריין און האָט דערזעהן אַ פּאַלאַץ פון רויטען מירמלשטיין. און ער איז אַריין אין איהם. און דאָרטען זענען געווען חדרים, אויסגעצירט מיט גאָלד און זילבער, פערל און טייערע שטיינער. און דער קיסר איז דורכגעגאַנגען זעקס חדרים און איז אַריין אין זיבעטען און ער איז געווען שענער פון אַלע. און אין איהם איז אויבענאָן געשטאַנען אַ קיניגליכער שטול, אויסגעהאַקט פון איין סאַפּפיר-שטיין. און אינמיטען חדר זענען געשטאַנען זילבערנע טישען, בעדעקט מיט גילדערנע טישטעכער. און אויף די טישען זענען געווען געגרייט די בעסטע מאכלים און די איידעלסטע וויינען, נאָר קיין איין לעבעדיגער נפש האָט זיך נישט געפונען אין פּאַלאַץ. נאָר ווי די זון איז פערגאַנגען, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטאַרקער רעש, און אַ שאַלונג פון טרומייטען און פריידגעשרייען, און אַ רעש פון טריט אין אַ טיפעריי פון רייטער. און דער קיסר האָט פערשטאַנען, אַז עס קומען אָן פיל לייט און ער האָט זיך בעהאַלטען הינטער׳ן קיניגליכען שטול, כדי נישט זייענדיג בעמערקט, צו זעהן וואָס דאָ וועט פּאַסירען.

און עס האָבען זיך פונאַנדערגעעפענט די טירען פון פאַלאַץ, און עס זענען אַריין פיל יונים, און הויפט־פירער און פירשטען, אַלע בעוואָפענט און אין גאָלד געשטיקטע בגדים. און פונדראויס איז געגאַנגען אַ מאַן און קעניגליכע קליידער מיט אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ. און אַלע האָבען איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד אין גערופען קיסר. און זיי זענען אַריין אין זיבעטען חדר און געזעצט זיך צו די טישען און געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען. נאָך דעם מאָלצייט האָט זיך דער געקימענער קיסר געזעצט אויפ׳ן קיניגליכען שטול, און אַלע זענען געפאַלען פאַר איהם אויף די פנים׳ער און האָבען הויך געשריען: „זאָל לעבען אייביג אונזער גאָט דער קיסר פון דער גאַנצער וועלט!“ און אַלץ, וואָס דער קיסר האָט בעפוילען, האָט מען מיט גרויס איילעניש און אונטערטעניגקייט געטאָן. און אַז עס איז צוגעשטאַנען האַלבע נאַכט, האָט זיך דער קיסר אויפגעהויבען פון זיין קיניגליכען שטול און אויסגערופען מיט אַ שטאַרקען קול:

—איך בעפעהל אייך בריינגען די אייזערנע קרוין און אַרויפלעגען זי אויף מיין קאָפּ!

און ווי נאָר ער האָט אויסגערעדט די ווערטער, האָבען די יונים און הויפט־לייט און הערשאַפטען זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַראָבגעשלעפט איהם פון קייזערליכען שטול, צוראָבגעריסען פון איהם די קיניגליכע בגדים און איהם אַליין צוריסען אויף שטיקער. אין אין דערזעלבער רגע זענען פערשוואונדען געוואָרען די הילות און די פירשטען און די שטיקער פון צופליקטען קיסר. און דער קיסר איז אַרויס פון זיין בעהעלטעניש און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם, וואָס ער האָט געזעהן, ווייל ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעטייט. און איז אַרויס פון טורעם.

## ב.

נאָך די אַלע געשעהענישען האָט דער קיסר געלאָזען רופען צו זיך אַלע מכשפים און שטערנזעהערס און אַנדערע חכמים און האָט זיי דערצעהלט אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן אין די פיר טיילען פון כורעם, און האָט אַזוי געזאָגט:

—מיין ווילען איז, איהר זאָלט מיר בעשיידען אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן. און אויב איהר וועט מיין בעפעהל נישט טאָן וועל איך אייך אַלעמען איבערגעבען צום שווערד.

און די שטערנזעהערס און מכשפים און חכמים האָבען זיך געבוקט פאַרן קיסר און אַזוי געענטפערט:

—זאָל אונזער קיסר לעבען אייביג! מיר זענען גרייט צו טאָן דיין ווילען, נאָר דאָס, וואָס דו האָסט געזעהן אין טורעם, איז זעהר וואונדערליך. און דאָס זענען מעשים פון זעהר אַלטע צייטען און אונז וועט שווער זיין מיט אַמאָל דאָס אַלץ צו בעשיידען. דרום בעטען מיר, גיב אונז דרייסיג טעג, מיר זאָלען צייט האָבען שאַפען אונזער כשוף, פרעגען ביי אונזערע געטער, נאָכקוקען די שטערן און טרעפען אויף די איינגעווייטען פון בהמות.

און דער קיסר האָט איינגעוויליגט און געזאָגט:

—זאָל זיין לויט אייערע רייד. איך גיב אייך דרייסיג טעג צייט. און אויב איר וועט צום סוף פון די טעג נישט זיך אַנטפלעקען פאַר מיר דעם סוד פון טורעם, איז אייער בלוט אויף אייער קאָפּ.

און די שטערנזעהערס אין די מכשפים און חכמים זענען אַוועק פון קיסר און געגאַנגען אין זייערע תפלות און האָבען גע-פרעגט ביי זייערע געטער, און געטאָן זייער כשוף, און אויסגע-רעכנט לויט די שטערן און די מזלות און געטראָפען אויף די איינגעווייטען פון חיות און בהמות, נאָר דער סוד פון טורעם האָט זיך נישט אַנטפלעקט פאַר זיי. און אַז די דרייסיג טעג

האָבען זיך געמידען, זענען די מכשפים, שטערנזעהערס און חכמים אַוועק אין די תפלות פון זייערע אָבגעטער, האָבען געוויינט און געשריען און צעריסען אויף זיך די קליידער און בעשאָטען די קעפּ מיט אַש, ווייל זיי האָבען געזעהן, אַז אויף זיי האָט זיך אויסגעגאָסען דער שלימער צאָרן און זייער סוף איז נאָהנט.

אין יענער צייט האָט געוואוינט אין רוים אַ זעהר אַלטער שטערנזעהער און ביי איהם זענען געווען זיבען זיהן און אַלע מכשפים און שטערנזעהערס. און ביי זיי איז געווען איינגעפיהרט, אַז יעדען טאָג פלעגט איינער פון זיי קומען צום פאָטער, איהם צו געוואָר ווערען און בעדינען. אין דעם לעצטען פון די דרייסיג טעג איז קיינער פון די זיהן נישט געקימען צום אַלטען פאָטער. און ער האָט זיך שטאַרק בעוואונדערט. און מיט די לעצטע כוחות איז ער, אויף זיינע קולעס, אַוועק צום עלטסטען זוהן. און ער איז געקומען צו איהם אין הויז, און האָט געפרעגט:

—מיט וואָס איז היינטיגער טאָג פערשידען פון די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר? פאַרוואָס איז היינט קיינער פון מיינע זיהן נישט געקימען צו מיר געוואָר ווערען מיך און טאָן מיינע בעדערפעניששען, ווי שטענדיג?

און דער עלטסטער זוהן האָט געענטפערט דעם פאָטער און אַזוי געזאָגט:

—אָ, פאָטער! אַ מורא׳דיג אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די קעפּ פון דיינע זיהן. זיי וויסען, אַז איידער די זון וועט ענדיגען איהר טעגליכען גאַנג, וועט דער פאָדעם פון זייער לעבען ווערען איבערגעריסען, און כדי נישט צוקלעמען דיין האַרץ מיט ביטערע זיפצען, איז היינט קיינער פון אונז נישט געקומען צו דיר, ווי מיר טוען עס שטענדיג.

און ער האָט פערצעהלט דעם פאָטער אַלץ, וואָס מיט זיי האָט פאַסירט. דער פאָטער האָט אויסגעהערט די ווערטער פון זוהן און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

—דער טרויער האָט צומישט די געדאַנקען ביי מיינע זיהן, און דער בעגער אָבצוגעבען כבוד דעם אַלטען פאָטער האָט פערבלענדט זייערע בליקען. האָט איהר דען פערגעסען, אַז איך בין אויך אַ שטערנזעהער? און איך מוז צוגלייך מיט אַלעמען שטעלען זיך פאַר די אויגען פון קיסר. און אָט איז מיין פאָטערליכער געבאָט: מאָרגען זאָלט איהר מיך נעהמען מיט זיך צום קיסר און שטעלען אין אייערע ציילען. און ווער ווייס, וואָס דער קומענדיגער טאָג וועט ברענגען! אפשר וועט מיר אָבגליקען און איך וועל אָבטאָן דעם שווערד פון אייער האַלז און פערקעהרען אייער טרויער אין פרייד און אייערע זיפצעני‌שען אין אַ געזאַנג.

און דער זוהן האָט מיט גרויס כבוד געענטפערט:

—ווי אונזער פאָטער האָט בעפוילען, אַזוי וועט זיין.

און אויף מאָרגען, בעת דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען און אויפ׳ן קעניגליכען הויף האָבען זיך פערזאַמעלט די שטערנזעהערס, מכשפים און חכמים און צוזאַמען מיט זיי די פירשטען און האַרען פון רוים און פיל מענשען פון פאָלק, זיינען געקומען אויך די זיבען זיהן פון דעם אַלטען שטערנזעהער און געבראַכט אויף די אַקסלען זייער פאָטער.

און דער קיסר איז אַרויסגעגאַנגען צו די געקומענע און האָט געזאָגט:

—די דרייסיג טעג, וואָס איך האָב אייך געגעבען אויף שטערנזעהעריי און כשוף, האָבען זיך געמיידט מיט דעם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערן. איצט מוזט איהר אַנטפלעקען פאַר מיר דעם סוד פון די וואונדער, וואָס איך האָב געזעהן אין טורעם.

און עס איז אַרויסגעטראָטען דער גרעסטער פון די שטערנזעהערס, איז געפאַלען אויפ׳ן פנים פאַר׳ן קיסר און האָט אַזוי געזאָגט:

—זאָל דער קיסר לעבען אייביג! דיינע קנעכט, די מכשפים און שטערנזעהערס, האָבען פערשולדיגט אַנטקעגען דיר זייערע קעפּ. מיר האָבען געטאָן אונזער כשוף, געפרעגט ביי

אונזערע געטער, געצויבערס איבער די שטערן, געטראָפען נאָך די אינגעווייטנסטען פון בהמות. אָבער אונז איז נישט געלונגען ארױבצונעהמען דעם שלייער פונ׳ם כוד פון טורעם. און איצט כו מיט אונז, ווי עס איז גוס אין דיינע אויגען.

און עס האָט אויפגעפלאַקערט דער גרימצאָרן פון קיסר און ער האָט אויסגעשריען:

—איך שווער ביי מיין קאָפּ, אַז אייערע אויגען וועלען מעהר נישט זעהן די שטערן, איבער וועלכע איהר האָט נישט קיין שליטה און אייערע לעפצען וועלען נישט פּרעפּלען מעהר קיין בעשווערונגען, וועלכע האָבען נישט קיין בעטייט. און איידער עס וועט אויפגעהן דער אָווענטשטערן, וועלען אייערע לייבער ״ערען פערצוקט פון ווילדע חיות און צופּליקט פון בלוטדורשטיגע פויגלען!

דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטען דער אַלטער שטערנזעהער. ער האָט זיך געבוקט פאַר דעם קיסר און אַזוי געזאָגט:

—אָ, אַלמעכטיגער קיסר פון רוים! זאָל געשטילט ווערען דער פלאַקער פון דיין גרימצאָרן און זאָל אויפגעהאַלטען ווערען דער שווערד, וואָס דו האָסט פערטראָגען אבער די קעפּ פון דיינע קנעכט. די שטערנזעהערס און מכשפים זענען נישט שולדיג אין זייער אומוויסענהייט. זיי וויסען, קיסר, אַז דעם טורעם מיט די פיר טויערן האָט געבויט דער גרעסטער מכשף, וועלכער האָט געוואוסט דעם גאַנג פון די צייטען. און כדי צו פערבאָרגען זיין כשוף-טואונג פון די שטערן און רוחות, האָט ער געבויט דעם טורעם אין יענע רגע׳ס, ווען איין טאָג זאָגט דעם אַנדערן זיינע רייד און איין נאַכט רויםט דער אַנדערער איין איהרע חלומות. אין אַזעלכע רגע׳ס ווערען פערשטאָרבען די שטראַהלען פון די שטערן, און עס ווערט אָבגעשוואַכט די הערשאַפט פון די רוחות איבער דער וועלט. און אַלץ, וואָס אין יענער צייט ווערט געטאָן, בלייבט פערבאָרגען פון די קליגסטע און טיפזיניגסטע מכשפים און שטערנזעהערס.

און עס איז געווען, אַז דער קיסר האָט אויסגעהערט די רייד פון דעם אַלטען שטערענזעהער, האָט ער זיך אָנגערופען און געזאָגט:

—אַלטער מאַן! דיינע רייד בעווייזען, אַז דו ביזט פער-שטענדיגער פון אַלע מכשפים און דיר זענען בעוואוסט זאַכען, וואָס זענען פערבאָרגען פון זייערע אויגען. און אויב פאַר דיר איז אַנטפּלעקט דער סוד פון טורעם, מוזטו וויסען, ווער האָט איהם געבויט און וואָס עס איז פערבאָרגען אין זיין שטיינערנעם אינגעווייד.

און דער אַלטער שטערענזעהער האָט געענטפערט:

—אָ אַלמעכטיגער קיסר פון רוים! מיט דיין גרויס חכמה האָסטו פאַראויסגעזעהן, אַז מיר זענען בעוואוסט סודות, וועלכע זענען פערבאָרגען פון די אויגען פון אַנדערע. זיי זשע וויסען, אַז דער סוד פון פער׳כשופ׳טען טורעם איז נאָר די אַלטסטע צייטען פערטרויט נאָר איין שטערענזעהער. און אַז עס קומט די שעה פון זיין טויט, גיט ער איבער דעם סוד דעם חשוב׳סטען פון די, וואָס רינגלען איהם אַרום. פונקט מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אַן׳אַלטער שטערענזעהער פון מדבר, שטאַרבענדיג, איבערגעגעבען מיר דעם סוד פון טורעם. איצט איז געקומען די צייט פון מיין אונטערגעהן. און איך וועהל אויס דיך פאַר דעם היטער פון סוד, ביז דו וועסט איהם איבערגעבען אַן׳אַנדערן. בעפעהל-זשע, קיסר, אַלעמען, וועלכע שטעהען דאָ און וועלכע געפינען זין אין דיין פּאַ-לאַץ דערווייטערן זיך פון דיין קיניגליכען שטול אויף אַ מהלך פון אַ קוילען-שאָס. און דעמאָלט וועלען זיך עפענען מיינע ליפּען.

און דער קיסר האָט בעפוילען אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען פאַר זיין קיניגליכען שטול און געפונען זיך אין קיניגליכען הויף, דערווייטערן זיך אויף אַ מהלך פון אַ קוילען-שאָס. און אַז דאָס איז געשעהן, האָט דער אַלטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען.

## ג.

„זאָל דיר זיין בּעוואוסט, קעניג פון רוים, אַז דעם מי־דעם מיט די פיר טויערן האָט געבּויט דער קיסר נמרוד און נישט דורך מענשליכע הענד, נאָר מיט דעם כּוח פון כּשוף. אַז נמרוד האָט בּעצוואונגען די גאַנצע וועלט און איז געוואָרען אַ הערשער איבּער אַלע בּעשעפּענישעז, האָט ער גע־וואָגט בּיי זיך אין האַרצען: „איך בּין גאָט.“ און אַלע האָבּען זיך פאַר איהם געקניט און געבּוקט און געבּראַכט צו איהם קרבּנות. און פירכטענדיג, אַז נאָך זיין טויט וועט אַן׳אַנדערער בּעוועלטיגען די ערד און וועט צעשטויסען די מזבּחות, וואָס זענען געשטעלט געוואָרען פאַר איהם, און וועט אויסמעקען פון מענשליכער געדעכעניש דעם נאָמען פון נמרוד, האָט ער אַריינגעטאָן דעם גאַנצען כּוח און די מאַכט פון זיין אַלוועלט־ליכער געוועלטיגקייט אין זיין אייזערנער קרוין. און דורך דעם האָט זי בּאַקומען אַזאַ געוויכט, אַז דער גרעסטער גבּור האָט נישט געקאָנט זי ריהרען פון אָרט אַפילו אויף אַ האָר. און נמרוד האָט אויפגעשטעלט אַרום דער קרוין אַ טורעם און געמאַכט אין איהם פיר טויערן אויף אַלע פיר זייטען וועלט, כּדי דער טורעם זאָל זיין אָפען פאַר אַלעמען און כּדי דער, וואָס וועט אַריבּערטרעטען דעם שוועל פון איין טויער, זאָל נישט קאָנען זאָגען: „איך בּין אַריין אין טורעם און ער גע־הערט מיר.“ נאָר כּדי אָבּצוהיטען די אייזערנע קרוין פון פיל מענשליכע בּליקען, האָט ער געמאַכט מיט כּשוף, אַז די טויערן זאָלען זיך עפענען בּלויז פאַר מלכים און הערשער פון פעל־קער. און אַז נמרוד איז געשטאָרבּען, האָט זיך איבּער אַלע מדינות פערשפּרייט דעם קלאַנג, אַז ווער עס וועט אויפהוי־בּען נמרוד׳ס אייזערנע קרוין און אַרויפלעגען זי אויפ׳ן קאָפּ, דער וועט ווערען אַ הערשער איבּער דער גאַנצער וועלט. און עס האָבּען אָנגעהויבּען קומען אין רוים מלכים און הערשער

פון אלע לענדער און יעדער האט מיט גרויס לוסט אנגעכאפט די קרוין, כדי אויפצוהויבען זי. נאר נישט איינער האט נישט געהאט די מאכט צו ריהרען זי פון ארט, און פון גרויס אנשטרענגונג האט יעדער פון די, וואס האבען געפרובט הויבען די קרוין, אנגעהויבען איינגעזונקען צו ווערען אין דער ערד, פריהער ביז די קנעכלעך, נאכדעם ביז׳ן גארטל און צום סוף איבער׳ן קאפ, אזוי אז איבער דער ערד זענען געבליבען נאר די הענד, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט מיט גרויס לוסט צו ציהען זיך צו דער קרוין און כאפען זיך ביי איהרע ברעגען. און אזוי האט פאסירט פיל צייט, און פיל מלאכים און הערשער זענען אומגעקומען. נאר דורך דעם האט זיך נישט געמינערט די צאל פון די, וואס האבען זיך געצויגען צו דער אייזערנער קרוין.

ויהי היום, און אין לאנד אדום איז געווארען קיסר א מאן מיט א שטארקען ווילען און אן׳אומבארמהערציגער, מיט׳ן נאמען נירן. און ער איז אויך, ווי אנדערע, אוועק אין טורעם, כדי אויפהויבען די אייזערנע קרוין. נאר דערזעהענדיג ארום דער קרוין פיל אויסגעשטרעקטע פון דער ערד הענד, האט ער מיט זיין גרויס הכמה פערשטאנען, אז מיט דער איינציגער גבורה פון האנד איז נישט איפצוהויבען די קרוין. און ער האט געטון רופען פון לאנד מצרים די גרעסטע הרטומים און האט זיי דערלאנגט די שענסטע מתנות און געבעטען, זיי זאלען איהם אנטפלעקען, מיט וואס פאר א כח קאן מען אויפהויבען די אייזערנע קרוין.

און די חרטומים האבען געטון כשוף און געענטפערט דעם קיסר נירן אזוי:

—דורך אונזער כשוף האבען מיר זיך דערוואוסט, אז דעם סוד פון דער אייזערנער קרוין האט נמרוד פערבארגען פון די שטערן און רוחות און האט איהם בעהאלטען אין דעם אינגעוויינט פון א פעלז. ער האט פערשריבען דעם סוד אויף א טאוועל און, ארויפפליהענדיג אויף דעם העכסטען שפיץ פון די הרי חושך, האט ער אויסגעהאקט א לאך אין א שטיין פון

באַרג, האָט אַהין אַריינגעזעצט דעם טאָוועל און מיט כשוף אַרויפגעקייקעלט אויף איהם דעם שווערסטען שטיין פון דער וועלט. און כדי קיינער זאָל נישט קאָנען אַראָבוואַרפען דעם פעלז פון טאָוועל, האָט ער אַריינגעזעצט דעם שטאַרקסטען ווינד אין אַ הייל און פער׳כשופ׳ט דעם אויסגאַנג, אַז דער ווינד זאָל נישט קאָנען אַרויס און אַראָבטראָגען דעם פעלז פון טאָוועל.

ווי נירן קיסר האָט אויסגעהערט די רייד, האָט ער אויסגעשריען:

—איך מוז בעקומען דעם טאָוועל און דערגעהן דעם סוד, וועלכער איז אין איהם פערשריבען.

און די חרטומים האָבען איהם געטאָן אַזוי צו זאָגען:

—עס איז דאָ נאָר איין מיטעל צו בעקומען דעם טאָוועל. בעפעהל. מען זאָל פאַנגען אַן׳אָדלער פון די הויכע בערג. גרייט צו שטאַרקע שטריק און אַ לאַנגען שטעקען. לאָז ברענגען אַ מענשען, וועלכער איז פער׳משפט צום טויט און בעפעהל אָבהַקען איהם דעם קאָפּ. נאָכדעם זעץ זיך אויפ׳ן אָדלער, צווישען די פליגלען, טו אָן דעם אָפּגעהאַקטען קאָפּ אויפ׳ן שפּיץ שטעקען און שטרעק אויס דעם שטעקען פאַר זיך אַזוי, אַז דער אָדלער זאָל שטענדיג האָבען פאַר זיך די אויגען פון דעם קאָפּ. און גליסטענדיג אויספּיקען זיי, וועט ער פליהען נאָך דעם קאָפּ. און דו וועסט אָן זיין פליהונג צו דעם העכסטען שפּיץ פון די הרי-חושך. און אַז די וועסט קומען אַהין, לאָז נישט אָב דעם אָדלער, נייערט פיהר איהם מיט זיך. און אַז דו וועסט קומען צום מיטען פון שפּיץ באַרג, וועסטו דערזעהן אַ הייל. וועלכע איז פערשטעלט מיט אַ פער׳כשופ׳טער טיר. דאָרטען זיצט דער פערשפּאַרטער ווינד. און דו בינד זיך צו מיט דער שטריק צום שפּיץ פון אַ פעלז, כדי דער ווינד זאָל דיך נישט אַראָבטראָגען, און מיט די פערשווערונגען, וואָס מיר וועלען דיר איבערגעבען, טו אָב דעם כשוף פון טיר פון הייל. און עס וועט זיך אַרויסרייסען דער ווינד, וועלכער וואַרפעלט

אויס בערג, און ווען אַראָבטראָגען דעם פעלז פון טאָוועל.
און דו נעהם איהם, זעץ זיך אויף דעם אָדלער, און מיט דעם
שטעקען מיט דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ ווענד זיין פליהונג צוריק
אויף דער ערד.

אין נירן קיסר האָט געפאָלגט די חרטומים און געטאָן,
ווי זיי האָבען איהם געהייסען, און ער האָט בעקומען דעם
טאָוועל. און אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט אין קייזערליכען
פּאַלאַץ, האָט ער אַרויסגענומען דעם טאָוועל און דאָרט
געפונען פערשריבען אויפ'ן לשון פון בבל דידאָזיגע ווער-
טער:

„פון מיר, דעם גאָט פון אַלע בעשעפעניששען און דעם
אַלמעכטיגסטען הערשער פון דער גאַנצער וועלט, נמרוד, צום
קיסר פון לאַנד אדום, נירן-של ם!

„זיי וויסען, קיסר נירן, אַז מיין קרוין איז, מעגליך, אויפ-
צוהויבען נישט מיט'ן כוח פון הענד און נישט מיט דער מאַכט
פון שווערד, נייערט מיט פאַלשקייט, נאַרעריי און רמאות.
כדי צו בעקומען מיין אייזערנע קרוין, שיק פונאַנדער שלוחים
צו די מלכים און הערשער פון אַלע זיבעציג אומות און פעל-
קער פון דער וועלט. שרייב יעדערן חניפה-בריף און לויב זיין
מאַכט און חכמה. און לעג פאַר יעדען מלך, ער זאָל אינאיינעם
מיט דיר, נאָר בסוד פון אַלע איבעריגע מלכים פון דער וועלט,
אויפהויבען די אייזערנע קרוין, כדי איהרביידע זאָלט צוטיי-
לען צווישען זיך דעם קיניגרייך פון דער ערד. און מאַכט דאָס
אַלץ מיט גרויס חכמה און אָפּגעהיט, אַז איין מלך זאָל נישט
דערוויסען, אַז דו שיקסט דיינע שלוחים צו אַנדערע מלכים.
אין אַז די הערשער פון אַלע זיבציג אומות וועלען זיך פער-
זאַמלען צו דיר, פיהר זיי אַריין יעדערן בעזונדער אין טורעם.
און פיהר יעדערן מיט אַ בעזונדער וועג און שטעג צו דער
אייזערנער קרוין. און אַז אַלע זיבעציג מלכים און הערשער ווע-
לען זיך מיט אַמאָל צוזאַמען צונויפקומען, וועלען זיי, אָנשטאָט
צו הויבען די קרוין, אָנפאַלען איינער אויף דעם אַנדערן און
שלאָגען איינער דעם צווייטען צום שווערד, אַזוי, אַז אַלע ווע-

לען פאַלען טויט. און פון זייער פערגאָסען בלוט וועט ווערען ארים דער קרוין אַ בלוטיגע סאַזשעלקע. און די קרוין וועט צוזיפשווימען פון אויבען און דעמאָלט וועסטו אויסשטרעקען דיין האַנד און אָהן שום מיה אויפהויבען די קרוין און אַרויפלע-גען אויפ'ן קאָפּ און ווערען אַ הערשער איבער דער גאַנצער וועלט."

און אַז נירן קיסר האָט זיך דערגעהערט די אויפשריפט אין טאָוועל, האָט ער ערפילט אַלץ, וואָס אין איהם איז געזאָגט. און ער האָט אַלץ געטאָן מיט גרויס חכמה און רמאות. און אַז עס האָבען זיך פערזאַמעלט אין טורעם אַלע מלכים און הער-שער און געשלאָגען איינער דעם אַנדערן צום שווערד, אַזוי, אַז פון זייער פערגאָסענעם בלוט איז געוואָרען אַ סאַזשעלקע און די קרוין איז אַרויפגעשוואומען פון אויבען, איז נירן קיסר אַריין אין טורעם און אויסגעשטרעקט די האַנד צו דער קרוין. נאָר ער האָט נישט געקאָנט זי ריהרען פון אָרט, ווייל אויך אויבען אויף דער סאַזשעלקע פון בלוט איז זי געלעגען, ווי צוגעשמידט און האָט נישט פערלוירען איהר שווערקייט.

ד

און נירן קיסר האָט ווידער פערזאַמעלט די חרטומים פון מצרים און האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס איז נישט ערפילט געוואָרען, ווי עס איז אָנגעצייכענט אין נמרוד'ס טאָוועל, און די אייזערנע קרוין איז געבליבען שווער און נישט צו ריהרען זי פון אָרט, ווי פריהער.

און די חרטומים האָבען געטאָן זייער כשוף און געגעבען נירן קיסר דעם ענטפער אַזוי:

—זיי וויסען, קיסר, אַז דו אַליין ביזט שולדיג אין דעם, וואָס די קרוין האָט נישט פערלאָרען איהר געוויכט, ווייל דו האָסט נישט ערפילט אַלץ, וואָס עס איז אָנגעצייכענט אין טאָוועל.

און נירן קיסר האָט זיך געוואונדערט און געפרעגט:

— און וואָס האָב איך אָבגעטראָטען פון דעם, וואָס עס איז אָנגעצייכענט אין טאָוועל? זאָגט מיר, און איך וועל פערריכטען מיין טעות.

און די חרטומים האָבען געענטפערט:

— דיר איז געווען אָנגעוויזען פערזאַמלען די הערשער פון אַלע זיבעציג אומות און פעלקער פון דער וועלט. דו אָבער האָסט פערפעהלט איין פאָלק און האָסט זיך נישט געווענדעט צו זיין הערשער.

און נירן קיסר האָט גענומען פאָרשען. און ער האָט געפונען פערשריבען, אַז עס זענען צונויפגערופען געווען הערשער און מלכים נאָר פון ניינאונזעכציג אומות און פעלקער, און ער האָט זיי איינציגווייז אויסגערעכענט און דערגאַנגען, אַז עס האָט געפעהלט דאָס פאָלק ישראל.

און נירן קיסר האָט צונויפגערופען די חרטומים און האָט זיי געזאָגט:

— עס זענען רעכטפערט , , פון אייערע לעפצען. באמת, נישט אַלע מלכים און הערשער האָב איך צונויפגערופען איך האָב פערפעהלט דאָס פאָלק ישראל. אָבער ווי האָב איך געקאָנט רופען דעם הערשער פון אָט דעם פאָלק, אַז עס האָט נישט קיין אייגען לאַנד און וואַנדערט אַרום צווישען אַנדערע אומות אָן אַן׳אייגענעם מלך.

און די חרטומים האָבען איהם געענטפערט:

— זיי וויסען, קיסר, אַז ביז איצט האָט זיך נישט אָבגעטאָן די הערשאַפט פון הויז פון דוד המלך איבער דעם פאָלק ישראל. דערום איז אונזער וואָרט צו דיר אַזוי: פערזאַמעל צעהן מאַן, וועלכע שטאַמען פון הויז פון דוד המלך און פיר זיי אָב אין טורעם צום קרוין. און ווי נאָר זיי וועלען אויסשטרעקען די הענד צו איר, וועט זי פערלירען איהר געוויכט, ווייל עס וועט ערפילט ווערען די צאָל זיבעציג פון די אומות און פעלקער פון דער וועלט.

און נירן קיסר האָט בעפוילען אויפזוכען צעהן מאַן, וועלכע שטאַמען פון דוד המלכ'ס הויז. און מען האָט זיי געפונען און געבראַכט פאַר'ן קיסר. און נירן האָט גערעדט צו זיי די זעלביגע חיפה-רייד, וואָס ער האָט געשריבען צו די הערשער פון אַנדערע פעלקער. און ער האָט זיי איינגערעדט צוזאַמען מיט איהם אויפהויבען די אייזערנע קרוין.

נאָר די צעהן מאַן האָבען אַלע אין איין קול געענטפערט:

—איבער אונזערע זינד זענען מיר פערטריבען פון אונזער לאַנד און דערוואַייטערט פון אונזער ערד. און אַצינדערט וועלען מיר זיך מיט אונזער האַרץ און זעל צו אונזער אַלמעכטיגען גאָט, ער זאָל אונז שיקען משיח'ן, וועלכער וועט אויפשטעלן די גרויס פון הויז יעקב. נאָר נישט צו אַ קרוין פון הערשאַפט איבער דער וועלט גאַרט אונזער נשמה, נייערט צו פרידען און לייטזעליגקייט צווישען מענשען און פעלקער. דערום, קיסר, וועלען מיר נישט געהן אין טורעם און וועלען נישט אויסשטרעקען אונזערע הענד צו דער אייזערנער קרוין.

און נירן קיסר האָט גענומען איינרייידען מיט חניפה-ווערטער צו פאָלגען איהם. נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז זיי שטעהען שטאַרק אויף זייערס, האָט ער מיט גרימצאָרן אָבגעפיהרט זיי מיט געוואַלד אין טורעם און דאָרט ציגעשמידט ווי מיט קופערנע קייטען ביי דער בלוטיגער סאַזשעלקע, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז זעהענדיג פאַר זיך די קרוין, וועלען זיי בעקומען גלוסט אויפהויבען זי און וועלען אויסשטרעקען צו איר די הענד.

נאָר אָנשטאָט דעס, האָבען די מענער פון דוד המלכ'ס הויז איבערגעריבען זייערע קייטן, און דערוואַייטערט זיך אין מערב-זייט פון טורעם און אָנגעהויבען תפילה טאָן, אַז משיח זאָל קומען. און זייער תפילה איז געווען מיט גרויס ברען און התלהבות. און מחמת איהר גרויסער היץ, זענען בעשאַפען געוואָרען אַרום די צעהן מאַן פריהער ווענד און נאָכדעם אַ

קומפּאַל פון טעמפּעל, וואָס איז געווען עהנליך צום בית-המקדש. און די שוהל איז בעצירט געוואָרען מיט גרויס שענ-קייט און אין איהר האָבען זיך אָנגעצונדען פיל ליכט. און אַז די תּפילה האָט דערגרייכט צום מיטען, האָט זיך פונאנדערגעע-פענט דער קומפּאָל, און איהם אַנטקעגען האָבען זיך געעפענט די הימלען. און עס האָבען געשוועבט מלאָכים און געזונגען שירה. און די מלאכים זענען געפלויגען צו משיח'ן און, אַרומ-רינגלענדיג, האָבען זיי איהם אַוועקגעטראָגען אויף זייערע פליגלען צו דעם אָפענעם קומפּאָל פון טעמפּעל. נאָר אַזוי ווי משיח'ס שעה איז נאָך נישט געקומען, זענען די תּפילה-טוער ביים לעצטען „אמן" געפאַלען אויף דער ערד ווי טויטע, און עס האָט זיך געשלאָסען דער קומפּאָל און עס זענען אויסגע-לאָשען געוואָרען די ליכט, און משיח האָט זיך אומגעקעהרט אין זיין איינזאַמקייט. נאָר אַז עס איז געקומען די צייט פון דער צווייטער תּפילה, האָבען די מענער פון דוד'ס הויז אויפ-געוואַכט, און עס האָט זיך איבערגע'חזר'ט אַלץ ווי צום ער-שטען מאָל. און אַזוי קומט עס פון דעמאָלט אָן פאָר דריי מאָל יעדען טאָג.

און נירן קיסר האָט אָפּגעוואַרט אַ בעשטימטע צייט און איז אַוועק אין טורעם, זעהן, אויב עס איז געבראָכען די האַרטנעקיגקייט פון די מענער פון דוד המלכ'ס הויז. און, אַז ער האָט דערזעהן, אַז אָנשטאָט אויסצושטרעקען די הענד צום קרוין, האָבען זיי זיך אָפּגעצוימט מיט די ווענד פון אַ טעמ-פּעל אין אַריינגעטאָן זיך אין התלהבות'דיגע תּפילות, האָט אויפ-געפלאַקערט זיין גרימצאָרן.

און נירן קיסר האָט ווידער פערזאַמעלט די חרטומים פון מצרים און געבעטען, זיי זאָלען איהם אויפווייזען, ווי אַ רי

צו ברעכען דעם ווילען פון די מײַער פון הויז דוד.

און די חרטומים האָבען איהם געענטפערט:

—עס איז נישטאָ קיין שום מיטעל בײצוקומען די קינדער פון דעמדאָזיגען פאָלק, ווייל עס איז גרויס זייער האַרטנעקיג-קייט. דעריבער הער צו אונזער עצה. אָנשטאָט צו נויטען די מענער פון דוד הכּלה׳ס הויז אויסשטרעקען די הענד צו דער אייזענער קרוין, כּדי עס זאָל דערפילט ווערען די צאָהל זיבעציג פון די אומות און פעלקער פון דער וועלט, טו בעסער אויסראָטען די אומה ביז דעם לעצטען, עס זאָל פון איהר קיין שריד ופליט נישט בלייבען. וועלען איבערבלייבען ניינאונזעכציג אומות, וועלכע זענען אונטערטעניג דיין געבאָט. און דעמאָלט וועט די אייזערנע קרוין פערלירען איהר געוויכט פאַר דיינע הענד.

און די עצה פון די חרטומים האָט געפונען חן אין די אויגען פון נירן קיסר, און ער האָט געפרעגט:

—מיט וואָס פאַר אַ כּוח קאָן מען אויסראָטען דעמדאָזיגען פאָלק ביז׳ן לעצטען?

און די חרטומים האָבען געענטפערט:

—דעם סוד, ווי אַזוי אויסצוראָטען דעם פאָלק ישראל, קאָן דיר אַנטפּלעקען נאָר אַזוינער, וואָס שטאַמט אַליין פון דעמ-דאָזיגען פאָלק. זיי וויסען, קיסר, אַז אין מזרח-זייט פון דיין לאַנד געפינט זיך אַ מדינה, אין וועלכער די איינוואוינער בוקען זיך צו אַנ׳אָבגעהאַקטען קאָפּ פון אַ יודען. זיי זוכען אויף אין די ווייטע מדינות אַ יודען, אַ כּהן, אין אַ בכור בן בכור ביז דעם זיבעטען דור, און מיט גוטע רייד און אַלערליי צו-זאָגענישען פערנאַרען זיי אים צו זיך אין לאַנד און האַקען אים אָב דעם קאָפּ און לעגען איהם אונטער׳ן צונג אַ כּישוף-שריפט. און דער אָבגעהאַקטער קאָפּ לעבט זיבעציג יאָהר אין זאָגט נביאות. און די איינוואוינער פון דעם לאַנד בוקען זיך צו דעם קאָפּ און ברענגען איהם קרבנות און דעמפען פאַר איהם ווייהרויך. און אַז עס מיידען זיך די זיבעציג יאָהר, ווערט

אָן דער קאָפּ זיין כח, און די איינוואוינער פון יענעם לאַנד, געפינענדיג אַן אַנדער כהן און בכור ביז דעם זיבעטען דור, וואַרפען דעם אַלטען קאָפּ אַרויס פאַר זייערע הינד. און אַט איז אונזער וואָרט צו דיר, קיסר: געה אין יענעם מזרח-לאַנד, ברענג אַ קרבן דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ און בעט, ער זאָל דיר זאָגען, ווי אַזוי אויסצוראָטען דעם פאָלק ישראל ביז דעם לעצטען.

און נירן-קיסר האָט פערנומען די עצה פון די חרטומים, און איז אַוועק אין מזרח-לאַנד און האָט געפונען די תפלה, וואו עס איז אויף אַ בימה געשטאַנען דער אָבגעהאַקטער קאָפּ און ער האָט איהם געבראַכט אַ קרבן און געבעטען, ער זאָל איהם זאָגען נביאות.

און עס האָבען זיך געעפענט די ליפּצען פון דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ און אָנגעהויבען נביאות זאָגען:

אָט איז געקומען אַ מאַן פון אדום,
אַ מעכטיגער קיסר פון שטאָדט רוים,
געקומען זוכען מיינע ווערטער,
אויסהערען מיין נביאה,
ווי אַזוי אויסצוראָטען דעם הויז יעקב,
ווי אַזוי צו פערטיליגען דאָס פאָלק ישראל.
ווי קאָן איך שווייגען,
אַז עס שווייגט נישט די פערשעהרונג אונטער מיין צונג?
ווי אַזוי קאָן איך פערבאָרגען,
אַז מיינע לעפּצען ריידען געגען מיין ווילען?
הער־זשע צו מיינע ווערטער, זוהן פון לאַנד אדום,
פערנעם מיין נביאה, מאַן פון באַרג שעיר.
אָט איז פאַר דיר דאָס פאָלק ישראל,
אַ צושפּרייטעס צווישען פרעמדע פעלקער,
געגליכען איז עס צו שפּראָצענדע גראָזען,
וועלכע פערדעקען דעם פנים פון דער ערד.
עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו זייער פערשפּרייטונג
און נישטאָ קיין פערלענדונג צו זייער שטאַם,

די וואַקסן, בליהען און פערוועלקען.
נאָר אַס געהט אויף די זון,
און זיי לעבען אויף און בלהען ווידער...
נאָר זיי וויסען, זוהן פון אדום,
נויג צו דיין אויער צו מיינע ווערטער, קיסר פון רוים...
און דער צבגעהאַקטער קאָפּ האָט ווייטער גערעדט:
—יעדער פון די קינדער פון פאָלק ישראל האָט אין דער וועלט זיין גרעזעל, און כל-זמן דאָס גרעזעלע וואַקסט און איז גרין און האָט זיין טענעם גערוך, לעבט און איז געזונד דער מענש, וואָס איז מיט איהם צוזאַמענגעבונדען. נאָר אַז הויבען אָן פערטריקענט ווערען די וואָרצלען פון גרעזעלע, און זיין שטענגעלע בויגט זיך איין און ווערט געל, און דאָס גרעזעלע ווערט-אָן זיין גערוך און זאַפט, און אין דער-עלבער שעה געהט אויס דער חיות פון גוף פון דעם מענשען, און ער ווערט געגליכען צו שכויב. און נאָך זיי וויסען, קיסר פון רוים, אַז די גרעזעלעך פון די קינדער פון פאָלק ישראל האָבען אַ בעזונדערען אויסזעהן, וואָס שיידט זיי אָב פון אַלע אַנדערע גראָזען. און כדי אויסצוראָטען דאָס פאָלק ישראל ביז דעם לעצטע, דאַרפסטו אויפזוכען די גרע-זעלען פון לעבען פון זייערע קינדער: זוך זיי אין הויכע ערטער און אין נידריגע, אויף פרוכטבאַרע פעלדער און אין וויסטע מדבריות, אויף שפיצען פון בערג און אין שפאַל-טען פון פעלזען, און געפינענדיג, רייס זיי אויס מיט'ן וואָר-צעל און זאַמעל זיי און פיהר אַ חשבון פון זייער צאָהל. און אַז דו וועסט אָנקלייבען זעלביג מאָל צו צעהנטויזענד גרע-זעלעך, זיי וויסען. אַז די צאָהל איז פיל, וואָרום אַזוי איז אויך די צאָהל פון די קינדער פון פאָלק ישראל, און אַז די אַלע גרעזלעך וועלען פערוועלקען און ווערען געל, און עס וועט אויסטריקענען דער זאַפט פון זייערע וואָרצלען, דעמאָלט וועט קומען אַ סוף אויף דעם הויז יעקב און אַ פערשווינדונג פון די שבטים פון ישראל.
און אַז נירן-קיסר האָט אויסגעהערט די נביאות פון

דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ, האָט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין לאַנד און פונאַנדערגעשיקט אין אַלע פיר עקען וועלט זיינע קנעכט, געניטע אין פעלד-שפּראַצינגען, און האָט געהייסען זוכען און אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל די לעבענס-גרעזלעך פון די קינדער פון פאָלק ישראל. און ער האָט זיי איבערגעגעבען די סמנים, ווי צו דערקענען די גרעזלעך. און אַז עס איז פערבייגעגאַנגען אַ בעשטימטע צייט, האָבען זיך אומגעקעהרט די קנעכט מיט הויפענס-הויפענס גראָז. אין נירן-קיסר האָט גענומען צעהלען די גראָז, נאָר ער האָט זיי ניט געקאָנט איבערצעהלען.

נאָר מיט אַמאָל האָבען די גרעזלעך אָנגעהויבען אַליין דערנעהנטערן זיך איינער צו דער אַנדערער און האָבען אַרויסגעלאָזען פון זיך דינע פעדים און זיך אַלע'ן איבערגעבונדען פּעקלעכווייז צו צעהן, צו צעהן. און נירן-קיכר האָט זיך געפרייט, וואָס איהם וועט זיין גרינגער צו צעהלען. און אַז ער האָט אָנגעצעהלט זעכציגטויזענד פּעקלעך, האָט ער געוואוסט, אַז ער האָט אויסגעראָט די לעבענסוואָרצלען פון פאָלק ישראל ביז'ן לעצטען און ער האָט געלאָזט ברענגען פון קעניגליכען אוצר דעם שענסטען און טייערסטען גאָלדענעם קאַפער, האָט אין איהם אַריינגעטאָן די גראָז און אַוועקגעטראָגען אין טורעם, און ער האָט זיך אומגעקעהרט פרעהליך און מיט אַ גוטען געמיט, ווייל ער איז געווען זיכער איז דער פערטיליגונג פון פאָלק ישראל און אין דעם נאָהנטען דערגרייכען פון אַלוועלטליכער הערשאַפט.

און ער האָט אָבגעוואַרט אַ יאָהר. און דער יאָהר האָט זיך געענדיגט, איז ער אַוועק אין טורעם צו זעהן די פאַרוועלקטע גראָז. נאָר אַז ער האָט געעפענט דעם קאַפער, האָט ער דערזעהן, אַז אַלע גראָז זענען גרין און דופטיג און האָבען נישט פערלוירען דעם זאַפט פון די וואָרצלען, גלייך ווי זיי וואָלטען נישט זיין אויסגעריסען פון דער ערד.

און אַז ער האָט עס דערזעהן, האָט ער מיט אַ פייערדיגען גרימצאָרן אויסגעשריען:

—איצט זעה איך, אַז דער אָבגעהאַקטער קאָפּ האָט נביאות געזאָגט, און אָס שווער איך ביי מיין זעל, אַז איך וועל אויסראָטען מיט'ן שווערד דעם פאָלק ישראל, אַז פון איהם וועט קיין געדעכעניש נישט בלייבען.

און ער האָט פונאַנדערגעשיקט זיינע חילות איבער'ן לאַנד אדום און איבער אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט און בעפוילען צו פערלענדען די קינדער פון פאָלק ישראל. מאַנס-ביל, ווייבער און קינדער, ביז דעם לעצטען, און זייער גוטס איבערגעבען צום רויב. און עס האָט זיך אָנגעהויבען זייער פערטיליגונג, און עס זענען געפאַלען פון זיי הויפענס, און זיי האָבען געטאָן צוגעהן ווי וואַקס פאַר'ן פייער.

און אַז עס איז שוין געווען נאָהנט די פערלענדיגונג פון פאָלק ישראל, האָבען זיך פאַר דעם קעניגליכען שטול פון נירן-קיסר בעוויזען מחנות—מחנות פון רוחות אין דער געשטאַלט פון חילות און אויבערהאַרן און פירשטען. און מיט גרויס שאַלונג פון טרומייטען האָבען זיי אָנגעזאָגט נירן-קיסר, אַז זיין וואונש איז מקוים געוואָרען, וואָרום זיי האָבען פאַר איהם איינגענומען די גאַנצע וועלט. און זיי האָבען איהם מיט גרויס כבוד אָבגעפיהרט אין טורעם און אַ פּאַלאַץ פון רויטען מירמעל-שטיין, וואָס זיי האָבען אויפגעבויט. און האָבען איהם אַריינגעבראַכט אין לעצטען חדר, וואו עס איז געווען צוגעגרייט אַ מאָלצייט און עס איז געשטאַנען אַ קעניגליכער שטול אויסגעהאַקט פון איין סאַפּפיר-שטיין און מען האָט געגעסען און געטרונקען און געריהמט נירן דעם קיסר פון דער גאַנצער וועלט. נאָכדעם האָט מען איהם געזעצט אויף דעם קעניגליכען שטול און אָבגעגעבען געטליכען כבוד און געשריען: „זאָל לעבען דער הערשער פון דער וועלט, נירן-קיסר!"

און אַז עס איז אָנגעשטאַנען האַלבע נאַכט, האָט נירן-קיסר אויפגעהויבען זיך פון זיין שטול און אויסגעשריען:

—איך בעפעהל ברענגען מיר די אייזערנע קרוין און אַרויפלעגען זי אויף מיין קאָפּ!

און גלייך האָבען זיך אַלע יונים און אויבערהאַרען און

פירשטען אַ וואָרף געטאָן צו איהם, אַראָבגעשלעפּט פון קייזערליכען שטול, אַראָבגעריסען פון איהם די קעניגליכע בגדים, און איהם אליין צופליקט אויף קליינע שטיקלעך און אַלע זענען פערשוואונדען געוואָרען.

און אַזוי חזרט זיך עס איבער יעדע נאַכט...

און עס איז געווען, אַז די פירשטען און האַרען פון נירנס הויף האָבען דערזעהן, אַז דער קיסר איז אַוועק אין טורעם און קעהרט זיך נישט איהם צוריק און זיי האָבען פערשטאַנען, אַז מיט איהם האָט געטראָפען אַן אומגליק, האָבען זיי בעשטימט, כדי אַז מיט די ווייטערדיגע קיסרים זאָל נישט געשעהן דאָסזעלבע, צו פערשליסען אַלע פיר טויערן פון טורעם און האָבען נאָך בעשטימט, אַז יעדער נייער קיסר זאָל אויפהענגען אַ נייעם שלאָס אויף יעדען טויער, און די חרטומים און שטערענזעהערס, די־ליי־ענענדיג נמרודס טאָוועל, האָבען בעשטימט, אַז אויף די קומענדיגע צייטען זאָל דער סוד פון טורעם און פון אַלץ, וואָס דאָט געטראָפען מיט נירן־קיסר, זיין בעוואוסט נאָר איין חרטום, וועלכער זאָל עס איבערגעבען פאַר׳ן טויט דעם חשוב׳סטען פון זיינע חברים. און מען האָט געטאָן אַזוי.

ז.

און עס איז געווען, אַז דער אַלטער מכשף, וועלכער האָט די גאַנצע מעשה דערצעהלט דעם קיסר פון רוים, האָט געענדיגט צו דערצעהלען, איז ער פערשלאַפט געוואָרען און אָנגעהויבען אויסצוגיין. נאָר דער קיסר פון רוים האָט זיך געקעהרט צו איהם, האָט איהם גענומען מינטערען און בעטען, ער זאָל איהם ענטפלעקען, פאַרוואָס די גראָז פון לעבען פון פאָלק ישראל זענען, אפילו אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, געבליבען פריש און זאַפטיג און, וואָס מען דאַרף טאָן, זיי זאָלען פערוועלקען און פערדאַרען.

און דער אַלטער שטערנזעהער האָט מיט גרויס פיין געעפענט די ליפצען און מיט מיה אויסגעפּרעפּעלט:

—די גראָז האָבען ניט פערלאָרען זייער גרינקייט און זייער זאַפט דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען איבערגעבונדען פעקלעכווייז... וואָלט נירון-קיסר זיי צעזייט אין איינציגווייז...

און ביי די ווערטער איז דער אַלטער אויסגעגאַנגען און געשטאָרבען.

און דער קיסר פון רוים איז געאיילט אַראָב פון קעניגליכען שטול און געשווינד אַוועק אין טורעם דורך דעם דריטען טויער, און דערנעהערט זיך צום גאָלדענעם קאַפער, און געעפענט איהם און אויסגעשטרעקט די האַנד צו די גראָז.

און עס איז געווען, אַז ער האָט גענומען אַראָבנייסען די פעדים, מיט וועלכע עס זענען געווען איבערגעבונדען די פעקלעך גראָז, איז פון קאַפער מיט האַסט אַרויסגעשפרונגען אַ קאַלב מיט צוויי קעפּ און מיט אַ מורא׳דיגען אויסזעהן. און, אָנשטעלענדיג אויפ׳ן קיסר פון רוים אַ פייערדיגען בליק, האָט דאָס קאַלב אַרויסגעלאָזען אַ הילכיגען ברום, ווי דער ברום פון אַ לייב. און פון דעם ברום איז דער קיסר פון רוים געפאַלען טויט, און דער טורעם איז געוואָרען פול מיט רויך, און די בלוטיגע סאַזשעלקע האָט אָנגעהויבען שטאַרק וויגען זיך מיט רוישענדיגע וועלען, און די אייזערנע קרוין האָט זיך איבערגעקעהרט און איז אַראָפּ צום גרונד. און פון טעמפּעל פון די קינדער פון דוד המלך האָט זיך דערהערט דער לעצטער „אמן.“

ענדע די מעשׂה: פון דעם טורעם

מיט די פי[illegible]ען אין

דער שטאָדט

רוים.

# א װעקעלע מעהל

## א.

אין די אַלטע גרייזע צייטען,
פאַר דעם חורבן בית-המקדש,
אַז די יודישע מלוכה
איז געווען אי גרויס, אי מעכטיג,
און געהערשט האָט איבער יודען
דער בעריהמטסטער און דער קליגסטער
פון די וועלט-מלכים — שלמה,
האָט אין עק ירושלים,
אין אַ חרוב׳דיגעז הייזעל,
האָט געוואוינט אַ פרוי אַנ׳אַלטע,
אַ פערביטערטע אַלמנה,
און געלעבט אין נויט און הונגער.
פאַר דעם לויהן פון שווער אַרבייט
האָט די אַלטעטשקע געקויפט זיך
אויפ׳ן מאַרק אַ ביסעל תבואה.
ביי אַ שכן אויף אַ האַנד-מיהל
האָט זי עס אַליין צומאָהלען
און האָט אויסגעבאַקט דריי ברויטלעך,
זיך אַ גאַנצע וואָך צו נעהרען.
ווי זי האָט דאָס ברויט פון אויווען

נאָר געהאַט אַרויסגענומען,
האָט זיך אויפ׳ן שוועל בעוויזען
אַ פערנאַנטער מאַן, אַ בלאַסער,
און אַרויסגערעדט מיט טרעהרען:
—האָב, גנעדיגע, רחמנות
אויף אַנ׳אומגליקליכען מענשען!
קומען קום איך פון לאַנד אופיר.
גאַנצע אָקרענטען מיט סחורה,
בוימאייל, פורפור-וואָל און בשמים,
פלעג איך פיהרען צו פערקויפען.
מיט אַמאָל האָט זיך אַ שטורעם
אינ׳ם ים צושפּילט אַ בייזער,
און די אָקרענטען מיט סחורה
און מיט אַלע מיינע דינער
האָט דער תהום פון ים פערשלונגען.
מיך אַליין נאָר האָט אַ כוואַליע
אויפ׳ן ברעג אַרויסגעטראָגען.
דריטער טאָג שוין, אַז איך בלאָנדזשע
הונגעריג, פערשמאַכט און עלענד.
שטיל-זשע איין מיט ברויט מיין הונגער.
ס׳האָט דערבאַרעמט זיך די אַלטע
אויף דעם מענשען פון לאַנד אופיר
און געגעבען איהם אַ ברויטעל..
באַלד ווי ער איז פונ׳ם הייזעל
נאָר אַרויס, האָט זיך בעוויזען
אויפ׳ן שוועל אַ מאַן, אַ צווייטער,
אַ פערוואונדעטער, אַ שוואַכער,
אין צוריסענע בגדים,
און אויסגערעדט פערצווייפעלט:
—בּיט!.. איך בין פערשמאַכט פון הונגער!
פון אַ בלוטיגער מלחמה
בין איך דורך אַ נס אנטרונען...

בײ די הױכע בערג פון גליד
בין איך זיך געזעסען רוהיג,
האָב געדינט מײן גאָט אין הימעל
און מײן װײנגאָרטען בעאַרבײט.
מיט אַמאָל, װי װילדע היות,
זענען אָנגעפאַלען פלישתים,
האָבען אַלץ פערברענט, צוטראָטען,
אַלעמען צום שװערד פערטיליגט
און מײן פרוי מיט מײנע קינדער
ביז דעם לעצטען אױסגעהרג׳עט.
שװער פערװאונדערט, אָהן בעװעגונג,
בין איך לאַנג אין פעלד געלעגען...
אַז איך האָב זיך אױפגעמונטערט,
האָב איך זיך געלאָזען לױפען
פון מײן הורבן און די קברים...
דריטער טאָג שױן, אַז איך בלאָנדזשע
הונגעריג, פערשמאַכט אין עלענד,
שטיל-זשע אײן מיט ברױט מײן הונגער!
אױף דעם אומגליקליכען מענשען
האָט אַ בליק געטאָן די אַלטע
און, נישט טראַכטענדיג קײן רגע,
איהם דערלאַנגט דאָס צװײטע ברױטעל.
ס׳איז פאַרבײ אַ קלײנע װײלע
און די טיר פון אָרים הײזעל
האָט זיך לאַנגזאַם אױפגעעפענט
און אַן׳אַלטער, בלינדער בעטלער
האָט זיך אױפ׳ן שװעל בעװיזען.
ער האָט שטיל, מיט אַנגסט און טרעהרען,
אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען:
—אַלטקײט, צרות, נױט און הונגער
האָבען אױסגענאַגט די כוחות
פון דעם גוף און דער נשמה.

בלינד בין איך פון מוטערס טראָכט
און ערנעהר זיך פון נדבות.
פריהער פלעגט מיין איינציג טאָלטער
פאַר'ן האַנד מיך שטענדיג פיהרען,
איצט איז זי געלעהמט געוואָרען
און איך בין געבליבען עלענד...
אין דער פינסטער, אָהן אַ פיהרער,
שטויס איך אָפט זיך אָן אויף שטיינער,
נאָר אויף ברויט זיך אָנצושטויסען
טרעפט מיר זעהר, זעהר זעלטען...
אָנגעטאַפּט אַ טיר... געעפענט,
און אַריין אַהער אין הייזעל...
און איך וויים נישט, ווער עס זיצט דאָ.
ווער ביזטו? אַ פרוי? אַ מאַנסביל?
ביזטו יונג, צי זאַט מיט יאָהרען?
נאָר איך פיהל פאַר זיך אַ מענשען.
האָב-זשע, ברודער-מענש, רחמנות
אויף אַן אַלטען בלינדען בעטלער
און שטיל איין מיט ברויט מיין הונגער...
דורכגעדרונגען מיט רחמנות
צו דעם בלינדען, האָט די אַלטע
איהם דערלאַנגט דאָס לעצטע ברויטעל.

ב.

שפּעטער, אַז דער אַנגסט פון הונגער
האָט ד'אלמנה שטאַרק דערנומען,
האָט זי אָנגעהויבען זוכען
אין די ווינקעלעך פון הייזעל,
אפשר האָט זיך וואו פערוואַלגערט
כאָטש אַ שטיקעל ברויט אַ טרוקענס

נאָר געפונען האָט זי נאָרניסט.
איז זי דאַן אַוועק צום שכן,
צו אַ רייכען תבואה-הענדלער
און ביי איהם געבעטען באָרגען
ג׳עהל אַ ביסעל אָדער תבואה.
נאָר דער שכן האָט געענטפערט:
—מעהל צו לייהען, אָדער תבואה,
און דערצו נאָך מיינע שכנים,
מייד איך אויס: עס ווערט פערפאַלען,
קומט-אויס נאָכדעם זיך צו קריגען.
איך זשע וויל מיט מיינע שכנים
לעבען פרידליך, שטיל און רוהיג,
נאָר איך האָב אויף דיר רחמנות,
געה צו מיר אין פוסטען שייער
(אָבגעשיקט פון דאָרט די תבואה
האָב איך נעכטען אין מצרים).
דאָרטען וועסטו אין די שפאַלטען
קערנער ווייץ גענוג געפינען,
אויב זיי זענען נישט צופוילטע.
קלויב זיי אויף, דיר אַ מתנה
שענק איך זיי פון פולען האַרצען.
זיי פאַר מיר צו גאָט מתפלל.
און די אַלטע איז געגאַנגען
אין דעם שכנ׳ס פוסטען שייער
און געזאַמעלט פון די לעכער
חייך אַ ביסעל, האַלב-צופוילטע,
האָט עס ווידער אָבגעמאָהלען,
אָנגעפילט אַ קליינטשיק זעקעל
און אַהיים מיט איהם געגאַנגען.
ס׳איז געוועזען שטיל אין דרויסען
אין דער הימעל—קלאָר און לויטער.
מיט אַמאָל איז אָנגעפלויגען

אַ משונה-ווילדער שטורם,
האָט מיט האַסט אַרויסגעריסען
ביי דער אַלטעטשקער דאָס זעקעל
און האָט עס ווי פייל פון בויגען
גלייך צום ים אַוועקגעטראָגען.
ס׳איז געבליבען שטעהן די אַלטע,
שטאַרק צורודערט און פערביטערט,
און די הענד, געשטרעקט צום הימעל,
האָט זי אָנגעהויבען טענה׳ן:
—גאָט, מיין פאָטער! איך פעו שטעה ניבם,
אַז איך האָב דעם לעצטען ביסען
הונגעריגע אָבגעגעבען,
האָב איך דאָך געטאָן דיין ווי׳ען,—
היינט פאַרוואָס-זשע טוסט מיך שטראָפען
דורך דיין שטורם-ווינד דעם בייזען?..
נאָר עס קאָן זיין, אַז איך זינדיג...
אפשר איז דאָס פאָרגעקומען
אָהן גאָט׳ס ווילען, אָהן זיין וויסען?..
ווינטען זענען גרויסע שטיפער,
ס׳איז פון זיי נישט אויסצוהאַלטען,
בלאָזען יעדע נאַכט געפילדער,
שרייען, לאַכען, וויינען, קוויטשען,
רייסען גוואַלדיג טיר און פענסטער...
עס ווייזט-אויס, אַז גאָט׳ס בעפעהלען
טוען זיי שוין מעהר נישט פאָלגען...
און די אַלטע, אַ פערצאָגטע
איבער גאָט׳ס פערשוועכטען ווילען,
איז צוריק אַהיים געגאַנגען,
און. פערגעסענדיג דעם הונגער,
זיך געלעגט און איינגעשלאָפען.

ג.

ס'איז דער אַלטינקער צו חלום
אַ גרייז-גרוי'ער פּאַן געקומען
און געזאָגט איהר:—וויסען זאָלסטו,
אונזער גרויסער מלך שלמה
קאָן קיין אומרעכט נישט פערטראָגען.
געה צו איהם אין גרויסען פּאַלאַץ
און דערצעהל איהם פון דער עולה,
וואָס עס האָט דער ווינד בעגאַנגען,
וועט ער איהם שוין גוט בעשטראָפען.
ס'האָט זיך אויפגעכאַפּט די אַלטע
און דערמאָנט זיך וועגען חלום,
איז זי גלייך אַוועקגעגאַנגען
צו דעם קייזערליכען פּאַלאַץ,
האָט געבוקט זיך פאַר'ן קעניג
און דערצעהלט איהם אַלץ כּסדר,
וואָס מיט איהר האָט זיך געטראָפען.
מלך שלמה דער בעריהמטסטער,
האָט געדולדיג אַלע טענות
אויסגעהערט און ווייך געענטפערט:
—זאָרג נישט, אַלטע, אויב דער ווינד נאָר
האָט גערויבט ביי דיר דיין זעקעל
אָהן דעם בורא'ס הייליג ווילען,
וועל איך איהם שוין האַרט בעשטראָפען,
און דו וועסט בעפרידיגט ווערען
פאַר דיין היזק און דיין צער.
קוים האָט ער געענדיגט רעדען,
ווי עס האָבען זיך בעוויזען

אומבאַקאַנטע דריי פאַרשוינען.
האָבען זיך צום טראָן דערנעהענט
און געפאַלען אויפ׳ן פּנים.
נאָכדעם האָט פון זיי דער עלטסטער
אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען:
—סוחרים זענען מיר פון צדון
און מיר האַנדלען מיט געווירצען,
זאַלב-אייל, עלפאַנד-ביין און גומי.
אונזער סחורה אויף אַנ׳אָקרענט
האָבען מיר געפיהרט, ווי שטענדיג,
צו די ברעגען פון דיין מלוכה.
מיט אַמאָל האָט אויסגעבראָכען
אַ משונה-ווילדער שטורם,
האָט געהויבען בערג פון כוואַליעס
און אין ים געגראָבען טאָלען.
ער האָט אונזער גרויסען אָקרענט
אומגעוואָרפען, ווי אַ שפענדעל,
נאָכדעם פלוצלונג אָנגעשטויסען
אויף אַ פעלז, אַ שפּיציג-שאַרפען
און אין דעק אַ לאָך אַ טיפע
דורכגעבראָכען. מיט אַ רעש
האָט דאָס וואַסער אָהן אַנ׳אויפהאַלט
אָנגעפאַנגען האַסטיג פליסען
און פערגאָסען אונזער אָקרענט,
וועלכער האָט געגומען זינקען,
ווי אַ בליי אין טיפען אָבגרונד.
אַז מיר האָבען פאַר די אויגען
אונזער טויט דערזעהען שוועבען,
האָבען מיר געקניט, געבוקט זיך
און געפאַלען אויפ׳ן פּנים
פאַר דיין שטאַרקען גאָט אין הימעל

און געגעבען איהם אַ נדר:
אויב ער וועט פון טויט אונז שיצען
און וועט אונזער אָקרענט רעטען,
וועלען מיר אַ גאַנצען דריטעל
פון דאָס גוטס, וואָס מיר פערמעגען,
ברענגען דיר און איבערגעבען,
זאָלסט עס אָרימע צוטיילען.
ווי מיר האָבען נאָר געגעבען
אינזער נדר, האָט דער שטורם
גלייך געשטילט זיך און דער אָקרענט
איז אַוועקגעלאָפען האַכטיג
צו די ברעגען פון דיין הערטאַפּס.
ווי מיר זענען נאָר פון אָקרענט
אויף דער טריקעניש געקומען,
האָבען מיר געבראַכט אַ קרבן
און מיר האָבען אויסגערעכענט,
וואָס עס טרעפט אָן אונזער סחורה.
עס איז אייסגעקומען ריכטיג
דרייסיג טויזענד שקלים זילבער.
און אַ דריטעל, צעהען טויזענד,
האָבען מיר געבראַכט צוטראָגען,
דיר אין האַנד עס אָבצוגעבען...
און דער עלטסטער פון די סוחרים
האָט דערלאַנגט דעם מלך שלמה
דאָס געפּאַנק, אַ זעקעל שקלים.

## ד.

אויפגעהערט די סוחרים שווייגענד
האָט דער קליגסטער מלך שלמה,

און דערנאָך גענומען פרעגען:
—איך וואָלט זעהר וועלען וויסען,
ווי אַזוי האָט אָבגעשטעלט זיך
פון דעם וואַסער-שטראָם די פליסונג
דורך דער לאָך אין דעק פון אָקרענט!
—גרויסער קעניג!—האָט געענטפערט
איינער פון די צדון-הענדלער,—
עס האָט זיך אַרויסגעוויזען,
אַז די לאָך אין דעק פון אָקרענט
איז געווען פערשטאָפט אינגאַנצען
מיט אַ זעקעל מעהל אַ קליינעם.
איך האָב איהם מיט זיך גענומען.
און ער האָט דערלאַנגט דעם קעניג
מעהל אַ זעקעלע אַ נאַסען.
מיט אַ וואונק האָט מלך שלמה
צוגערופען די אלמנה
און בעוויזען איהר דאָס זעקעל.
—איז דאָס נישט דיַ סזעלבע זעקעל,
וואָס דער שטורם-ווינד דער ווילדער
האָט ביי דיר אַרויסגעריסען?
—יאָ, דאָס זעקעלע איז מיינער—
האָט די אַלטיטשקע געענטפערט,—
נאָר דאָס מעהל אין איהם פערנעצט איז
און פערפוילט און טויג אויף גאָרנישט.
—זעהר ריכטיג!—האָט געענטפערט
מיט אַ שמייכעל מלך שלמה,
נאָר דערפאַר, מיין ליבע אַלטע,
וועסטו, אַנשטאָט איהם, בעקומען
פון מיין האַנד אַנ׳אַנדער זעקעל...
און ער האָט דערלאַנגט דער אַלטער
פאַר איהר מעהל דאָס זעקעל שקלים.

8 זקעלע מעשל

נאָר די אָרימע אלמנה
האָט די שקלים נישט גענומען
און האָט שטיל געזאָגט דעם קיסר:
—ליבער האַר! בעהאַלט דיין זילבער.
איך האָב שוין מיין לוין בעקומען...

# צווייטע אָבטיילונג.

## הסידיש

# אָבגעלאַכט.

...איך מוז אײַך זאָגן דעם אמת, איך האָב אָנגעװאָרען דעם חשק צו דערצעהלען אײַך מעשיות. און װײסט איהר פאַר־װאָס? װײל איהר בעקומט פון מײנע מעשיות אַ צו־גרױסע התפעלות.

מוצאי־שבת האָב איך אײַך דערצעהלט, װי דער רב הקדוש האָט מיט די װערטער „מתיר אסורים" אין שמונה־עשרה צוהאַקט די אײזערנע טירען פון אַ תפיסה און בעפרײט יודען, װאָס זענען דאָרט געזעסען איבער אַנ׳עלילת־דם, רחמנא־ליצלן. אַז איהר האָט דערבײ געגלאָצט מיט די אױגען, געשמוצערט מיט די ליפען און געשריען: „װאָס פאַר אַ מופת!" איז פאַר מיר געװען אַזױ גוט, װי איהר װאָלט זאָגען: „דאָס, װאָס יודען װערען געפײניגט אין תפיסה איבער אַ בלבול—איז אַ זאַך „כדרך־הטבע," און דאָס, װאָס זײ זענען בעפרײט געװאָרען, איז אַ „נס." האָט איהר, הײסט דאָס, פון מײן ספור אַרױסגעדרונגען, אַז דער בורא, כביכול, האָט אײנגעפיהרט אין דעם סדר העולם עולות װי אַ דרך הטבע, נאָר דאָס גליק איז, װאָס עס זענען דאָ צדיקים, װעלכע זענען מתקן זײנע עולות דורך נסים. זעהט איר, אין װאָס פאַר אַ זומפ, רחמנא־ליצלן, מען קאָן אַרײנקריכען דורך איבעריגע התפעלות?..

אָלזא—װעט איהר דאָך מיך פרעגען: אױב פּשט נסים

ומופתים, אין וואָס-זשע בעשטעהט דער כח פון צדיקים? וועל איך אייך ענטפערען, אַז זייער כח איז טאַקי גאָרנישט אַזוי גרויס, ווי איר מיינט. נישט גרעסער ווי דער כח פון אַ מלאָך. אַזוי ווי מלאכים זענען נישט מעהר ווי שלוחים, אַזוי זענען צדיקים אויך נאָר מקיים די שליחות פון הקדוש ברוך הוא. אַ העכערער פיהרט אויס אַ וויכטיגערע זאַך, אַ קלענערער—אַ גרינגערע, און דאָס איז גאָר. קיינער ווייזט נישט קיין מופתים. נישטאָ קיין נסים! אַלץ געהט כדרך-הטבע.

נאָר אַז איך זאָג, אַז אַ חסיד׳ישע מעשה דאַרף מען צו-הערען אָהן התפעלות, הייסט עס נישט, אַז מען קאָן זי צוהערען מיט אַ גרינג געמיט, ווי אַ בבא-מעשה, פון אַ רב מיט אַ רבי׳-צין. אַקוראַט פערקעהרט. אַדרבאָ, ווייל מען טאָר פון איהר נישט האָבען קיין התפעלות, מוז מען זי צוהערען מיט קאָפּ, דאַרף מען זיך אין איהר אַריינלעגען. אַ חסיד׳ישע מעשה דאַרף מען לערנען, ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא, און אפשר נאָך טיפער...

און איצטער הערט אַ מעשה פון בעל-שם-טוב.

---

## א.

איינמאָל, אין אַ ווינטער-צייט, אין אַ יומא דפגרא, איז דער בעל-שם-טוב מיט זיין הייליגער חבריא זיך געזעסען, גע-טרונקען תקון, געדרייטערט די לולקעס, געזונגען און דערביי אַ ביסעל געשמועסט. געשמועסט האָבען זיי, ווי זייער שטייגער איז געווען, וועגען וואָס עס האָט זיך געמאַכט, נאָר אין זייערע רייד איז געלעגען אַ מאָדנער כח: וועגען וואָס זיי האָבען נישט גערעדט, אפילו וועגען די טיפסטע ענינים פון קבלה, האָט עס יעדערער פערשטאַנען. אין יעדערן וואָרט זייערן זענען גע-ווען פּשוטער צו אַלע די מדרגות פון פערשטאַנד.

און אין דעם איז געלעגען דער סוד, וואָס זייער קול האָט זיך געהערט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן.

אַז מען טרינקט תּקון און מען זינגט, איז מען מסתּמא פרעהליך. און אַז מען איז פרעהליך—לאַכט מען.

גיט אַ זאָג ר׳ דוד לייקעס:

—שחוק איז אַ גרויסע זאַך, מיט שחוק של שמחה קען מען דינען דעם בורא, מעהר ווי מיט געוויין.

הערט איהם אויס דער בעל-שם-טוב און רעדט אַרויס, ווי פאַר זיך:

—עס איז דאָ אַ מדרגה נאָך אַ העכערע פון שחוק של שמחה. דאָס איז, אַז ניט דו לאַכסט, נאָר אַז מען לאַכט פון דיר...

אָבגעזאָגט און קיין וואָרט ניט מעהר.

כאַפּען אונטער די תּלמידים דעם רייד, פּערטיפּען זיך אין זיי, ווי זיי וואָלטען פונאַנדערוויקלען אַ ספר-תּורה.

רופט זיך אָב ר׳ וואָלף קיצעס:

—אַז איך לאַך מחמת שמחה, האָב איך נאָר רחבת-הנפש, אָבער אַז מען לאַכט פון מיר, ווער איך בבחינת ספסל, אַ מין ביינקעל אונטער די פיס, אויף וועלכען דער, וואָס לאַכט, קאָן זיך שטעלען, כּדי אויפהויבען זיך העכער. און דאָס גופא ברענגט שוין מיך צו אַ העכערער מדרגה.

טרעט אַרויס אַנטקעגען איהם ר׳ דוד פירקעס:

—ניין! זאָגט ער.—דאָס האָט גאָר אַנ׳אַנדער טעם. אַז מען לאַכט פון מיר, בעוויזט, אַז דאָס, וואָס איך האָב געטאָן אָדער געזאָגט, איז אַ חידוש פאַר דעם, וואָס לאַכט, און וויבאַלד איך האָב עפּיס מחדש געווען אין דער וועלט, האָב איך זיך דערמיט אויפגעהויבען אויף אַ העכערער מדרגה.

רופט זיך אָב מיט זיין שוואַכען קול ר׳ בער מעזעריטשער:

—צחוק,—זאָגט ער,—איז בגמטריה „נצחון.״ אַזוי ווי נצחון קאָן זיין נאָר צום סוף פון מלחמה און איז זיך סומך בלויז אויף דעם, וואָס איז געווען, איז ער בבחינת עבר. און אַזוי

ווי אין שחוק של נצחון ליגט די מדה פון אַכזריות, איז ער אויך בבחינת גשמיות. דעריבער איז דער צד שכנגדו, דער, פון וועמען מען לאַכט, איז אַ מדרגה פון עתיד און רוחניות.

טוט דער בעל-שם-טוב אַ שמייכעל און רופט זיך אָפּ:

—ווייסט איהר, וואָס? מיר װעלען זיך אַ ביסעל דורכ-פאָהרען, וועט מען מסתמא אונטערוועגענס וואו עס איז פון אונז אָבלאַכען, וועט איהר אַליין תופס זיין, וואָס עס ליגט אין דעם פאַר אַ טעם.

און די חבריא איז קאָנטעט. דורכפאָהרען זיך מיט דעם בעל-שם-טוב איז פאַר איהר געווען אַ יום-טוב, ביי אַזעלכע נסיעות פלעגט מען שטענדיג זעהן חדושים.

הייסט מען אַלעקסען שפּאַנען.

---

ב.

אַנדערע מיינען, אַז אין אַלעקסען האָט געשטעקט אַ הויכע זאַך. נאָר דאָס איז אַ טעות. געווען אַ פּשוט׳ער פויער, ווי אַלע פויערים, דערצו אַ שכור. נאָר ער האָט געהאַט אין זיך די מדה, אַז ער האָט געפאָלגט אָהן רייד און שאלות. האָט דער בעל-שם-טוב איהם געהייסען זיך זעצען מיט׳ן רוקען צום פערד, האָט ער זיך געזעצט. וואָלט ער איהם הייסען שפּאַנען דאָס פערד מיט׳ן עק פאָראויס און דעם קאָפּ צום וועגעל, וואָלט ער עס געטאָן מיט תמימות און איהם וואָלט אַפילו אין זינען נישט איינפאַלען פרעגען אַ קשיא. און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט פערשטאַנען, אַז ביי דעם בעל-שם-טוב דאַרף מען קיין קשיות נישט פרעגען, נאָר פּשוט, ווייל ער איז נישט מכוגל-געווען צו קשיות. און נישט מסוגל איז ער געווען, ווייל ער האָט נישט דערגרייכט צו דער מדרגה פון רצון. עס איז

צפילו דאָ אַ כברה, אַז אין דעם דמות פון אַלעקסען איז גע-
ווען דער גולם פון דעם מהר״ל מפראָג. נאָר ווי די מעשה
איז, זאָבער דער בעל-שם-טוב האָט שטאַרק געהאַלטען פין אַלעק-
סען פאַר זיין פאָלגען אָהן קשיות און פלעגט אַנ׳אַנדערש מאָל
אָפילו הייסען דיי תלמדים לערנען זיך פון איהם די מדה.
איינמאָל, אַז ער האָט זיך פערטיפט אין דעם ענין פון שתי-
הקצוות הנוגעים ואינם נוגעים זה בזה, האָט ער אַרויסגע-
זאָגט:

—די העכסטע מדרגה פון רוחניות דאַרף ברענגען צו דעם
זעלבען בטול-הרצון ובטול-היש, צו וועלכען עס האָט געבראַכט
אַלעקסען די נידעריגסטע מדרגה פון גשמיות.

שפאַנט אַלעקסי דאָס פערדעל אין אַ שליטען און מע
פאָהרט. וואיהין?—דאָס איז שוין דעם פערדעלס דאגה. אַלעק
סי זיצט זיך איינגעטוליעט אין פעלץ מיט׳ן רוקען צום פערד
און שלאָפט. דער פראָסט ברענט אין סמאַליעט. דער שניי
קראַכצט, שרייט און סקריפּעט אונטער׳ן שליטען, דער ווינט
נייעט און די בוימער אין וואַלד פּלאַצען מיט אַ שיסעריי. און
די בריא—וואָלט עס ויעמען ריהרען. אַפילו דער חלוש ר׳
בער מעזעריטשער פערגעסט צו פערוויקלען דעם שאַל אַרום
האַלז. מ׳איז פערטיפט אין אַ ויכוח. וועגען וואָס? וועגען שכר ועונש.

דער בעל-שם-טוב הערט זיך צו, טוט, ווי זיין סדר איז,
אַ שיימכעל, און זאָגט זיך, ווי פאַרבייגעהענדיג:

—אַז עונש איז מכפר אויף אַן עבירה, איז דאָך שכר
מכפר אויף אַ מציה...

ווערען די תלמידים מיט אַמאָל אַנטשוויגען.

גיט אַ געשריי ר׳ דוד פורקעס:

—אויב דורך שכר. קען בטל ווערען די מצוה, דאַרף
מען נישט קיין שכר געגוג די הנאה של מצוה!

שטעלט איהם אָב ר׳ וואָלף קיצעס:

—ווערט דאָך הנאה שכר?

זאָגט זיך שטיל ר׳ בער מעזעריטשער:

—דאַרף מען זיך אָבטאָן אויך פון דער הנאה. זאָל נישט

זיין קיין מצוה און נישט קיין שכר, נאָר זאָל זיין קיום רצונו של הקדוש ברוך הוא, ווי דער איינציגער מקור פון חיות, דאָס הייסט: „יחי בהם״.

פרעגט ר׳ דוד לייקעס:

—היינט ווי-זשע דאַרף מען פערשטעהן דעם ענין פון עבירה?

שווייגען אַלע. מען ווייס נישט, וואָס צו ענטפערען. שטעלט זיי אונטער די פלייצע דער בעל-שם-טוב:

—וויבאַלד,—זאָגט ער,—עס קען זיין אַ מענש אָהן מצוות, קען דאָך זיין אַן עבירה אָהן אַ מענשען.

און ברייננגט אַ פסק:

—„ויפן כה וכה וירא כי אין איש״—פניות כה וכה איז דער תבנית פון עבירה, און וויבאַלד אָבגעטאָן אַן עבירה, איז וירא כי אין איש, זעהט מען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מענש, וואָרום ער פערלירט דעם חיות און ווערט בבחינת מת.

גיט אַ ברום דער תולדות:

—און תשובה?

ענטפערט דער בעל-שם-טוב:

—תשובה איז תחית המתים.

---

ג.

דבגעשמועסט—און מען פאָהרט ווייטער. מיט אַמאָל שטעלט זיך אָב דאָס פערדעל. אָבגעשטעלט, איז אָבגעשטעלט, מסתמא דאַרף אַזוי זיין, כאָטש מען שטעהט אין מיטען וואַלד. קריכט מען אַרויס פון שליטען. דערווייל איז מנחה-צייט—דאַוונט מען מנחה. מיט אַמאָל דערזעהט מען פון דער ווייטען עמיצער פאָהרט אַ קעגען. קוקט מען זיך צו—עס פאָהרען צוויי פאָר-

שוינען. פון ווייטען ווייזען זיי אויס ווי קינדער. קומען זיי נעהנטער, זעהט מען, ס'איז א בחור מיט א בתולה. זיצען צו-געטוליעט איינער צום אנדערן, זענען כמעט פערפראהרען, און דאס פערדעל — א פגר, קוים וואס עס שלעפט זיך. שטעלט מען אב דאס פערדעל, מען נעהמט אראב די יונגע-לייט פון שליטעל, מען טרייסעלט זיי אויף, מען גיט זיי אביסעל חיות, מען ערקוויקט זיי מיט א פאר טראפען משקה, קומען זיי צו זיך. פרעגט מען ביי זיי, ווער זיי זענען און וואוהין זיי פאהרען? צעווינען זיי זיך. אז זיי בערוהיגען זיך, דערצעהלט דער בחור:

ער און די בתילה האבען געדינט ביי א קרעטשמער, ווי א משרת און א דינסט. אזוי ווי זיי זענען ביידע עלנדע יתומים, האבען זיי אבגערעדט חתונה האבען און געווארען חתן-כלה. דערווייל מאכט זיך, אז די קרעטשמערין ווערט שטארק אין כעס אויף דער דינסט און הויבט זי אן צו שלאגען און פייניגען, און כאטש ער איז אליין א קנעכט, שטעלט ער זיך איין פאר דער כלה, ווערט שוין שטארק אין כעס דער קרעטשמער, שלאגט זיי און טרייבט זיי ביידען ארויס אויפ'ן גאס. חיות ווי זיי האבען געהאט פערדינט עטליכע רענדליך, האבען זיי געקויפט דאס פערד אין שליטעל און געלאזען זיך אין דער וועלט אריין. פאהרען זיי שוין אזוי עטליכע וואכען פון ארט צו ארט און קענען זיך נישט צושלאגען צו א ברעג. דערווייל אויסגע-בראכט ביז דעם לעצטען גראשען און שוין צוויי טעג אין מויל נישט געהאט — און דא האט זיך נאך געשטארקט דער פראסט, האבען זיי שוין אינגאנצען פערלוירען די כוחות...

גיט מען זיי עסען. און אז זיי זעטיגען זיך אן, פרעגט מיט רוגזה דער תולדות:

— ווי אזוי-זשע פאהרט דאס א בחור מיט א בתולה אהן א שומר?

נערשזמט זיך די בתולה און דער בחור הויבט זיך אן צו פערענטפערען.

כוט דער בעל-שם-טוב א שמייכעל און רופט זיך אב:

—וועלען מיר צופֿאָהרען צו אַ קרעטשמע און שטעלען זיי אַ הופה.

זעצט מען זיך אין די שליטענס, און ר׳ וואָלף קיצעס געהט אַריבער אין שליטען פונ׳ם בחור מיט דער בתולח פאַר אַ שוכר—פֿאָהרט מען ווייטער. געווערט אַ קורצע צייט, שטעלען זיך אָב די פערד ביי אַ קרעטשמע. דערזעהען דער בחור מיט דער בתולה די קרעטשמע, דערקענען זיי באַלד, אַז דאָס איז די זעלבע, וואו זיי האָבען געדיענט, און זיי ווערען פערציטערט, און זיי חדוש׳ן זיך שטאַרק, וואָס זיי האָבען געקאָנט אַזוי גיך קומען אַהער צוריק.

דערווייל געהען אַרויס פון קרעטשמע דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית׳טע, דערזעהען זיי זייער משרת מיט דער דיענסט, ווערען זיי שטאַרק אין כעס און צושרייען זיך:

—ווייטער געקומען צו שלעפען זיך אַהער, הולטייעס! אייער פוס זאָל דאָ נישט זיין!

הויבט אָן דער בעל-שם-הקדוש זיי בערוהיגען:

—איהר האָט נישט וואָס צו בייזערן זיך. דאָס האָבען מיר זיי מיטגענומען און פיהרען זיי מיט אונז.

צולאַכט זיך די קרעטשמערין:

—געכאַפט,—זאָגט זי,—אַ טייערע מציאה!

און דער בעל-שם-הקדוש זאָגט ווייטער:

—אַזוי ווי דער בחור מיט דער בתולה זענען חתן-כלה, װילען מיר זיי דאָ ביי אייך שטעלען אַ חופה.

צולאַכט זיך דער קרעטשמער. געקומען גראָד צו איהם שפילען חתונה די הולטייעס, וועלכע ער האָט אַרויסגעטריבען! און ער הייסט דעם בעל-שם-הקדוש פאָהרען ווייטער.

רופט זיך אָב רוהיג דער בעל-שם-הקדוש:

—ניין, מיר וועלען שטעלען די חופה טאַקי נור ביי אייך. און איהר וועט זיך מטריח זיין צוגרייטען אַ פיינע וועטשערע.

כאַפען זיך שוין דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערקע פאַר די זייטען פון געלעכטער. נאָך אַ פיינע וועטשערע צו-גרייטען!

—יאָ,—חזר'ט איבער דער בעל-שם-הקדוש,—איהר וועט צוגרייטען אַ פיינע וועטשערע, מיט די שענסטע מאכלים, מיט די בעסטע וויינען, און איך וועל אייך בעצאָהלען, וויפיל דאָס וועט אָנטרעפען.

גיט דער קרעטשמער אַ פרעג אויף ציקאַווּעס:

—און וויפיל, לערך, וועט איהר בעצאָהלען?

—וויפיל איהר וועט פערלאַנגען.

און דער בעל-שם-הקדוש ווייזט אַ הויפען רענדלעך.

דערזעהען די רענדלעך—הערט מען אויף צו לאַכען. גיט דער קרעטשמער אַ קוק אויף דער קרעטשמערין, גיט זי אַ קוק אויף איהם. פאַלט זייביידען איין אין זינען, אויב דאָס זענען נישט גע'גנב'עטע רענדלעך. און ביידע ענטפערן באַלד זיך אַליין אויף דעם: „עס איז נישט אונזער דאגה!" און דער קרעטשמער רופט זיך אָב:

—אויב איהר וועט טאַקי גוט בעצאָהלען, וועלען מיר צוגרייטען אַ וועטשערע, ווי איהר פערלאַנגט.

געהט מען אַריין אין קרעטשמע, מען גרייט זיך צו דער חופה. און, ווען אַלץ איז פאַרטיג, שטעלט מען די חופה. און דער בעל-שם-הקדוש איז אַליין מסדר קדושין, נאָכדעם געהט מען צום טיש, און מען זעצט דאָס פּאָר פאָלק אויבענאָן און מען עסט, מען טרינקט און מען איז זיך משמח.

## ד.

נאָך די שבע ברכות הויבט זיך אויף דער בעל-שם-הקדוש און זאָגט צו דער הבריא:

—מען דאַרף דאָך שענקען דעם פּאָר-פאָלק דרשה-געשאַנק.

און רופט אויס:

—איך שענק זיי אָט די קרעטשמע מיט די אַלע כלים, מיט די אַרומיגע בנינים, מיט די פערד, מיט די בהמות, מיט די שאָף, מיט די רינדער.

דערהערען דאָס דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערקע-ברעכען זיי אויס מיט אַ שטאַרקען געלעכטער. און זיי שיקען רופען די פויערן פון דאָרף, זיי זאָלען קימען אָנקוקען די פיינע קאָמעדיע.

און דער בעל-שם-הקדוש מיט דער חבריא כוען זיך זייערס. נאָך דעם בעל-שם-הקדוש הויבט זיך אויף דער „תולדות".

—און איך,—זאָגט ער,—שענק דעם פּאָר-פאָלק דעם וואָלד, וואָס איז ביי דער קרעטשמע.

—און איך שענק די שטיינערנע מיהל, וואָס איז ביים טייך,—רופט זיך אָב ר' בער מעזעריטשער.

—און איך שענק דעם ברייט-הויז,—רופט זיך אָב ר' וואָלף קיצעס.

און ר' דוד לייקעס שענקט דעם שייער מיט תבואה, וואָס געפינט זיך ביים דוכס אין הויף, און ר' דוד פירקעס שענקט הונדערט פעסער וויין פון דוכס ווייננקעלער.

אזוי שענקט דאָס אָב יעדער פון דער חבריא זיין דרשה-געשאַנק. און ביי יעדען אויסרוף קייקלען זיך פאַר געלעכטער דער קרעטשמער, די קרעטשמערין און די פויערן. לכוף געהט דער קרעטשמער אַליין צו צום טיש און שרייט אויס אויפן קול מיט אַ גרויס געלעכטער:

—און איך שענק דעם פיינעם פּאָר-פאָלק די צעהן טויזענד רענדלעך ראַטהע, וואָס דער דוכס האָט היינט בעקומען פון זיינע קרעטשמער!

וויל די קרעטשמערין נישט אָבשטעהן פון מאַן און שרייט אויך אויס מיט אַ געלעכטער:

—און איך שענק דער געראָטענער כּלה דעם טייערן בראָש מיט די אוירינגלעך, וואָס די דוכסע טראָגט אויף זיך! רופט זיך אָב צו זיי דער בעל-שם-הקדוש:

—אפשר וועט איהר שענקען עטוואָס פון אייער אייגען! זיי האָבען דאָך פאָרט געדיענט ביי אייך פיעל יאָהרען. לאַכט זיך אויס דער קרעטשמער.

נאָך די קרעטשמערין רופט זיך אָב מיט ליצנות:

—שענק זיי די חורבה, וואָס שטעהט הינטערן דאָרף!

צולאַכען זיך אַלע. די חורבה איז מיט אַן איינגעפאַלענעם דאַך, אָהן טיר און פענסטער.

—און מעהר שענקט איהר נישט?—פרעגט דער בעל-שם-הקדוש.

—מעהר נישט.

טוט דער בעל-שם-הקדוש אַ זיפץ, הויבט זיך אויף און בעצאָהלט פאַר דער וועטשערע מיט שווערע רענדלעך, און איז מוסיף נאָך אַ רענדעל פאַר דעם טישטוך, וואס איז געגרייט אויפ׳ן טיש.

און ער רופט-צו דעם יונגענמאַן און הייסט איהם:

—נעהם צונויף אין טישטוך אַלע מאכלים און משקאות, וואָס זענען פערבליבען פון דער וועטשערע, און נעהם עס צו זיך אין שליטעל און זעץ זיך מיט דיין ווייב און פאָהר לשלום.

פרעגט איהם דער יונגערמאַן:

—וואוהין?

ענטפערט איהם דער בעל-שם-הקדוש:

—רעכטס. און ווייטער וועט דיך דער אויבערשטער פיהרען.

און מעהר זאָגט ער קיין וואָרט נישט. און זעצט זיך צוזאַמען מיט דער חבריא אין שליטען—און מען פאָהרט צוריק. און מ׳האָט נישט קיין צייט אומקוקען זיך, ווי מען איז שוין אין בעדושיבוזש.

## ה.

און דער יונגערמאַן פאָלגט, וואָס דער בעל-שם-הקדוש האָט איהם געהייסען, נעהמט צונויף אין טישטוך די שיריים פון דער וועטשערע, זעצט זיך מיט׳ן ווייב אין שליטען און פאָהרט. און דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערין מיט די פויערן פון

דאָרף בעגלייטען זיי מיט ליצנות-ווערטער און זלזולים. און זיי פאָהרען און ווייסען נישט, וואָס מיט זיי איז געשעהן. און זיי דוכט זיך, אַז אַלץ איז געווען אַ חלום. נאָר זיי דערמאָנען זיך, ווי מען האָט אָבגעלאַכט פון זיי, קלעמט זיי דאָס האַרץ און זיי צעוויינען זיך.

דערווייל הויבט שוין אָן צו טאָגען. און, אַז עס ווערט נאָר ליכטיג, שטעלט זיך מיטאַמאָל אָב דאָס פערדל און וויל ווייטער נישט געהן. קריכט אַראָב דער יונגערמאַן פון שליטען, וויל אויפזוכען אין וועלדיל אַ לאָזינע צו שמייסען דאָס פערד, דערזעהט ער פון דערווייטען, אַז אויפן שניי ליגט אַ מענש. געהט ער צו נעהנטער, זעהט ער, אַז עס איז אַ יונגער פריץ, ליגט אַ דערפראָרענער, נאָר ער לעבט נאָך. רופט דער יונגערמאַן צו דאָס ווייב, און זיי נעמען זיך וועקען דעם יונגען פריץ און ריי-בען איהם מיט שניי. עפענט ער אויף די אויגען. דערמאָנט זיך דאָס ווייבעל, דאָס זיי האָבען אין טישטוך וויין פון דער וועַ-טשערע, לויפט זי צום שליטעל, ברענגט פון דאָרט וויין און גיסט איהם אין מויל אַ פּאָר טראָפּען, כדי איהם מחיה צו זיין. קומט ער צו זיך און בעט מיט אַ שוואַך קול, מען זאָל איהם געבען עסען. דערמאָנט זיך דאָס ווייבעל, דאָס זיי האָבען אין טישטוך פיל מאכלים פון דער וועטשערע און זי גיט איהם עסען. און ער עסט, ווי אַ הונגעריגער, און טרינקט אויס אַ גאַנצע פלאַש וויין. און, אַז ער זעטיגט זיך אָן, דערצעהלט ער, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז דעם דוכס איין-איינציגער זוהן. נעכטען איז ער אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן יאַגד, האָט דאָס פערד זיך צויאָגט, אַראָבגעוואָרפען איהם פון זיך און אַנטלאָפען. איז ער געבליבען אַליין אין וואַלד—און וואָס ווייטער ער געהט, פערבלאָנדזשעט ער אַלץ טיפער אין וואַלד. שרייט ער, נאָר קיינער הערט נישט. האָט ער אַזוי אָבגעבלאָנדזשעט אַ מעת-לעת, ביז ער האָט זיך אויסגעשלאָגען פון די כוחות, פון גרויס מידקייט, הונגער און קעלט איז ער געפאַלען און כמעט פער-פראָרען געוואָרען.

און ווי ער דערצעהלט דאָס אַזוי, לאָזט זיך מיטאַ־אָל הערען אַ קול פון טרומייטען, שטאַרקע געשרייען און אַ טופּעריי פון פערד. און באַלד קומט אָן אַ מחנה רייטער מיט קאַרע־טען. און ווי די רייטער דערזעהען דעם יונגען דוכּס, ווערט ביי זיי אַ גרויסע פרייד. און זיי לויפען צו און קושען איהם די הענד, און זיי נעהמען און טראָגען איהם צום קאַרעט און זע־צען איהם אַריין, און מיט אַ רעש און אַ טרומייטעריי פאָהרען זיי געשווינד אַוועק.

און דער יונגערמאַן מיטן ווייב בלייבען אין מיטען וואַלד. און זיי ווייסען ווייטער נישט, וואָס מיט זיי איז געשעהן. און זיי דוכט זיך ווירער, אַז גלן איז געווען נישט מעהר, ווי אַ חלום.

## ו.

און אַז מען ברענגט דעם יונגען דוכּס אין הויף, לויפען איהם אַרויס אנטקעגען דער אַלטער דוכּס מיט דער דוכּסה, און זיי קושען און האַלזען איהם און הייסען מאַכען אַ גרויסען מאָל־צייט. און די שמחה איז נישט משער צו זיין.

און ווען מען בערוהיגט זיך אַ ביסעל, דערמאָנט זיך דער יונגער דוכּס אָן די יונגע מאַן און ווייב, וואָס האָבען איהם מציל געווען פון טויט, הייסט ער זיי רופען. נאָר קיינער ווייס נישט, וואו זיי זענען. שיקט מען גלייך פיל רייטער זיי אויפ־צווזכען. געפינט מען זיי, און מען ברענגט זיי מיט גרויס פּאַ־ראַד אין הויף, און מען פיהרט זיי גלייך אַריין אין גרויסען זאַל. און דער דוכּס מיט דער דוכּסה דאַנקען זיי פיעל מאָל, וואָס זיי האָבען מציל געווען זייער איינציגען זוהן פון טויט. און דער אַלטער דוכּס פרעגט, ווער זיי זענען? דערצעהלט דער יונגערמאַן, אַז ער מיט זיין ווייב האָבען געדיענט ביי דעם און דעם קרעטשמער און ער האָט זיך צובייזערט אויף זיי און

אַרויסגעטריבען אויפֿן פראָסט. ווערט דער דוכס שטאַרק אין כּעס און שרייט אויס:

—דערפֿאַר, וואָס דער קרעטשמער האָט אייך אַרויסגעטרי־בען, שענק איך אייך לצמיתות די קרעטשמע, וואו ער זיצט, מיט אַלע כּלים, מיט די אַרומיגע בנינים, מיט די פֿעלד, מיט די בהמות, מיט די שאָף, מיט די רינדער.

רופֿט זיך אָב די דוכּסה:

—און איך שענק זיי דעם וואַלד, וואָס ביי דער קרעטשמע.

זאָגט דער יונגער דוכּס:

—און איך שענק זיי די שטיינערנע מיהל, וואָס ביים טייך און דעם ברוי-הויז, און דעם שייער מיט תּבואה און הונ־דערט פֿעסער וויין פֿון אונזער ווייַנקעלער.

רופֿט זיך ווייטער אָב דער אַלטער דוכּס:

—זיי דאַרפֿען דאָך האָבען אויף דער ערשטער צייט מזומנים, שענק איך זיי די צעהן טויזענד רענדלעך ראַטהע, וואָס איך האָב נעכטען בעקומען פֿון מיינע קרעטשמער.

און די דוכּסה איז דערצו מוסיף:

—אַזוי, ווי דאָס ווייבעל האָט ערשט חתונה געהאַט, דאַרף זי דאָך האָבען צירונג.

און זי נעהמט אַראָב פֿון זיך די בריליאַנטענע בראָש מיט די בריליאַנטענע אוירינגלעך און טוט עס אָן דעם ווייבעל.

און דער יונגערמאַן מיט דעם ווייבעל שטעהען צודולט פֿון דעם גרויסען גליק, וואָס זיי האָט געטראָפֿען, און זיי דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ חלום. און ווען זיי קומען צו זיך, הויבען זיי אָן דאַנקען פֿאַר די פֿיינע מתּנות, און דער אַלטער דוכּס פֿרעגט דעם יונגענמאַן, וואָס נאָך ער וויל? דערמאָנט זיך דער יונגערמאַן אָן דעם קרעטשמער מיט דער קרעטשמערין, האָט ער אויף זיי רחמנות און ער זאָגט:

—און וואו-זשע וועלען זיך אַהינטון דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערין?

צולאַכט זיך דער דוכּס:

—עס איז דיין דאגה צו זאָרגען וועגען זיי?

רופט זיך אָב די דוכסה מיט אַ געלעכטער צום דוכס:
—שענק זיי די הורבה, וואָס שטעהט הינטערן דאָרף!
צולאַכען זיך אַלע.

הערען דער יונגערמאַן מיט דעם ווייבעל דעם געלעכטער, און זיי דוכט זיך, אַז דאָס לאַכען נאָך דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערין מיט די פויערן פון דאָרף, און זיי פעוקלעמט דאָס האַרץ און זיי צעווייגען זיך...

---

ווען מ׳האָט אין אַ צייט אַרום ביים בעל-שם-הקדוש ביים טיש גערעדט וועגען דער מעשה, האָט ער זיך אָפגערופען:
—„גם בצחוק יכאב לב״, אפילו בשעת מ׳האָט געלאַכט פון מיר, האָט מיר דאָס האַרץ וועה געטון אויף די, וואָס האָבען געלאַכט. אויף זיי איז נעביך געווען אַ צווייענדיגער רחמנות.
און ער האָט געטון אַ שווערען זיפץ...

# אויף דער וואַך.

„ותשובה ותפילה וצדקה
מעבירין את רוע הגזרה".

## א.

## דער גזר־דין.

אין די הייליגע און פורכטבאַרע עשרת ימי תשובה ווערט פאַר גאָט ברוך-הוא געעפנט דאָס גרויסע בוך פון אַלע מעשים פון דער וועלט, און אין איהם ווערט געלייענט וועגען אַלץ, וואָס עס איז געטון געוואָרען דורך מענשען און דורך פעלקער. אַלץ ווערט געשאַצט און גערעכענט, געוואויגען און געמאָסטען. און הקדוש ברוך-הוא טוט משפט'ן די וועלט און אַלע איהרע בע-שעפעַנישען. און אין בוך פון לעבען ווערט פאַרצייכענט און פאַרשריבען אַלץ, וואָס מוז פאָרקומען מיט איטליכען און מיט אַלעמען.

און אין דער שעה פונם פורכטבאַרען משפט קומט פאָרביים אונטערטרעפ פונ'ם כסא-הכבוד אַ שטאַרקע מלחמה צווישען די הייליגע מלאכים און די כחות פון דער טומאה פאַר דעם

גורל פונ׳ם „איינציגען פאָלק״. און הזה איז צום פאָלק ישראל, אויב די פינסטערע כּהות זענען מנצח! דעמאָלט ערוואַרטען אים אַלערליי צרות און רדיפות, בלבולים און הריגות. אָבער דער אַלמעכטיגער מיט זיין גרויסען גנאָד האָט געגעבען דעם זינדיגען מענשען די מעגליכקייט אפילו שוין נאָכן משפט צו לינ- דערען אָדער אינגאַנצען אומבייטען צו גוטען דעם גזר-דין דורך תּפילה, תּשובה און צדקה.

נאָר איידער די תּפילה, תּשובה און צדקה קומען פאַר׳ן כּסא הכּבוד, מוזען זיי דורכגעהן דעם פאָדערשטען פּאַלאַץ, וואו עס ווערט בעשטימט זייער טהרה און קדושה. און, אויב אין זיי געפינט זיך חלילה דער קלענסטער פּגם, קומט דער שטן מיט זיין כּתּה, פערשליסען די שערי שמים און דערלאָזען זיי נישט צום כּסא הכּבוד.

העכער פון אַלץ איז תּשובה. נאָך איהר געהט תּפילה און די לעצטע איז צדקה. אָבער אין פאָדערשטען פּאַלאַץ קומען זיי אַריין אין אַן אַנדער סדר. צום ערשטען קומט אָן צדקה, ווייל איהר צייט ענדיגט זיך, ווי נאָר יום-כּפּור הויבט זיך אָן. נאָך צדקה געהט תּשובה און די לעצטע, צו נעילה, קומען אָן די תּפילות.

---

אין יענעם יאָהר איז די מלחמה פאַר׳ן גורל פון פאָלק ישראל געווען אַ שטאַרקע און אַ פאַרביטערטע. געווען איז עס אין די צייטען פון דעם ריעז צווישען ריעזען, דעם בעל-שם- הקדוש, וועלכער האָט געהערשט איבער מלאכים און שרפים און מיט תּקיפות אַ דעה געזאָגט אין די עולמות העליונים. און דער שטן מקטרג, ציטערענדיג פאַר דעם בעל-שם׳ס גבורה, האָט אָנגעגורט די לענדען, אָנגעשטרענגט זיין פינסטערען כּח און, צוטרעפענדיג די רגע פון גאָטס גרימצאָרן, ווען די טויערן פון רחמים זענען געשלאָסען, איז ער אַרויסגעטראָטען מיט דער גאַנצער מאַכט פון דער סטרא אחרא און אַרויסגעשטעלט זיין אומבאַרמהאַרציגען קטרוג אויפ׳ן פאָלק ישראל. און ער האָט גובר געווען!... און עס איז בעשטימט געוואָרען אַנ׳אומגעוועהנליך שרעקליכער גזר-דין.

אונ די הימעלשע כחות, פערציטערטע פון דעם, וואָס עס איז געשעהען, האָבען נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטען קעגען דעם גזר, אונ, פאַר גרויס פחד, האָבן זיי פערבאָרגען דאָס געשעהעניש פון ליכטיגען בליק פון הייליגען בעל-שם-טוב.

---

אין מעדזשיבוזש האָט מען אויפגענומען יום-כפור פאַר-פריה. שוין ערב יום-כפור זענען די יודען געווען דורכגענומען מיט דער גרויסער אונ פורכטבאַרער הערליכקייט פונ'ם הייליגען טאָג, האָבען אָבגעשטויסען פון זיך אַלע וועלטליכע דאגות, אָב-געטרייסעלט די לעצטע שירים פון וואָכעדיגקייט. אום האַלבען טאָג זענען פון מאַרק פערשוואונדען די פויערשע פוהרען. אייליג זענען געשלאָסען געוואָרען איינע נאָך די אַנדערע די קראָמען. נאָך די קראָמען, די הייזער. און, וואָס מעהר עס איז פער-שוואונדען געוואָרען די וואָכעדיגע אַלטעגליכקייט, האָט אַלץ מעהר אויפגעלעבט די הייליגע שוהל. ווי צעהנדליגע שטראָמען, האָבען זיך פון אַלע זייטען געצויגען צו דער שוהל יודען, פרייע פון אַלע וועלטליכע מחשבות און זאָרגען; אייניגע—שוין אין קיטלען, מיט וועקסענע ליכט אין די הענד. צווישען די אָרטיגע יודען זענען געווען פיעל קרעטשמערס, וועלכע זענען פון די אַרומיגע דערפער געקומען מיט ווייב און קינדער אין שטאָדט אויף ימים-נוראים. געזונטע און שטאַרקע, ענליכע מיט'ן פנים און די בגדים צו די פויערים, זענען זיי געגאַנגען שטיל און אונטערטעניג.

די שוהל, געדעקט מיט שטרוי, אַ נידעריקע און אַנ'אָרימע, האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט איהרע טירען אַנטקעגען די קינ-דער, וואָס האָבען זיך צו איהר געצויגען. אויפ'ן שוהל-הויף זענען געשטאַנען ציילענווייז אָרימעלייט און קאַליקעס מיט אויס-געשטרעקטע הענד, עס זענען געשטאַנען בעלי-בתים מיט פושקעס און טעלערס, זאַמלענדיג געלד אויף אַקערליי קהל'שע הצטרכות'ן. און די יודען, וואָס זענען געגאַנגען אין שוהל, האָבען, יעדערער נאָך זיין יכולת, געטיילט נדבות, געוואָרפען מטביות אין די פוש-קעס און טעלערס. מיט אַ ליבליכען שמייכעלע און פון פולען האַר-

צען האָט יעדער געגעבען זיין נדבה. עס האָבען זיך געשאָטען אין די הענד פון די אָרימעלייט, געקלונגען אין די פושקעס און טעלערס יודישע גראָשענדלעך און צווייערלעך.

ביסלעכווייז איז פוסט געוואָרען דער שוהל-הויף. עס זענען פערשוואונדען די אָרימעלייט און די צדקה-זאַמלער. און די לעצ-טע נדבה איז געווען אַ גראָשענדעל, וואָס אַ בלינדע בעטלערין האָט אַראָבגעלאָזען אין אַ צדקה-פושקע.

און דאָס גאַנצע לעבען איז אַריבער אין שוהל, וועלכע איז פול געוואָרען מיט ליכט און התלהבות. איינג זענען גע-שטאַנען הונ׳ ערטער יודען אין קיטלען און שטיל מתפלל געווען; איינג זענען געשטאַנען הונדערטער הויכע און גלייכע ליכט, וואָס האָבען זיך מיט געלע פלאַטערענדיגע פלעמעלעך געצויגען אין דער הויך. און אַלץ און אַלע זענען ווי פערגליווערט געוואָרען, וואַרטענדיג אויף דער ערשטער בשורה פון דעם הייליגען יום-כפור—אויף „כל-נדרי"...

---

אין פריהמאָרגען איז דער הייליגער בעל-שם-טוב נאָך גע-ווען רוהיג, מיט אַ פרעהליכען געמיט און אַ ליכטיגען פנים האָט ער געבענשט די תלמידים, דעם עולם און די קינדער, וואָס די עלטערן האָבען געבראַכט צו איהם. נאָר, וואָס מעהר דער טאָג האָט זיך געצויגען צום אָווענד, איז אַלץ אומרוהיגער געוואָרען דער געמיט פון בעל-שם. בײם פערפאַסטען איז ער געזעסען, אין דער סביבה פון זיינע תלמידים, אומבעוועגט מיט אַנ׳אַראָבגעלאָ-זענעם קאָפּ, אין אַ שווערען שווייגען, און האָט כמעט נישט צו-געריהרט זיך צום עסען. נאָר איין מאָל האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דורכגעדרונגען מיט׳ן בליק ר׳ דוד פירקעס, וואָס האָט געדאַרפט זאָגען פאַר׳ן עמוד „כל-נדרי". און, אונטער דעם שאַרפען בליק פון הייליגען רבי׳ן, איז ר׳ דוד פירקעס געוואָרען פערציטערט און האָט ווידער און ווידעראַמאָל פערטיפט זיך אין די בעהאַלטענסטע חדרים פון האַרצען און געזוכט, אויב דאָרטען איז נישטאָ קיין פגם. נאָר ער האָט נישט געפונען.

און ווען דער הייליגער בעל-שם איז אַרויס פון שטוב צו

גערן אין שוהל אַריין אין האָט אויפגעהויבען דעם בליק און דערזעהן, אַז דער הימעל איז אינגאַנצען בעדעקט, ווי מיט אַ שטאָלענעם פאַנצער, מיט דיקע, פינסטערע וואָלקענס, האָט איהם אָנגענומען אַ גרויסער פּחד. און, ווען ער איז אַריין אין שוהל און געשטעלט זיך אויף זיין אָרט, נעבען עמוד, האָט זיך זיין פּנים בעדעקט מיט אַ וואָלקען, וואָס איז געווען שווערער און פינסטערער פון די וואָלקענס אויפ'ן הימעל.

און די תּלמידים האָבען מיט אימה ופּחד נאָכגעקוקט יעדער תּנועה פונ'ם רבּי'ן, און ביי זיי איז אַלץ שווערער געוואָרען דאָס געמיט. נאָר, גלויבענדיג אין דעם גרויסען כּח פונ'ם הייליגען בעל-שם, האָבען זיי זיך געשטאַרקט אין בּטחון, האָבען געוואַרט און געהאָפט...

ר' דוד פירקעס, אָבגעשיידט פון דער וועלט, אויסגעטון פון גשמיות, מוכן ומזומן זיך מקריב זיין פאַר דעם כּלל ישראל, איז געשטאַנען ביים עמוד און געוואַרט אויף דעם וואונק פון בעל-שם אָנצוהויבען „כּל נדרי".

אָבער דער הייליגער בעל-שם איז געשטאַנען, ווי פער-שטיינערט. זיין פּנים, אָהן אַ שום תּנועה, איז געווען ווייס ווי קאַלך, בעדעקט מיט קאַלטען שווייס. און איבער די באַקען האָבען גערונען צוויי שטראָמען טרעהרען.

און געשוויגען, ווי ער וואָלט פערגעסען, וואו ער געפינט זיך און וואָס פאַר אַ שעה עס איז. און אַלע אַרום איהם האָבען אין שרעק געוואַרט, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם. און עס זענען פאַרבייגעגאַנגען מינוטען, וואָס האָבען אויסגעוויזען, ווי שעה'ן, און עס זענען דורכגעגאַנגען שעה'ן, וואָס האָבען אויסגעוויזען, ווי יאָהרען, און דער בעל-שם האָט אַלץ נישט געגעבען קיין צייכען. און די אומרוהיגקייט איז אַריבער אין אַ שרעק, און די שרעק איז אַריבער אין אַנ'אימה. און אין הונדערטער הער-צער איז געוואַקסען אַ וועהטאָג, וועלכער איז געווען גרייט צוגרויסצורייסען זיך, ווי אַ הילכיגער יאָמער.

# ב.

## צדקה.

שניי-ווייסע מלאכים׳לעך, מילדע און שטילע, זענען פון אַלע זייטען צונויפגעפלויגען זיך אין פאָדער-פּאַלאַץ, געבראַכט אַהין יודישע נדבות, געטראָגען שפייז און בגדים, גראָשענדלעך און צווייערלעך. און אַלץ, וואָס זיי האָבען געבראַכט, האָט גע-שיינט ווי גינגאָלד, געלויכטען ווי דימענטען, און מיט פרייד גע-צויגען זיך צום כסא הכבוד. און די מלאכים׳לעך האָבען בע-הוטזאָם געזאַמעלט יעדעס ברעקעלע ברויט, יעדעס פעזימל פון די צוריסענע בגדים, יעדעס קלענסטע מטבעה׳לע און צוזאַמענ-געלעגט עס. נאָר דאָס בערגעל איז געווען אָרים און קליין, ווייל אָרים און געפאַלען איז געווען דאָס פאָלק ישראל.

און אַז דער לעצטער מלאכ׳ל האָט געבראַכט די לעצטע נדבה, דעם גראָשענדל פון דער בלינדער בעטלערין,—האָט זיך אויפ׳ן שוועל פון פאָדער-פּאַלאַץ בעוויזען דער שטן מקטרג. אַ דרייסטער, אַ נצהונ׳דיגער: ער האָט מיט׳ן שוואַרצען פליגעל צוהאַקט דעם פאָרהאַנג, און עס האָט זיך ענטפּלעקט אַ בילד, אין וועלכען אין איין הרף-עין האָבען זיך געביטען טעג און וואָכען. חדשים און יאָהרען.

---

געווען אַ קרעטשמער, אַ מטופל מיט אַ גרויסען געזינד. די געשעפטען זענען ביי איהם געגאַנגען אַלץ ערגער און ער-גער, און, ווען עס איז געקומען די צייט צאָהלען דעם פריץ ראַטע, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס. מיט גרויס מיה האָט ער אויסגעבעטען ביים פריץ, ער זאָל איהם וואַרטען די ראַטע, ביז׳ן קומענדיגען טערמין, צוזאָגענדיג צו בעצאָהלען מיטאַמאָל פאַר צוויי יאָהר. אָבער, ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער טערמין, האָט ער ווידער נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען.

און דער פּריץ איז ביז געוואָרען און האָט, לויט'ן דרך פון יענע צייטען, אַריינגעזעצט אין גרוב דעם קרעטשמערס גאַנצע געזינד. נאָר איהם אַליין האָט ער געלאָזען פריי, כּדי ער זאָל קאָנען בעקומען געלד אויף אויסלייזען דאָס ווייב און קינדער פון געפענקעניש. און ער האָט אָנגעזאָגט דעם קרעטשמער, דאָס ער גיט איהם דריי חדשים צייט, און, אויב יענער וועט צום נייעם טערמין נישט ברענגען קיין אויסקויף-געלד, וועט מען אויפהערען אַראָבלאָזען זיין ווייב און קינדער ברויט און וואַסער אין גרוב און זיי וועלען אויסגעהן פון הונגער און דורשט. דער קרעטשמער האָט זיך געלאָזען איבער דער וועלט קלייבען נדבות. ער איז געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, אומעטום דערצעהלט וועגען דעם אומגליק, וואָס איהם האָט געטראָפען. און יודען, רחמנים בני רחמ״ים, האָבען איהם געגעבען נדבות. נאָר זיי האָבען איהם נישט געקאָנט העלפען אין דער פּולער מאָס, ווייל דער חוב דעם פּריץ איז געווען גרויס און די יודען זענען געווען אָרים. דער קרעטשמער איז געגאַנגען איין וואָך און אַ צווייטע, איין חודש און אַ צווייטען. און ער האָט זיך דערוויטערט פון דער היים. און עס איז מיעד געוואָרען זיין גוף, און ס'האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערברעכען ביי איהם די פיס. און געזאַמעלט האָט ער אינגאַנצען עטליכע רענדלעך, אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס איהם איז געווען נויטיג. און דעם קרעטשמער האָט אָנגענומען אַ גרויסער יאוש.

איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין וועג, אַ הונגעריגער און אַ מיִדער, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ רעש, אַ קנאַקעריי פון בייטשען און אַ טופּעריי פון פערד. ער האָט קיין צייט געהאַט אַרומקוקען זיך, ווי עס זענען מיט אַ שטורם אָנגעקומען רייטער-קאָזאַקען, און נאָך זיי האָט זיך געטראָגען אַ קאַרעט, געשפּאַנט מיט אַכט פערד „נאַ-שפּיץ“. איינער פון די קאָזאַקען האָט מיט אַ שמיץ פון דער נאַהייקע אַראָבגעשליידערט דעם קרעטשמער פון וועג אין אַ ראָוו, און די קאָזאַקען זענען געפלויגען ווייטער. נאָר דער פּריץ, פירשט סאַנגושקאָ, וואָס איז געזעסען אין קאַרעט, האָט געהייסען אָבשטעלען זיך און בעפוי-

-לען אויפהויבען דעם יודען און ברענגען צום קאָרעס.

ווען מען האָט דעם צובלוטיגטען קרעטשמער צוגעפיהרט צום קאָרעט, האָט דער פירשט איהם געפרעגט, פון וואַנען ער איז און וואו ער געהט? דער קרעטשמער האָט דערצעהלט וועגען דעם אומגליק, וואָס איהם האָט געטראָפען.

דער פירשט האָט איהם אויסגעהערט און געפרעגט:

—וויפיל צייט געהסטו איבער דער וועלט קלייבען נדבות?

—צוויי חדשים.

—וויפיל האָסטו געזאַמעלט?

—צעהן רענדלעך.

—און וויפיל דאַרפסטו בעצאָהלען דעם פריץ?

—דריי הונדערט...

דער פירשט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָט געהייסען דעם דיענער אָבצעהלען אין אַ זעקעל דריי הונדערט רענדלעך, האָט אַ וואָרף געטון דאָס זעקעל גאָלד דעם קרעטשמער און איז שנעל אַוועקגעפאָהרען ווייטער.

---

ווי נאָר דער פירשט סאַנגושקאָ האָט אַ וואָרף געטון דאָס זעקעלע גאָלד, האָט איהם גלייך אונטערגעכאַפּט דער שטן מקטרג און אַ שליידער געטון אויף דעם בערגעל פון די יודישע נדבות. און די רענדלעך האָבען מיט אַ גאָלדענעם שיין און אַ גאָלדענעם קלונג צושאָטען זיך איבער'ן פאָדער־פּאַלאַץ, און פון זייער שיין זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען די יודישע גראָשעגדלעך און צווייערלעך, געוואָרען קליין און אָרים. און דער שטן האָט זיך שוין צוגעגרייט מיט אַ שטויס פון פוס אַרויסצוואַרפען פון פאָדער-פּאַלאַץ די יודישע נדבות.

---

אין דער זעלבער רגע האָט דער בעל-שם, ווי ערוואַך־בענדיג, אַ קעהר געטון זיך צו די מענשען אין קיטלען, וועלכע זענען געשטאַנען פערגליווערטע פון שרעק, און דאָס הויך אַ פרעג געטון:

—וואו איז דער מאַלאָיאַראָווער קרעטשמער? זאָל ער צו-גיין אַהער!

עס האָט אַ ציטער געטון די שול, ערשיטערט פון דער אומגעריכטער פראַגע, און יעדערן איז געקומען אין געדאַנק, אַז דער מאַלאָיאַראָווער קרעטשמער איז מסתמא בעגאַנגען אַ שווערע זינד, איבער וועלכער מען קאָן נישט אָנהויבען „כל נדרי", און הונדערטער בייזע בליקען האָבען זיך געווענדט צום קרעטשמער.

פון וואַנט האָט זיך אָבגעטיילט אַ שטאַרקער, געזונטער יוד, מיט אַ פערגרעבטען פנים. ער האָט זיך מיט אַ נאַאיווער שרעק אומגעקוקט, געמאַכט עטליכע טריט און געבליבען אויף זיין אָרט, נשתומם און אָבהענדיג.

—אַהער קום, האָב קיין מורא נישט!—האָט איהם מיט אַ ליבליכען בליק דער בעל-שם בעפוילען.

טרעטענדיג מיט זיינע גרויסע, פויערשע שטיוועל, איז דער קרעטשמער אונזיכער צוגעגאַנגען צום בעל-שם.

—חיים,—האָט זיך דער בעל-שם צו איהם געווענדעט,—זאָג מיר, דו האָסט געקענט דעם פירשט סאַנגושקאָ'ס רויטליכען הונד?

דער קרעטשמער איז מטושטש געוואָרען פון דער אומגע-ריכטער פראַגע און נישט געקאָנט ענטפערן, נאָר ווען דער בעל-שם האָט איבערגע'חזר'ט זיין פראַגע, האָט ער געענטפערט:

—דעם פירשט'ס רויטליכען הונד? ווער האָט איהם נישט געקענט? אַלע האָבען איהם געקענט.

—דערצעהל אָקאָרשט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

—געווען איז עס אַנ'אויסגעצייכענטער הונד,—האָט אָנגע-הויבען דער קרעטשמער,—דער פירשט האָט בעצאָהלט פאַר איהם טויזענד רענדלעך און איז אין ערגעץ אָהן איהם נישט געפאָהרען און נישט געגאַנגען. נאָר איינמאָל, ווען צום פירשט זענען גע-קומען זעהר חשוב'ע געסט און דער הונד האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף זיי בילען, האָט דער פירשט מיט גרויס כעס גע-כאַפּט די ביקס, האָט אויסגעשאָסען און גע'הרג'עט דעם הונד.

—גע'הרג'עט?—האָט זיך פערוואונדערט דער בעל-שם.—ווי האָט איהם נישט פערדראָסען אַזאַ טייערער הונד? ער האָט דאָך

בעצאָהלט פאַר איהם טויזענד רענדלעך!

—אַ גרויסען ווערט האָט ביי סאַנגושקאָ'ן טויזענד רענד־לעך! פאַר איהם האָט עס קיין שום ווערט נישט!—האָט געענט-פערט דער קרעטשמער.

דער הייליגער בעל-שם האָט זיך אויסגעגלייכט, געווענדעט זיך צו די אַרום שטעהענדיגע און אַרויסגעזאָגט הויך:

—איהר הערט, יודען! ביים פירשט סאַנגושקאָ האָבען טוי-זענד רענדלעך קיין שום ווערט נישט, און בפרט דרייהונדערט רענדלעך, דאָס איז ביי איהם כאין ואפס און ביי יודען איז יע-דער גראָשענדעל בעגאָסען מיט ביטערען שווייס... ר' דוד, זאָג „כל נדרי"!

---

און ווי נאָר דער הייליגער בעל-שם האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, זענען די גאָלדענע רענדלעך געוואָרען טונקעל און קליין, און די יודישע מטבע'לעך האָבען ווידער אָנגעהויבען לייכ-טען, ווי ליכטיגע שטערענדלעך. און דער גראָשענדעל פון דער בלינדער בעטלערין האָט זיך דער ערשטער אַ ציה געטון אין דער הויך, האָט צוהאַקט דעם פאָרהאנג און אַוועק צום כסא־הכבוד. און נאָך איהם האָבען זיך אויפגעהויבען אַלע יודישע נדבות.

און אין דעם פּוסטען פּאָדער-פּאַלאַץ איז דער שטן גע-בליבען שטעהן דערניזערט און פערשעמט.

## ג.

## תשובה.

די גאַנצע נאַכט פון יום-כפור האָבען יודען פערבראַכט אין שול, נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און געזאָגט תהילים. און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געטראָגען אין הימעל צום פאָדער-פאַלאַץ די יודישע תשובה. עס האָבען זיך געטראָגען זיפצען און קרעכ-

צען, קלאָגען און געוויינען, חרטות און סגופים. עס האָבען זיך געטראָגען ווידוי׳ס פון צובראָכענע הערצער, קרעכצען פון בע-זיגטען ווילען; עס האָבען זיך געטראָגען אָבגעריסענע פון דער נשמה, אויסגעלייטערטע דורך פיין און צער, זינד און חטאים. און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסען אין אַ מוזיק פון אַ נישט-ערדישען לויב-ליעד דער ליכטיגקייט און רעכטפאַרטיגקייט.

און ווען דער לעצטער פונק פון תשובה איז אַריין אין פאָדער-פּאַלאַץ, האָט זיך ווידער בעוויזען דער שטן-מקטרג און האָט מיט אַ קאַלטער אכזריות אויסגעשריען:

—אויב דעם פירשט׳ס הונד האָט דורכגעפיהרט צום כסא-הכבוד די יודישע נדבות, טאָ זאָל דער זעלבער הונד עדות זאָגען וועגען יודישער תשובה.

און אין דערזעלבער רגע האָט זיך אין פאָדער-פּאַלאַץ בע-וויזען דער רויטליכער הונד, אַ געשלאָגענער און פערוואונדעטער. און פאַר איהם איז געשטאַנען דער פירשט, אַ בייזער און אַ דראָהענדער. און דער הונד, ציטערנדיג, מ׳זאָל איהם ווייטער נישט שלאָגען, איז געקראָכען צו די פיס פון פירשט, געלעקט איהם די הענד, געקוקט איהם אין די אויגען מיט אַ שקלאַפישער אונטערטעניגקייט און געצויגען אַ קלעגליכען יאָמער. און דער שטן האָט אונטערגעכאַפּט דעם הונד׳ס יאָמער, ציטערניש און שקלאַפיש-אונטערטעניגע בליקען, האָט עס אַ שליידער געטון צו דער יודישער תשובה און אויסגערופען:

—געהט דען נישט דעם הונד׳ס יאָג פון דעם זעלבען מקור, וואָס די יודישע תשובה? זאָלען י מלאכים טראָגען צום כסא-הכבוד די הינטישע זיפצען און נטערטעניגע בליקען צוזאַמען מיט די מענשליכע. זיי האָבען דעם זעלבען ווערט...

---

ביי דעם ערשטען אויפגאַנג פון פריהמאָרגען, אַז ס׳הויבט זיך אָן וועבען דער פאָדים פון גאָט׳ס געטליכקייט, האָט זיך ר׳ וואָלף קיצעס געשטעלט ביים עמוד צו זאָגען שחרית. נאָך ער האָט נאָך קיין צייט געהאַט אָנצוהויבען, ווי דער הייליגער בעל-שם, אַראָבוואַרפענדיג דעם טלית פון פּנים, האָט זיך אַ

קעהר געטון צום עולם און הויך געפרעגט:

—פארוואס האט דאס א יוד געפאסט דעם צעהנטען אב?

און זעהענדיג, אז קיינער ענטפערט איהם נישט, האט ער איבערגע׳חזר׳ט:

—איך וויל מ׳זאל מיר ענטפערן: פארוואס האט דאס א יוד געפאסט דעם צעהנטען אב?

נאר דער עולם האט געקוקט איינער אויף דעם אנדערן און קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

דעמאלט איז דער בעל-שם אראב פון זיין ארט און אוועק צום טיר, וואו עס זענען געשטאנען די ארעמע און עלענדע. און, צוגעהענדיג צו אנ׳אלטען ארימאן, האט ער איהם ארויפגעלייגט די האנד אויפ׳ן פלייצע און געזאגט:

—איהר האט געהערט, וואס איך האב געפרעגט? דערצעהלט זשע! פארוואס האט א יוד געפאסט דעם צעהנטען אב?

דער אלטער ארימאן האט אומגעקעהרט דאס פנים פון וואנט צום בעל-שם, האט אויף איהם פערוואונדערט א בליק געטון און שטרענג געענטפערט:

—איך האב נישט וואס צו דערצעהלען, און נישטא צוליב וואס...

—אבער איך ד א ר ף איהר זאלט דערצעהלען!—איז געשטאנען אויף זיינס דער בעל-שם.

—אויב איהר דארפט, טא דערצעהלט, איך וויל נישט!—האט געענטפערט מיט עקשנות דער ארימאן, און אומגעקעהרט זיך ווידער צום וואנט.

דער בעל-שם האט א שמייכעל געטון אין, ווענדענדיג זיך צום עולם, געזאגט:

—הערט, יודען, א מעשה. אבער איך וויל, אז קיינער פון אייך זאל נישט דורכלאזען קיין איין ווארט פון דעם, וואס איך וועל דערצעהלען.

אין שול איז געווארען א טויטע שטילקייט און אלע בליקען האבען זיך געווענדעט צום בעל-שם:

—היינטיגעס יאהר, תשעה באב,—האט אנגעהויבען דער

בעל-שם — איז אַן׳אַלטער יוד, אַן׳אָרימאַן, אַ מידער פון תּענית, פון היץ און פון אַ לאַנגען וועג, פערגאַנגען אין אַ דאָרף אָבּרוהען זיך אין אַ יודישער קרעטשמע. דער קרעטשמער איז נישט געווען צו הויז און די קרעטשמערין איז געשטאַנען ביים אויווען, אַרויסגענומען געבאַקטע ברויטלעך און געלעגט אויף אַ ברעט אָבּקיהלען. דערזעהענדיג דעם אָרימאַן, איז זי אַוועק אין צווייטען חדר, האָט געבּראַכט פון דאָרט אַ גראָשען און געגעבּען איהם אַ נדבה. דער אָרימאַן האָט אָבּגעדאַנקט און, אָבּרוהענדיג זיך אַ ביסעל, אַוועק ווייטער. אין אַ קליינע צייט אַרום האָט זיך די קרעטשמערין געכאַפּט, ווען איהר פעהלט אַ ברויטעל. זי האָט נישט געוואוסט, אַז זי האָט מיט׳ן קלייד אַראָבּגעוואָרפען פון ברעט דאָס ברויטעל און ער האָט זיך אונטערגעקייקעלט אונטער׳ן אויווען. און זי האָט חושד געווען דעם אָרימאַן, אַז ער האָט גע׳גנב׳עט דעם ברויטעל. ווען דער קרעטשמער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, האָט זי איהם דערצעהלט וועגען דער גנבה. דער קרעטשמער איז געוואָרען שטאַרק אין כּעס און נאָכגעלאָפען דעם אָרימאַן. אייפּ׳ן וועג אין צווייטען דאָרף האָט ער איהם אָנגעיאָגט, אָנגעהויבּען זידלען פאַר דער גנבה און געמאָהנט ער זאָל אומקעהרען דאָס ברויטעל. דער אָרימאַן האָט געשוואוירען, אַז ער האָט דאָס ברויטעל נישט גע׳גנב׳עט. דער קרעטשמער האָט איהם אַרומגעזוכט און, נישט געפינענדיג די גנבה, האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ווילדען כּעס:

— ווענינ, וואָס דו ביזט אַ גנב, האָסטו נאָך אום תּשעה-באב אויפגעפרעסען דאָס גע׳גנב׳עטע ברויטעל!

און ער האָט שטאַרק געשלאָגען דעם אָרימאַן.

אַ לאַנגע צייט איז געלעגען דער געשלאָגענער, צובּלוטיגטער יוד אויפן וועג. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער האָט אָבּגעדאַווענט מנחה און אַוועקגעשלעפּט זיך אין נאָהנטסטען דאָרף און ווידער אַריין אין אַ קרעטשמע. דער קרעטשמער האָט איהם פאָרגעלעגט אָבּפאַסטען זיך, נאָר ער האָט זיך אָבּגעזאָגט און אָהן אַ הפסקה האָט ער געפאַסט אויך דעם צווייטען טאָג, דעם צעהנטען אָב...

און דער בעל־שם האָט ווידער בעקוקט דעם עולם און געפרעגט:

—איהר האָט גוט געהערט, וואָס איך האָב דערצעהלט?

דעמאָלט האָט דער אַלטער אָרימאַן אַ קעהר געטון זיך צום בעל-שם און אויסגעשריען מיט רוגזה:

—וואָס ווילט איהר פון מיר? ווי האָב איך געקאָנט אַנדערש טון? עס איז בעגאַנגען געוואָרען אַ גרויסער חטא: אַ יוד האָט חושד געווען אַנ׳אומשולדיגען יודען אין גנבה און אויפגעהויבען אויף איהם די האַנד. אָבער דער קרעטשמער האָט דאָך נישט געוואוסט פון זיין זינד, ער האָט נאָך גערעכענט, אַז ער טוט אַ מצוה, וואָס ער שטראָפט אַ גנב און אַ זינדיגער. און, נישט וויסענדיג זיין זינד, האָט ער נישט געקאָנט תשובה טון. אָבער איך האָב דאָך געוואוסט פון זיין זינד. ווי זשע האָב איך געקאָנט אויף דעם נישט תשובה טון? האָב איך געפאַסט דעם צעהנטען אָב און געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל מוחל זיין דעם קרעטשמער זיין אומשולדיקע זינד...

—אויב אַזוי,—האָט זיך אָבגערופען פרעהליך דער בעל־שם,—טאָ וואָס-זשע שווייגט ר׳ וואָלף קיצעס? דאָך צייט צו זאָגען שחרית!

---

און, ווי נאָר דער אַלטער אָרימאַן האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָבען די יודישע תשובות אָנגעהויבען לייכטען, ווי פריהער, און האָבען זיך, ווי אַ ריח נחוח, אַ ציה געטון צום כסא-הכבוד.

און דער שטן, אָהנמעכטיג אין זיין ווילדען כעס, איז געבליבען אַליין אין פאָדער-פאַלאַץ אַנ׳אָבגעשטויסענער און אַ פערשעמטער...

## ד.

## תפילה.

דער הייליגער בעל-שם האָט מתפלל געווען. ער האָט אינגאַנצען געפלאַקערט פון שמחה און התלהבות. און די ווערטער פון זיינע תפלות, פינקלענדיגע און שטאַרקע, ברענענדיגע אין זייער זיסקייט, מילדע און ליידענשאַפטליכע, האָבען זיך געטראָגען אין דערהויך, ווי שנורען פלאַמענדיגע דימענטען. און נאָך זיי האָבען זיך געצויגען די תפלות פון איבעריגען עולם. און דעם גאַנצען טאָג האָבען זיך פון אַלע עקען וועלט געטראָגען יודישע תפילות צום פאָדער-פאַלאַץ.

דאָס יודישע פאָלק האָט מתפלל געווען. עס האָבען געקלונגען ווערטער, גרויע און אימה׳דיגע, וועלכע קיין איין אַנדערע שפּראַך אין דער וועלט האָט נישט בעשאַפען; עס האָבען זיך געגאָסען יללות פון טויזענד-יאָהריגע ליידען, וועלכע קיין איין פאָלק אין דער וועלט האָט נישט איבערגעליטען. עס האָבען געדונערט הערליכע פּזמונים פון אַ פאָלק, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין אויסגעוועהלטקייט, וואָס איז זיכער אין זיין אומשטערבליכקייט. עס האָבען זיך געטראָגען ווערטער—לויתנ׳ס, משונה-גרויסע, וואָס האָבען אַרומגענומען אַלץ, וואָס עס לעבט, אַלץ, וואָס עס איז בעשאַפען, פון אַ זעמדעלע, ביז די ווייטסטע וועלטען. אין אַ וואונדערליכען בלומענקראַנץ האָבען זיך דורכגעפלאָכטען די שטילסטע און הכנעה׳דיגע אָנערקענונגען פון דער בעגרענצטקייט פון מענשליכען פערשטאַנד, פון דער ווערטלאָזיגקייט פון מענשליכען לעבען, וואָס טראָגט זיך אַרום ווי אַ פאַרביילויפענדיגער שאָטען, ווי אַ פערשווינדענד וואָלקענדעל, ווי אַן אָבגעריסענער חלום—האָבען זיך דורכגעפלאָכטען מיט די מוטערליך-צאַרטע טרייסטונגען דעם פערטרויערטען און קלאָגענדיגען אַלמעכטיגען אין אייבּיגען.

און, ווען עס האָט דורכגעקלונגען די לעצטע תּפלה און עס איז געקומען די שעה פון נעילה, ווען עס דאַרפען פערשלאָסען ווערען די טויערן פון גרעסטען היכל, האָט זיך אויפן שוועל פון פאָדער-פּאַלאַץ ווידער בעוויזען דער שטן. אַ רוהיגער און זיין פינסטערער ענטשיידענהייט און, מיט ווערטער, שאַרפע, ווי שטאָל, און גרויזאַמע, האָט ער אָנגעפאַנגען זיין קטרוג:

—איך בין געקומען בעשולדיגען גנבים פון ווערטער. אַלע תּפילות, וואָס שוועבען דאָ, זענען בעשאַפען דורך מענשען פון אַלטע, פריהערדיגע דורות. ווערטער, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אין האַרצען פון איין מענשען, קאָנען נישט זיין קיין תּפלה אויף די ליפּען פון אַ צווייטען. האָט דען דער בעשעפער צוליעב דעם געגעבען אַ מענשען אַ שכל און פערשטאַנד, ער זאָל, וועגדענדיג זיך צו זיין הערשער, איבער׳חזר׳ן, ווי אַ טויטען ווידערקלאַנג, ווערטער, פערגליווערטע פון טויזענדער יאָהרען? נאָר, אויב דעם בעשעפער איז ניחא צו נעהמען, ווי אַ לעבעדיגע תּפילה, די אַלטע ווערטער פון טויטע ליפּען, ווערטער, אָבגעריבענע, ווי אַנ׳אַלטע מטבע פון אַ טויזענדיאָהריגען שמוש,—פאָדער איך, אַז צום כסא-הכבוד זאָלען צוגעלאָזען ווערען נאָר יענע תּפילות, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט דער שטרענגסטער אָבהיטונג פון אַלע דינים און מנהגים. עס מוזען אָבגעוואָרפען ווערען, ווי פּסול׳ע און אומווירדיגע, יענע תּפילות, אין וועלכע עס איז דורכגעלאָזען געוואָרען על-פּי-טעות אַ וואָרט, אַרויסגעזאָגט געווען אַ גרייז; אין וועלכע עס זענען נישט אָבגעהיט געוואָרען אַלע כּונות; תּפילות, וועלכע זענען איבער־געריסען געוואָרען דורך אַ זייטיג וואָרט, אַ פרעמדע מחשבה, אַנ׳איבריגען ריהר; תּפילות, ביי וועלכע עס האָט זיך אַ ביסעל אַראָבגערוקט פון די פּלייצעס דער טלית, פון קאָפּ די יאַרמולקע. גאַנצע תּפילות געפין איך דאָ אין פאָדער-צימער נאָר צוויי. דאָס יענען תּפילות פון צוויי גרויסע רבנים, וועלכע האָבען אָבער איינעם דעם אַנדערן אַריינגעלעגט אין חרם. אָט די צוויי תּפילות וועל איך דורכלאָזען צום כסא-הכבוד, און די איבריגע וועל איך צוריקוואַרפען, ווי פּסול׳ע און פערשוועכטע.

און דער שטן איז אַנטשוויגען געוואָרען. און אין פּאָדער-פּאַלאַץ האָט זיך פערשפּרייט אַ שווערע פינסטערניש. און די תּפלות, וואָס האָבען נאָר־וואָס געפלאַקערט, הייליגע און ליכטיגע, זענען פערלאָשען און פערוועלקט געוואָרען, און שווער, ווי טויטע, אָנגעהויבען אַראָבזינקען אין דער פינסטערניש. נאָר די צוויי תּפלות פון די גרויסע רבנים האָבען געפלאַקערט מיט אַ בייזען פייער און געשפּריצט מיט פונקען און סם.

און די טויערן פון הימעל האָבען זיך אַ ריהר געטון אויף זייערע ריגלען און אָנגעהויבען לאַנגזאַם צונויפגעהן זיך, פערשלאָסען צו ווערען ביז דעם קומענדיגען יאָהר.

---

אין אַ ווייטען ווינקעל פון שול איז געזעסען יענקעל דער קרעטשמער, וואָס האָט זיך אפילו צווישען די קרעטשמער גערעכענט פאַר אַ גראָבען עם-הארץ. ביי איהם איז געווען אַ בן-יחיד, אַ יונגעל פון אַ יאָהר צוועלף, וועלכער איז געווען אַזוי פערגרעבט, אַז מען האָט איהם בשום-אופן נישט געקאָנט אויסלערנען דעם אלף־בית. יענקעל האָט מורא געהאַט, ווען ער לאָזט איבער דעם יונגעל אַליין אין דאָרף, וועט ער עסען אום יום-כפור, האָט ער איהם גענומען מיט זיך און געהאַלטען נעבען זיך אין שול. דער יונגעל האָט די גאַנצע צייט געזעהען, ווי הונדערטער מענשען, אויסשפּרייטענדיג די הענד אין דערהויך, קלאָגען און בעטען מיט גרויס האַרציגקייט,—און אין זיין שטומער נשמה האָט זיך אויך אויפגעוועקט אַן אומבאַוואוסטזיניגער דורשט צו ערהויבונג און צו תּפלה. נאָר, נישט וויסענדיג קיין שום הייליגען וואָרט, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס אויסצודריקען זיינע געפיהלען. און ער האָט געשוויגען און געמאַטערט זיך.

אַראָבלאָזענדיג די האַנד אין קעשענע, האָט ער דאָרט געפונען אַ ליימענע פייפעל, מיט וועלכער ער האָט געפייפט אין פעלד, צונויפרופענדיג די בהמות. און איהם האָט זיך פאַרגלוסט אַ פייף צו טון. ער האָט געזאָגט צום פאָטער:

—טאַטע! איך האָב מיט זיך אַ פייפעל. איך וועל אַ פייף טון!

דער פּאָטער האָט אויף איהם אָנגעשריען און שטרענג פער־באָטען צו פּייפען. אָבער דער ווילען צו פּייפען האָט זיך ביים יונגעל אַלץ געשטאַרקט, און אין אַ קליינער צייט אַרום האָט ער ווידער געבעטען דעם פּאָטער, ער זאָל איהם ערלויבען צו פּייפען. דער פּאָ-ער האָט נאָך שטרענגער אָנגעשריען אויף איהם און געדראָהט צו שלאָגען. אָבער, ווען מען האָט אָנגעהויבען מוסף און די שול האָט זיך ווידער צוגאָסען אין געבעט, האָט זיך ביים יונגעל דער דורשט צו פּייפען אַזויפיל געשטאַרקט, אַז ער האָט אויסגעשריען צום פּאָטער:

—טאַטע! איך קאָן זיך נישט איינהאַלטען! איך וועל אַ פּייף טון!

דעמאָלט האָט דער קרעטשמער אָנגעטאַפּט ביים יונגעל דאָס פּייפעל אין קעשענע, האָט זי פון דרויסען פערקוועטשט אין האַנד און נישט אָבגעלאָזט די גאַנצע צייט פון מוסף.

פון דעם ליידענשאַפטליכען דורשט אויסצוגיסען זיין גייסט אין אַ גרויסען און שטאַרקען קול, האָט דער יונגעל אינגאַנצען געציטערט, האָט זיך ביטער געמאַטערט און פון די אויגען האָבען זיך ביי איהם געגאָסען טרעהרען.

---

נעילה האָט געוועהנליך געזאָגט דער בעל-שם אַליין.

ווען ער איז צוגעקומען צום עמוד און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, איז ער פערציטערט געוואָרען פון דעם, וואָס ער האָט דערזעהען. און ער האָט זיך אויפגעהויבען צו די הויכע פּאַלאַצען און איז צוגעקומען צום פּאָדער-פּאַלאַץ און געוואָלט אַהין אַריין. נאָר די טויערן זענען געווען צוגעמאַכט און אויף זיי איז געהאַנגען אַ שווערער שלאָס, און דער בעל-שם האָט געפּרובט איהם אַראָבנעמען, נאָר ער האָט נישט געקאָנט. און ער איז אַוועק אין די אַנדערע פּאַלאַצען. נאָר דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסע מהומה און קיינער האָט איהם נישט געקאָנט העלפען. און ער האָט בעגעגענט זיין רבי'ן און זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ געשריי:

—רבי! דאָס יודישע פּאָלק שטעהט אין אַ גרויסער סכנה!

העלפט מיר אַריינדרינגען אין פּאָדער-פּאַלאַץ!

נאָר דער רבי האָט מיט אַ געוויין געענטפערט, אַז ער קאָן איהם נישט העלפען, און דער בעל-שם איז אַוועק צו אליהו הנביא און אָנגעהויבען בעטען ער זאָל איהם עפענען די טויערן פון פּאָדער-פּאַלאַץ. און אליהו הנביא האָט איהם געענטפערט:

—די טויערן פון דעם פּאַלאַץ האָט קיינער קיין רשות נישט צו עפענען, חוץ יעקב אבינו, געה צו איהם!

און דער הייליגער בעל-שם איז אַוועק צום גן-עדן, נאָר דער מלאך מיט דעם צוויישאַרפיגען חרב-המתהפכת האָט איהם פערצוימט דעם וועג. און אין דער גרעסטער פערצווייפלונג האָט דער בעל-שם אויסגעשריען:

—יעקב! יעקב! ענני, ענטפער מיר!

און עס איז פערציטערט געוואָרען די שול פון בעל-שם׳ס געשריי. און עס האָט אַ ציטער געטון יענקעל דער קרעטשמער, מיינענדיג, אַז דער בעל-שם רופט דאָס איהם, איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט, און האָט דערביי אָבגעלאָזען די פייפעל, וועלכע ער האָט געהאַלטען פון דרויסען פערקוועטשט אין האַנד.

און ווי נאָר דער יונגעל האָט דערפיהלט, אַז די קעשענע איז איהם פריי, האָט ער אַרויסגעכאַפּט די פייפעל, האָט זיך צוגעזויגט צו איהם מיט די ליפען און האָט אַרויסגעגעבען אַ שטאַרקען און אַ לאַנגען פייף, אין וועלכען ער האָט אויסגעדרוקט די גאַנצע התלהבות און הייליגע אָנשטרענגונג פון זיין שטומער נשמה.

---

און דער פייף פון דעם יונגעל האָט דורכגעהאַקט אַלע הימלען, איז אַריין מיט שטורם אין פּאָדער-פּאַלאַץ, האָט אָבגעוואָרפען דעם שטן-מקטרג, האָט אָנגעצונדען די פערלאָשענע תפלות און מיט זיי צוזאַמען אַוועקגעטראָגען זיך צום כסא-הכבוד.

און ווען די תפלות האָבען זיך בעהעפט מיט דער יודישער תשובה און צדקה און האָבען דערגרייכט צום אונטערטרעפ פון כסא-הכבוד, האָט דער אַלמעכטיגער זיי אויסגעשטרעקט זיין

גאָלדענע ר״ט, און איבערגעצויגען צו זיי דעם פאָדעם פון לייט-זעליגקייט, און צוגענומען זיי אין זיין שויס. און אין דער זעל-בער רגע איז דער פורכטבארער גזר־דין געבראָכען געווען און פערביסען געוואָרען אויף אַ לייטזעליגען און באַרמהאַרציגען.

---

ווי נאָר אין שול האָט דורכגעהילכט דעם יונגעלס פייף, האָט דער בעל-שם אָנגעהויבען זאָגען נעילה. און ער האָט גע-דאַווענט מיט גרויס פרייד און התלהבות.

און אַז מען האָט אָבגעדאַווענט מעריב און דער עולם איז אַרויס פון שול, איז דער הימעל געווען לויטער און אויף איהם האָט געשוועבט אַ פולע לבנה. און דער הייליגער בעל-שם האָט מהדש געווען די לבנה און האָט מיט פרייד געזאָגט דעם עולם, וואָס האָט איהם אַרומגערינגלעט:

—איך האָף, אַז מיר האָבען אויסגעבעטען ביי גאָט אַ גוט יאָהר, אַ רוהיגען און אַ פרעהליכען, אַז קיין איין טראָפען יודיש בלוט וועט נישט פערגאָסען ווערען!

און דער עולם האָט אויף דעם געענטפערט:

—אמן!

# א דין־תורה מיט גאט.

...אין געשעהען איז די מעשה
גאָר נישט לאַנג, אין יענע צייטען,
ווען עס האָט די וועלט געקלונגען
מיט די מופתים פון דעם צדיק,
פון דעם רב, ר׳ אלימלך.

אין אַ בייזער שעה אויף יודען
האָט דער קיסר פון רומעניען
מיטאַמאָל געמאַכט אַ גזירה.
אַז אין אַ משך פון אַ חדש
זאָל נישט בלייבן אין זיין הערשאַפט
קיין שום זכר פון אַ יודען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די גזירה
האָט די יודען שטאַרק ערשיטערט,
מי ט׳ געוויינט, געקלאָגט, געשריען,
מי ט׳געמאַכט אַ תענית צבור
און געריסען קברים, וועלטען.

נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפען:
בייזע רוחות, מקטרגים,
וועלכע לויערן אויף יודען,
האָבען נישט דערלאָזט צום בורא
נישט קיין טרער און נישט קיין תפילה.
נאָר איין יוד אין גאַנץ רומעניען
ס׳ נישט געפאַסט און נישט געשריען.
און געווען איז דאָס רב פייוועל,
אַ בעוואוסטער יוד, אַ זקן,
וועלכער איז דעם גאַנצען לעבען
אָבגעזעסען אין בית-המדרש
אויף גמרא און אויף פוסקים.
אַז רב פייוועל האָט דערוואוסט זיך
פון דעם קיסר׳ס בייזען גזר-דין,
האָט ער אויך זיך שטאַרק דערשראָקען
און געוואָלט שוין נעהמען וויינען...
מיט אַמאָל האָט איהם בעלויכטען
דעם געדאַנקען אַ מחשבה.
ער ט׳אַ כאַפּ געטון אַ חומש,
האָט אַריינגעקוקט מיט אימפעט
און האָט אויסגעשריען תיכף:
—סטייטש! וואָס הייסט: אַ גזר פון קיסר!
על פי דין פון אונזער תורה
האָט דער גזר קיין שום ממשות!
און געשווינד,—אַ פייל פון בויגען,—
איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען
(שפעט ביינאַכט איז דאָס געוועזען)
צו דעם רב, (אין יענע צייטען,
האָט געהערשט אין גאַנץ רומעניען
דער בעוואוסטער גרויסער צדיק
פון ליזענסק, רב אלימלך),
האָט אים אויפגעוועקט פון דרעמעל

און מיט היץ גענומען שרייען:
—„רבי! פּסק׳נט אַ דין-תורה!
קלאָר ווי טאָג איז דאָך געשריבען
אין דער תורה, אַז די יודען
זענען קנעכט דעם בורא עולם,
היינט, ווי שטעלט זיך איין אַ קיסר
מאַכען גזירות געגען יודען?!
און דערהויפּט, איך פרעג אייך, רבי,
ווי דערלאָזט דאָס גאָט אין הימעל
די משונה בייזע עולה?!
—וואָס זשע ווילסט דו, רבי פּייוועל?—
פרעגט ביי אים רב אלימלך.
—ס׳טייטש, יואָס וויל איך? אַ דין-תורה
מיט דעם בורא פאַר דעם גזר-דין!
—הער, מיין זוהן,—האָט איהם געענטפערט
רוהיג רבי אלימלך,—
זאָגען מוז איך דיר, בפירוש,
אַז איך רעכען פאַר אַ העזה
צו בעשולדיגען דעם בורא,
אַז ער איז אַ דין מעקם;
מאַהנען גאָט צו אַ דין-תורה
איז דערצו נאָך אַ סכנה...
נאָר, פון אַנדער צד, פערשטעה איך,
אַז דו געהסט אויף מסירת נפש
פאַר אַ גרויסער קהילה יודען,
און דעריבער בין איך מסכים
אָנצונעהמען די דין-תורה.
נאָר אום האַלבער נאַכט, פערשטעהט זיך,
איז פאַר דעם די צייט נישט פּאַסיג;
קום-זשע מאָרגען, נאָך ותיקון.
אין דער זעלבער נאַכט, גאָר פלוצים,
זענען מיטאַמאָל געקומען

געסט צו רבי אלימלך:
דריי רבנים און צדיקים.
צווישען זיי איז אויך געוועזען
דער בעל מופת און דער צדיק,
דער בעוואוסטער רב פון אַפּטע.
האָט זיי רבי אלימלך
פאָרגעלעגט, מיט איהם צוזאַמען
אָנטיילנעהמען אין דעם משפט,
און זיי האָבען איהם געגעבען
זייער הייליגע הסכמה.
מאָרגען פריה, אַז רבי פייוועל
איז געקומען צו דעם משפט
האָבען אַלע פיר רבנים
אָנגעטון איוף זיך טליתים,
און עס איז דער גרויסער בית דין
צוגעטראָטען צום דין-תורה.
—רבי פייוועל!—האָט דער אַפּטער
אויסגערופען,—פיער רבנים
זענען גוזר, דו זאָלסט זאָגען,
וואָס דו האָסט פאַר אַ מין טענה
צו דעם בורא כביכול?
נאָר רב פייוועל איז געשטאַנען
בלייך, צוטומעלט און דערשראָקען.
—ניין, רבותי... ניין, איך קאָן נישט...—
האָט ער ציטערנד געשטאַמעלט.—
כ׳האָב מיין גאַנצען מוט פערלאָרען...
פון די נעכטיגע התלהבות
איז קיין זכר נישט געבליבען...
נאָר אויף דעם האָט איהם געענטפערט
מיט אַ תקיפות, שטרענג דער אַפּטער:
—איך, דער אַפּטער, גיב דיר כח,
דעה, בינה און התלהבות!

זיי בטוח, אין דעם משפט
וועט נישט זיין קיין נשיאת פנים!

און רב פייוועל האָט בעקומען
מיטאַמאָל אַ גרויס התלהבות
און האָט אָנגעהויבען טענה׳ן.
קודם כל האָט ער אַ פסוק
אויפגעוויזען אין דער תורה.
נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען
ברענגען ראיות פון גמרא,
און פון פוסקים, און פון אַלפס.
ער האָט קלאָר ווי דער טאָג בעוויזען,
אַז דער בורא האָט לחלוטין
נישט געטאָרט דעם גזר דערלאָזען.

דאָ האָט איינער פון די שופטים
זיך געפּרובט אויף אַ המצאה:

—אפשר וואָלט איהר, רבי פייוועל,—
האָט ער שטיל זיך אָבגערופען,—
איינגעוויליגט אָנצוקלאָגען
נישט דעם בורא, נאָר דער קיסר?

—וואָס מיר קיסר? ווער מיר קיסר?—
האָט מיט כּעס אויסגערופען
רבי פייוועל,—הערסט אַ מעשה!
וואָס האָב איך פאַר אַ געשעפטען
מיט דעם קיסר פון רומעניען!
וואָס איז ער? אַ טיפּת סרוחה!
מיט דעם בורא, כּביכול,
נור מיט איהם וויל איך זיך לאָדען!

דאָ האָט זיך פון זיין הסיבה
אויפגעהויבען שטאָלץ דער אַפּטער
און האָט רוהיג, ווי אַ ריכטער,
אויסגערופען:

—זאָל דער בורא
געבען אונז אַ קלאָרען ענטפער
אויף רב פייוועלס קלאָרע טענות!
רופט זיך אָב רב אלימלך:
—איך וועל געבען אייך דעם ענטפער:
ס'איז געוויס נישטאָ קיין ספק,
דאָס גערעכט איז רבי פייוועל,
אַז אחינו בני ישראל
זענען קנעכט פון בורא עולם
און אַז קיינער, הוץ דעם בורא,
האָט קיין רעכט נישט זיי צו שטראָפען,
גאָר ס'מעג דאָך זיי דער בורא
שטראָפען, ווי מ'ען שטראָפט עבדים,
דורך אַ פרעמדע האַנד, לערך...
—ניין! ער טאָר נישט!—פאַלט אַריין איהם
היציג אין די רייד רב פייוועל,—
זענען דען ביי גאָט די יודען
מעהר נישט קנעכט? האָט איהר פערגעסען,
אַז עס שטעהט: „כי בנים אתם”?
קינדער זענען מיר ביים בורא!
נו, און קינדער שטראָפט אַ טאַטע
נור אַליין און נישט דורך פרעמדע!
—היינט, ווי קומט זשע דאָס, וואָס טיטוס
האָט פערברענט דעם בית-המקדש?—
גיט אַ פרעג רב אלימלך.
—גוט געזאָגט! דער בית-המקדש
איז געווען דאָך גאָטס אַ דירה,
האָט ער איהם געמאַכט פערברענען,
און אָט איצטער, ווי מיר ווייסען,
האָט דער אויבערשטער חרטה
און ער קלאָגט און שרייט ככרוכיא:
„וועה איז מיר! איך האָב מיין פּאַלאַץ

מיט מיין אייגען האַנד צוּבראָכען
און געמאַכט פון איהם אַ חורבה!"
—לאָז זיך זיין! איך בין שוין מוחל
דיר דעם חורבן בית-המקדש,
—רופט זיך אָב רבי אלימלך,—
נאָר, בערעכען זיך אַ שטייגער,
ווי די יודען זענען זינדיג!
וויפיל מאָל האָט זיי דער בורא
אי מיט גוטען, אי מיט בייזען
אָנגעזאָגט, זיי זאָלען טראַכטען
וועגען תשובה און פערלאָזען
זייערע שאַלקהאַפטע וועגען—
האָט דען וואָס עס איז געהאָלפען?
סוף כל סוף, איז גאָט געוואָרען
מלא כעס אויף די יודען
און אַרויס פון אַלע כלים...
—סטייטש: אַרויס פון אַלע כלים!!"—
שרייט מיט אימפּעט אויס רב פּייוועל,—
וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים?
אויב מיר וועלען דאָס דערלאָזען,
קאָן דאָך גאָט דער בורא עולם,
אַז זיין גרימצאָרן צוקאָכט זיך,
חרוב מאַכען אַלע וועלטען
און פערטיליגען די מענשען!
—און ער קאָן טאַקי, וואָס מיינסטו!—
רופט זיך אָב רב אלימלך.
—ניין, ער קאָן נישט! ניין, ער טאָר נישט!!—
עקר'ט ווייטער רבי פּייוועל.—
וואָס איז דאָס? לית דין, לית דיין?
האָבען מיר דען נישט קיין תורה?!...
הערט רבותי! איך בין מתרה,
אַז איך טרעט נישט אָב פון דאַנען

ביז איהר וועט אַ גזר נישט מאַכען,
אַז דער בורא, גלייך ווי אַלע,
מוז מקיים זיין די דינים
פון דער תורה...
נאָר דער אַפּטער
האָט געענדיגט די וכוחים.
ער ט׳ פון אָרט זיך אויפגעהויבען,
האָט די באָרד אַ גלעט געגעבען
און אַרויסגערעדט מיט תקיפות:
—אַלץ איז קלאָר! גענוג צו טענהן.
נאָכדעם האָט ער צוגעגעבען:
—ביי משפטים איז אַ מנהג,
ווען, וויבאַלד נאָר ביידע צדדים
זענען פאַרטיג מיט די טענות,
הייסט דער בית דין זיי אַרויסגעהן
פון דעם בית-דין-שטיבעל ביידען!
אויב זשע ווער פון ביידע צדדים
ווייזט דערביי אַרויס עקשנות,
וויל מיט גוטען נישט אַרויסגעהן,—
מוז ער פויהער קנס בעצאָהלען
און דערנאָך פיהרט איהם דער שמש
פאָרט אַרויס פון בית-דין-שטיבעל
מיט בזיונות, פאַרן אויער...
רבי פייוועל, זייט זשע מוחל!
גם כן דו, אדון עולמים,
מוזט פון דאַנען אויך אַרויסגעהן...
כאַפּט זיך אויף רב אלימלך:
—סטייטש, עס שטעהט דאָך אין דער תורה
דייטליך: „כבודו מלא עולם״,—
היינט, ווי קאָן זשע גאָט, איך פרעג אייך,
זיך דערווייטערן פון דאַנען
כאָטש אפילו אויף אַ רגע?

בײַ אַ װײַלע שװײַגט דער אַפּטער.
נאָכדעם הױבט ער אױף מיט רוגזה
אַ געדיכטע ברעם, אַ גרױע,
גיט אַ ברום און זאָגט זיך רוהיג:
—נו, װײַבאַלד עס שטעהט געשריבען
דײַטליך: „כבודך מלא עולם״,
זענען מיר דיר, בורא, מתיר,
זאָלסט דערװײַל מיט אונז פערבלײַבען.
נאָר מיר זאָגען דיר בפירוש,
אַז אין אונזער פסק דין קדוש
װעט נישט זײַן קײן נשיאות פנים
מוזט געדענקען, אַז די תורה
איז שוין מעהר נישט אױפן הימעל:
האָסט זי אונז אַראָבגעגעבען...

---

ס׳האָט דרײַ טעג און נעכט געדױערט
די ישיבה פון דעם בית דין.
און עס האָבען דאָרט געדונערט
פײַער־היציגע װכוחים,
און עס האָבען זיך געשאָטען
קל־וחומר׳ס, גזרה שוה׳ס
און הלכות, און ענינים,
און נוטריקנ׳ס און רמזים
פון קבלה און פון זוהר,
פון בעל שם׳ס געצעהלטע װערטער
און פון טיפע סתרי תורה.
ס׳האָט דרײַ טעג און נעכט געדױערט
די מחלוקת... די רבנים
האָבען זיך צוהיצט, צושריען
און געקריגט זיך, און געשאָטען
מיט זלזולים און מיט חרמות.
אײן דעם אַנדערן גערופען:

„שייגעץ!“ „שנעקו!“ און „עם הארץ!“
סוף כל סוף איז מען געקומען
צו אַ פשרה, אַז דער בורא
האָט דעם שלימען גזר פון קיסר
על פי טעות נאָר דערלאָזען
און בכן האָט קיין ממשות
דעם רומעניער קיסר׳ס גזירה,
און זי מוז גלייך בטל ווערען.
און דעם פסק דין האָט אַ סופר
אָנגעשריבען אויף אַ פּאַרמעט.
אַלע הייליגע רבנים
האָבען זיך אויף איהם גע׳חתמ׳ט
און מען האָט אין אָרון-קודש
צווישען אַלע ספרי תורה׳ס
איינגעטאָן דעם פסק-דין-פּאַרמעט...

---

איין מעת לעת איז נאָר פערגאַנגען,
און די גזרה פון דעם קיסר
איז געוואָרען בטל! אמן!

# דער אפּטער רב און ניקאָלאַי
# דער ערשטער.

ניקאָלאַי דער 1-טער איז געווען אַ פּערקאָלטער שונא נישט אַזוי פון יודען, ווי פון יודישקייט. זיין גאַנץ לעבען האָט ער נאָכגעזוכט תחבולות, ווי אַזוי עוקר מין השורש צו זיין די יודישע אמונה און ברענגען יודען, רחמנא לצלן, צום שמד. צוליב דעם האָט ער בעשטימט אַרויסצוגעבען דריי גזירות. ערשטענס, פערברענען די גמרות און אַלע אַנדערע הייליגע ספרים; צווייטענס—פערוועהרען יודען אָבהיטען שבת און, דריטענס, נויטען יודען אָבשערען באָרד און פאות און אָנטון קורצע בגדים. די אַלע דריי גזירות האָט ער מיט דער אייגענער האַנד אָנגעשריבען, נאָר ער האָט נאָך נישט צוגעלייגט צו זיי דעם קייזערליכען זיגעל.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען מגלה געווען דעם אַפּטער ר׳ וועגען גרויסען אומגליק, וואָס האָלט ביים אויסגיסען זיך אויף יודען.

אויף מאָרגען פריה האָט דער אַפּטער פערזאַמעלט אַלע זיינע חסידים און, נישט דערצעהלענדיג זיי וועגען חלום, גענומען

פונאַנדערפּערעגען ווען, אין וועלכען טאָג און אין וועלכער שעה יעדער פון זיי איז געבוירען געוואָרען. צווישען די חסידים האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג און שעה, וואָס ניקאָלאַי דער 1-טער. דעמאָלט האָט דער אַפּטער געהייסען גלייך אויפנייען בגדי מלכות, אַקוראַט אַזעלכע, ווי ניקאָלאַי טראָגט (נאָר, פערשטעהט זיך, אָהן שעטנז און פון פּראָסטע געוואַנט, עס זאָל קאָסטען ביליגער); האָט געהייסען מאַכען פון פּאַפּיר אַ קייזערליכע קרוין און דערקאַזען אַ גרויסען שווערד. נאָכדעם האָט ער געהייסען מאַכען אַ קייזערליכען שטוהל און אַוועקשטעלען איהר אין שול אויפ'ן בימה. און אַליין האָט ער אָנגעשריבען אויף דריי פּאַפּירען די דריי בּע-פעהלען, וואָס ניקאָלאַי האָט אָנגעשריבען.

ווען אַלץ איז פערטיג געווען, האָט דער אַפּטער צוגערופען דעם חסיד, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין איין טאָג און שעה וואָס ניקאָלאַי, געהייסען איהם אָנטון די בגדי מלכות, אַרומגורטען די לענדען מיט'ן שווערד און זעצען זיך אויפ'ן קייזערליכען שטוהל, און ביי די זייטען פון שטוהל האָט ער אַוועקגעשטעלט צוויי חסידים, געקליידעט, ווי יונים, מיט בלויזע דעגענס, און נעבען דעם קייזערס שטוהל האָט ער אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש די דריי בע-פעהלען. די איבריגע חסידים האָט ער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז, וואָס זיי וועלען נישט הערען און זעהען, זאָלען זיי קיין וואָרט נישט אַרויסרעדען און קיין תנועה נישט מאַכען, ווען נישט, וועלען זיי זיין אין אַ גרויסער סכנה.

ווען אַלץ איז געווען צוגעגרייט און דער חסיד אין די בגדי מלכות איז געזעסען אויפ'ן קעניגליכען שטוהל, איז אַריין אין שול דער אַפּטער רב אין דער יום-טוב'דיגער זשופּיצע, האָט זיך פון דער ווייטען טיעף פערנייגט פאַר דעם פערשטעלטען ניקאָלאַיען און, צוגעהענדיג נעהנטער, אויסגעשריען:

—עס זאָל לעבען אונזער האַר, דער קייזער ניקאָלאַי, ירום הודו!

און ער האָט אַ וואונק געגעבען צו די חסידים, זיי זאָלען איהם נאָכטון. און אַלע האָבען אויסגעשריען:

—עס זאָל לעבּען אונזער האַר, דער קייזער ניקאָלײַ, ירום הודו!

דער פערשטעלטער ניקאָלײַ האָט שטרענג אַ קוק געטון אויפ׳ן אַפּטער רבּ און מיט רוגזה געפרעגט:

—ווער ביזטו?

דער אַפּטער האָט זיך פערנויגט נאָך טיעפער און מיט גרויס אונטערטעניגקייט געענטפערט:

—אדוני המלך! איך בין דיין קנעכט, יהושע השעל, דער רבּ פון אַפּטע.

ווי דער פערשטעלטער ניקאָלײַ האָט דערהערט די ווער־טער, איז ער אויפגעשפרונגען און מיט אַ ווילדען גרימצאָרן אויסגעשריען:

—ווי האָסטו, פער׳עכּוש׳טער וואָרים, פערהאַסטער, שמוצי־גער יודליק, געוואַגט צו דערנעהנטערן זיך צו מיין קעניגליכען שטוהל?!

די איבּריגע חסידים, דערהערענדיג, ווי זייער חבר זידעלט דעם רבּי׳ן, האָבען זיך זעהר דערשראָקען און אָנגעהויבען איהם ציהען פאַר׳ן פאָלע. נאָר די פערשטעלטע יונים, וואָס זענען גע־שטאַנען, ווי אַ וואַך, ביים קעניגליכען שטוהל, האָבען זיך אַ וואָרף געטון אויף זיי מיט די בּלויזע דעגענס, און וואָלטען זיי צושעדיגט, ווען זיי וואָלטען זיך נישט צוריקצאָפּען און בּעהאַלטען אין די ווינקעלעך.

דער אַפּטער רבּ האָט זיך ווידער פערנויגט און געענט־פערט:

—אַדוני המלך! איך האָבּ זיך דערוואַגט דערנעהנטערן צו דיין קעניגליכער שטוהל, ווייל איך בּין געשיקט דורך אַ גאַנצען פאָלק פאַלען דיר צו די פיס.

דער פערשטעלטער ניקאָלײַ האָט אַ געשריי געטון:

—רייד!

און דער אַפּטער רבּ האָט אָנגעהויבּען:

—אַדוני המלך! מיין געבּעט איז וועגען מיין זעל און מיין בּקשה איז וועגען מיין פאָלק. דו האָסט אָנגעשריבּען אַ בּעפעהל

צו פערברענען אונזער גמרא און אַלע הייליגע ספרים. דער־מיט ווּעסטו אַריינוואַרפען יודען אין אַ תהום פון צער און אַנגסט. האָב רחמנות, צורייס דעם בעפעהל!

דער פערשטעלטער ניקאָלאַי האָט אויסגעשריען מיט צאָרן:

—איך האָב בעשטימט עוקר מין השורש זיין די יודישע אמונה—און וועל עס אויספיהרען!

האָט זיך אָבגערופען דער אַפטער:

—דו וועסט עס נישט אויספיהרען! פריהער פאַר דיר האָבען מעכטיגע מלכים, הערשער איבער דער גאַנצער וועלט, אויפ־געהויבען זייער האַנד אויף דעם יודישען גלויבען, אָבער זיי האָבען איהם נישט בייגעקומען, נאָר אַרויסגערופען געגען זיך דעם אַלמעכטיגענס צאָרן און זענען שווער בעשטראָפט געוואָרען.

אויסשפרייטענדיג די הענד, האָט ער צוגעגעבען מיט אַ געוויין:

—אַדוני המלך! דער אַלמעכטיגער גאָט האָט דיר אָבגע־גלויבט די שעפּעלעך פון הויז יעקב,—און דו וועסט דאַרפען איהם אָבגעבען דין וחשבון פאַר זיי! קוק אָן אויף דעם אַנגסט און צער פון פאָלק ישראל! זיין בית המקדש איז חרוב, זיין לאַנד האָבען צוגענומען פרעמדע, און אַליין בלאָנקעט ער אַרום אַ פערלאָזענער און אַ געטריבענער צווישען די פעלקער פון דער וועלט. ער האָט נישט קיין אייגענע אָנפיהרער און בעשיצער. דאָס איינציגע, וואָס ביי איהם איז פערבליבען פון זיין אַמאָלי־גען גרויס, איז זיין הייליגע תורה, וועלכע איז איהם טייערער פאַר׳ן לעבען, שטרעקסטו איצטער אויס דיין האַנד זי אויך אָב־צונעהמען ביי איהם. דערמאָן זיך, קייזער, וואָס נתן הנביא האָט דערצעהלט דוד המלך וועגען דעם מוטווילליגען רייכען, וואָס האָט אָבגענומען ביים אָרימאַן זיין איינציג שעפעלע...

דער פערשטעלטער ניקאָלאַי איז געזעסען מיט אַנ׳אַראָב־געלאָזענעם קאָפּ און געשוויגען. מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט:

—האָסט רעכט, אַלטער מאַן! דעם בעפעהל וועל איך פער־ניכטען!

און ער האָט גענומען פון טיש דעם ערשטען בעפעהל און צוריסען אויף שטיקלעך.

דער אַפּטער האָט זיך דערנענטערט נאָך אויף אַ טריט צום קעניגליכען שטוהל, האָט זיך נידריק פערנויגט און מיט גרויס אונטערטעניגקייט געזאָגט:

—אדוני המלך! וויבאַלד דו האָסט זיך דורכגעדרונגען מיט גנאָד צום פאָלק ישראל און האָסט איהם געלאָזען זיין תורה, טאָ שטער זשע איהם נישט מקיים זיין איהר געבאָט. דו האָסט אָנגעשריבען אַ בעפעהל, וואו דו פערבאָטסט יודען אָבהיטען שבת און דער פירסטער געבאָט פון דער תורה בעפעהלט: „געדענק דעם טאָג פון שבת צו פערהייליגען איהם".

דער פערשטעלטער ניקאָלאַי האָט מיט צאָרן אַ בליק געטון אויף דעם אַפּטער, נאָר גאָרנישט געזאָגט, גענומען דעם צווייטען בעפעהל און צוריסען איהם.

דעמאָלט איז דער אַפּטער צוגעגאַנגען נאָך אויף אַ טריט צום קעניגליכען שטוהל און ווידער געזאָגט:

—אדוני המלך! דו האָסט אָנגעשריבען נאָך אַ בעפעהל, אַז יודען זאָלען אָבשערען באָרד און פאות און אָנטון קורצע קליידער, ווייז אַרויס דיין גרויס גנאָד און צורייס אויך דעם בעפעהל!...

דער אַפּטער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט ענדיגען די רייד, ווי דער פערשטעלטער ניקאָלאַי האָט אויסגעשריען מיט גרויס גרימצאָרן:

—מיר האָבען דערעסען דיינע רייד, עזות'דיגער, פערהאַסטער יודיליק!

און, אויפשפרינגענדיג פון זיין קעניגליכער שטוהל, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפ'ן אַפּטער רב, האָט איהם געגעבען צוויי פעטש, אָנגעכאַפּט פאַר דער זשופּיצע און אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס. בשעת מעשה איז ביים פערשטעלטען ניקאָלאַי אַראָבגעפאַלען פון קאָפּ די קרוין. און, ווי נאָר זי איז אַראָבגעפאַלען, איז ער געבליבען שטעהן אויף איין אָרט אין מיטען שול, ווי אַ מענש, וואָס פערשטעהט נישט, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען.

די איבריגע חסידים האָבען זיך אַ וואָרף געטון צו איהם און גענומען איהם זידלען, וואָס ער האָט אויפגעהויבען די האַנד אויפ׳ן רבי׳ן. נאָר דער חסיד האָט געשוואוירען, אַז ער געדענקט גאָרנישט. און, ווען מען האָט איהם דערצעהלט, ווי ער האָט גע־זידעלט און געשלאָגען דעם רבי׳ן, האָט ער זיך ביטער צו־וויינט.

אין דער צייט איז אַריין צוריק אין שול דער אַפּטער מיט אַ פערבלוטיגטען פּנים. ער איז צוגעגאַנגען צום חסיד, וואָס איז געווען פערשטעלט פאַר ניקאָלאַי׳ען, האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן אַקסעל און פרעהליך געזאָגט:

—וויין נישט און זיי זיך נישט מצער, מיין זוהן! מיר האָבען זאַלבענאַנד אָבגעטון אַ שווער, אָבער אַ פיין שטיקעל אַר-בייט. אַ שאָד נאָר, וואָס ביי דיר איז פאַר דער צייט אַראָבגע-פאַלען פון קאָפּ די קרוין.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער אַפּטער רב איז גע־שטאַנען פאַר דעם פערשטעלטען ניקאָלאַי, איז דער אמת׳ער ני-קאָלאַי געזעסען אויף זיין כסא מלוכה און איבערגעלייענט די בעפעהלען, קלויבענדיג זיך צולעגען צו זיי זיין זיגעל. און בשעת ער האָט זיי געלייענט, זענען דורכגעגאַנגען אין זיינע געדאַנקען אַלע יענע ווערטער, וואָס דער אַפּטער רב האָט גע-רעדט צום פערשטעלטען ניקאָלאַי, און ער האָט חרטה געהאַט אויף די ערשטע צוויי גזירות און צוריסען די צוויי בעפעהלען. און צום דריטען האָט ער צוגעלעגט דעם זיגעל. און, ווען די גזירה איז אַרויס און מען האָט געגוים יודען שערען באָרד און פאות און צונטון קורצע בגדים. האָט מען געוויינט, געפאַסט און מרעיש עולם געווען. און קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז עס איז פאַרגעשטאַנען אַ פיל שרעקליכערע גזירה, וועלכע דער אַפּ-טער רב האָט מבטל געווען.

שפּעטער, אַז דעם אַפּטער איז אויסגעקומען צו ריידען וועגען ניקאָלאַי׳ען, האָט ער אַרויסגעזאָגט:

—ער איז גאָרנישט אַזאַ רשע, ווי איך האָב געטראַכט...

# א שטרענגער פסק־דין.

**א.**

חסידים האָבען בקבלה, אַז דער רבי, ר׳ שלום-שכנא
פּאָהרעבישטשער, דעם הייליגען מעזעריטשער מגיד׳ס אייניקעל,
האָט געהאַט אַ נצוץ פון דער נשמה פון דוד המלך ע״ה. און
זיין זוהן, דער גרויסער ר׳ ישראל רוזשינער, האָט געהאַט די
נשמה פון שלמה המלך ע״ה. און באמת, איז ביי זיי ביידען,
ביים פאָטער און ביים זוהן, געווען אַ הדרת פנים פון מלכים:
הויכע, שלאַנקע, מיט לויכטענדע פּנימ׳ער, מיט גרויסע שטערענס,
מיט שאַרפע, דורכדרינגענדע בליקען—עס האָט זיי נאָר געפעהלט
קרוינען אויף די קעפּ! נישט אומזיסט האָט ניקאָלאַי דער ערש-
טער, ימח שמו, דאָס גאַנצע לעבען גערודפט דעם רוזשינער.
ער האָט מורא געהאַט, יודען זאָלען אים נישט זאַלבען פאַר
אַ מלך!

און נישט נאָר מיט׳ן פנים זענען די ביידע צדיקים גע-
ווען עהנליך צו מלכים. זייער גאַנץ אויפפיהרונג איז געווען
דורכגעדרונגען מיט אַזאַ תקיפות, ברייטקייט און איידעלקייט,
וואָס מען קאָן זעהן נאָר ביי מלכים. די גרעסטע פוילישע מאַג-

נאַטען, די פּאָסאָצקיס און די ראַדזיוווילס, פּלעגען פאַהרען צו זיי לערנען זיך מדות און הנהגות און זענען נשתומם געווען פון זייער אויפפיהרונג.

ר׳ שלום-שכנא איז געזעסען אין אַ פּאַלאַץ, וועלכען עס האָבען געמעגט מקנא זיין די גרעסטע פירשטען. די חדרים זענען געווען בעצירט מיט גאָלד און זילבער און בעמאָלט מיט די שענסטע ציורים. ביים טיש האָט שטענדיג געשפּילט אַ קאַפּעלע פון די בעסטע כּלי-זמרים. אַרויספאָהרען פלעגט דער רבי נישט אַנדערש, ווי אויף זעקס פערד נאַשפּיץ, אַקוראַט, ווי פּאָטאָצקי, להבדיל.

אויף וויפיל ר׳ שלום-שכנא האָט זיך אויפגעפיהרט ברייט, קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס בלויז צוס ווײנקעלער זענען ביי ביי איהם געווען צוגעשטעלט פיער משרתים. זיין ווײנקעלער איז געווען איינער פון די גרעסטע אין דער מדינה. אין איהם האָבען זיך געפונען הונדערטערליי מינים ווײנען. יעדער יום-טוב, יעדער יומא דפגרה, יעדע שמחה האָט זיך געהאַט זיין בעזונדער וויין, און יעדער וויין האָט געהאַט זיינע כּונות אין צרופים, מיט וועלכע דער רבי פלעגט זעהר פיעל מתקן זיין. דאָס זעלבע איז געווען אויך מיט רויכערן. אין אַ בעזונדער חדר האָבען זיך געפונען כל המינים טיטונען—און יעדער מין האָט געהאַט זיין צייט, זיינע כּונות און זיין בעזונדער ל׳יולקע-ציבוק. אין חדר האָבען זיך געפונען ביי הונדערט ליולקעס, פון וועלכע עס האָט גערויכערט בלויז דער רבי אַליין, און נאָך עטליכע צעהנדליק ליולקעס, מיט וועלכע ער פלעגט מכבד זיין רויכערן די חשוב׳סטע געסט. אויף דעם זענען אויך ממונה געווען צוויי משרתים. זיי האָבען געדאַרפט וויסען, ווען וועלכע ליולקע צו דערלאַנגען, ווי און מיט וועלכען טיטון זי אָנצושטאָפּען.

ר׳ שלום-שכנא איז געגאַנגען אָנגעטון ווי אַ מאָנאַרך. נישט חס ושלום, אויפ׳ן פריצישען שטייגער, אַלץ יודישליך, ווי געהעריג. נאָר די בגדים זענען געווען פון די טייערסטע זיידענס און אַטלאַסען, גענייט ביי די בעסטע שניידער, זיי זענען געלעגען אויף איהם, ווי אויסגעגאָסען און האָבען געפינקעלט פון ציכטיג-

קיט. דער רבי האָט פון זיינע חסידים אויך געפאָדערט, זיי זאָלען געהן אָנגעטון זויבער און ציכטיג. ער פלעגט זאָגען: „אַזוי ווי מען דאַרף האַלטען ריין דעם גוף, ווייל ער איז אַ לבוש צו דער נשמה, אַזוי דאַרף מען האַלטען ריין אַ בגד, ווייל ער איז אַ לבוש צום גוף״.

און דער גאנצער תוכן פון דער ברייטער און רייכער הנהגה איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס פון די אַלע תענוגים האָט דער רבי קיין שום הנאה נישט געהאַט. געדאַרפט האָט ער די גאַנצע עולם הזה, כדי מיט איהר מלחמה האַלטען אַנטקעגען דער סטרא אחרא. ער האָט עס אַמאָל אַזוי מפרש געווען:

—ווען איך בעגעגען דעם „מנוּבל״, שלעפּ איך איהם נישט אין בית-המדרש, ווי עס איז אָנגעוויזען אין גמרא. איך רייס ביי אים אַרויס די בייטש און שמייס איהם אַזוי לאַנג מיט זיין אייגענער בייטש, ביז ער פערלירט דעם חשק צו וואָיעווען מיט מיר און אַנטלויפט.

הייסט עס, אַז די גאַנצע הנהגה מיט איהרע עולם-הזה תענוגים, איז געווען נאָר אַ מיטעל אַראָבצושלאָגען דעם „בעל-דבר״ די פליגעל, ווייזען, אַז מען קאָן אויסנוצען לשם שמים אפילו יענע מיטלען, מיט וועלכע דער יצר-הרע פערפיהרט מענשען אין תהום.

ביי יענער צייט זענען די חסידים געווען גאָר אַנדערע, ווי איצט. צווישען זיי זענען געווען נישט ווענינ לומדים, מופלגים, בעלי קבלה, וועלכע זענען געזעסען על התורה ועל העבודה. נאָר פיעל מעהר זענען געווען פּראָסטע יודען, דאָרפס-לייט, קרעטשמער, וועלכע האָבען זיך אויפגעפיהרט זעהר פּראָסט, אויפ׳ן פויערשען אופן, גערעדט צווישען זיך גוי׳איש און מיט זייער אויסזעהן האָבען זיי ווענינ זיך אונטערגעשיידעט פון די אַרומיגע פויערים. אויף שמחות, איבערהויפּט אויף חתונות, פלעגען אָט די חסידים געוועהנליך נאָכמאַכען די שטיק און קונצען, וואָס די דאָרפס-לייט פיהרען אויס אויף זייערע חתונות, פלעגען זיך איבערטון פאַר קאָזאַקען, בעוואָפענען זיך מיט ביקסען און

שווערדען, פלעגען ארומפאהרען רייטענדיג, שיסען אין דער לופ-טען וכדומה.

דער רבי פלעגט מיט א שמייכעל זיך צוקוקען צו די אלע מעשים און נישט זאגען דאגעגען. ער אליין האט אויך ליב גע-האט אנ'אנדערש מאל צו רעדען גוי'איש, זינגען א חסידיש ליע-דעל מיט גויי'עשע ווערטער. בשעת דער העכסטער דבקות אין דאווענען, פלעגט ער אפט אויסשרייען צו גאט: „מאי קאכאני!!"

# ב.

איבערהויפט האט ר' שלום-שכנא ארויסגעוויזען זיין ברייט-קייט ביי דער התונה פון זיין גרויסען זוהן, ר' ישראל'צע. ווע-גען דער חתונה האבען גאנצע דורות נאכדעם געהאט צו דער-צעהלען מעשיות און מופתים. אויף איהר זענען זיך צוזויפגע-פאהרען זעכציג ווייסע „זשופיצעס"—און די תורה, וואס מען האט דארט געזאגט, די חדושים, וואס מען האט אויפגעטון, סיי בנגלה, סיי בנסתר, וואלטען קלעקען נאך אויף א ש"ס.

צוזאמען מיט די גרויסע צדיקים, גדולי הדור, זענען זיך אויף דער חתונה צונויפגעפאהרען פון דער גאנצער סביבה חסידים, איבער צעהן טויזענד מאן. עס פערשטעהט זיך, אז אין שטע-טיל האבען זיך פאר זיי נישט געפונען קיין דירות, נאר דאס האט נישט אויסגעמאכט. עס איז געווען זומער-צייט און די אלע חסידים האבען זיך בעזעצט אין געצעלטען ארום שטאדט, אין די וועלדער און אויפ'ן פרייען פעלד. וועגען שפייז איז נישט גע-ווען וואס צו זארגען. די דארפשע חסידים האבען אנגעבראכט מיט זיך פון כל-טוב, אז ס'האט געקלעקט אי פאר אלע חסידים, אי פאר'ן רבי'ס הויף. און עס איז נאך פיעל איבערגעבליבען.

די חתונה האט געדויערט צוויי וואכען און די גאנצע צייט האט נישט אויפגעהערט די שמחה. ביים רבי'ן אין הויף איז בעגאנגען איין סדרה. מען האט געזאגט תורה, געפיהרט פייער-דיגע פלפולים און געפראוועט סעודות מיט מוזיק און טענץ. און

אין וואלד, ביי די חסידים, איז זיך געגאנגען אנ׳אנדער סדרה. דארט האט מען זיך ווייניגער פערנומען מיט תורה; און מעהר אבגעגעבען זיך די עולם-הזה ענינים. עטליכע הונדערט חסידים, פערקליידעט פאר קאזאקען, בעוואפענט מיט שווערדען און ביקסען, זענען אויף זייערע פערד אומגעפאהרען איבער׳ן שטעדטיל, געשאסען אין דער לופט און געמאכט קולות, כדי מען זאל וויסען, אז „לא יגום ולא יישן שומר ישראל״ (די קאזאקען האבען זיך גערעכענט פאר דער שומרים-וואך פון חתן, ר׳ ישראל).

אין שטעדטיל פאהרען די „קאזאקען״ צו די מאלצייטען. די איבריגע צייט שפאצירט מען זיך גלאט ארום איבער דער געגענד, מען לאזט זיך אוועק איבער׳ן שליאך, מען שפיעלט אין איבעריאגענישען. קומט מען צו א דארף, פאהרט מען אריין אהין מיט א שטורם, מיט א געפילדער, מיט א שיסעריי. מען שרעקט איבער אויף טויט די קינדער, די הינער, חזירים, די פיה. עס ווערט א יללה, א קוויטשעריי, אנ׳איינגעלאף. און די „קאזאקען״— מעהר ווי דאס דארפען זיי נישט,—טראגען זיך דורך ביז׳ן עק דארף, רייסען פארבייגעהענדיג אראב מיט די שווערדען א פאר בונטלעך שטרוי פון די סטערטעס,—און צוריק צו זיך אין וואלד. לויפען ארויס די גוים פון די הייזער, הויבען אן נאכיאגען זיי, גאר וואו? ווען? די „קאזאקען״ זענען שוין פערשוואונדען.

טרעפט זיך א מעשה, אז א חברה „קאזאקען״ בעגעגענט א סטאדע גענז. דערמאנט מען זיך, אז כאטש אויף שבת איז דא געגוג פלייש, נאר קיין עופות זענען נישטא. שפרינגט מען אראב פון די פערד און מען כאפט א פאר צעהנדליג גענז, מען קעהרט זיך אום צו זיך און מען דערצעהלט מיט א געלעכטער וועגען דער גבורה, וואס מען האט בעוויזען: זאל עשו וויסען, וואס עס הייסט א יודישער „קאזאק״! דערמאנט מען זיך אבער, אז פון גזילה טאר מען קיין הנאה נישט האבען, זאמעלט מען צונויף פיר-פינף גילדען און מען שיקט אב אין דארף, ווי געצאהלט פאר די גענז. זענען די פויערים העכסט צופריעדען, זיי האבען זיך שוין מיאש געווען פון די גענז, און מיטאמאל בעקומט זיך פאר זיי בעצאהלט און נאך אזא גרויסער: פאר פיר-פינף גענז א גילדען!

נאָר די חסידישע „קאָזאַקען" בענוגנען זיך נישט מיט דעם, כּדי אינגאַנצען מפייס צו זיין די פּויערים, פיהרט מען נאָך אַוועק אין דאָרף אַ פּעסעלע י"ש. פערזאַמעלט זיך דאָס גאַנצע דאָרף און די „קאָזאַקען" זענען מכבד אַלעמען מיט בראָנפען; זאָלען די ערלים וויסען, וואָס פאַר אַנ'איידעל פאָלק יודען זענען! טרינקט מען צוזאַמען, און אַז מען ווערט שכּור—הויבט מען אָן זינגען. חסידים זינגען זייערע הייליגע נגונים, און די פּויערים זייערע, להבדיל. דערגעהט עס צו טענץ. טאַנצט מען צוזאַמען און דערביי קושט מען זיך, ווי ברידער...

### ג.

דעם טאָג פון דער חופּה זענען די „קאָזאַקען" פון דער פריה אָן געווען אויף די פערד און אַרומגעריטען איבער'ן שטאָדט. צו דער חופּה-וועטשערע, וועלכע איז געווען געגרייט אויפ'ן רבּי'ס הויף פאַר קרובים און חשוב'ע געסט, זענען די „קאָזאַקען" אַרומגעריטען אַרום הויף, געזונגען ליעדער און געשאָסען אין דער לופט. שפּעט ביינאַכט, ווען די חופּה-וועטשערע האָט זיך געענדיגט, האָט מען געגרייט טישען פאַר די „קאָזאַקען", און די סעודה האָט זיך פערצויגען ביזן העלען טאָג. עס פערשטעהט זיך, אַז קיין משקה האָט נישט אויסגעפעהלט און די „קאָזאַקען" האָבען געמאַכט אַ גוטע כּוסה.

אויפגעהויבען זיך פון טיש, זענען אייניגע אַוועק דאַווענען, אַנדערע האָבען זיך געלעגט שלאָפען. נאָר די איבריגע האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די פערד, כּדי דורכצושפּאַצירען זיך אין דעם לויטערן פריהמאָרגען.

צוויי „קאָזאַקען", יחיאל קאָמאַרני און זעליג חייקעס, גראָד חשוב'ע יודען און וואויל-לערנער, זענענדיג גוט בגילופין, האָבען זיך אַ לאָז געטון אַריבעריאָגען איינער דעם אַנדערן. רייטענדיג אַזוי, זענען זיי צוגעפאָהרען צו אַ דאָרף.

ווי אומעטום אין דער געגענד, איז ביים אַריינפאָהר אין

דאָרף געשטאַנען אַ סלופּ מיט אַ סטאַטוע. דער סלופּ איז געווען אונטערגעפוילט און געשטאַנען שטאַרק אָנגעבויגען אויף אַ זייט. יחיאל קאָמאַרני האָט זיך אַ לאָז געטון מיט אימפּעט צום סלופּ און מיט׳ן שווערד גענומען איהם אונטערהאַקען, זעליג חייקעס האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און גענומען אָבהאַלטען דעם חבר:

—וואָס טוסטו?—האָט ער אויסגעשריען.—די ערלים וועלען דערזעהן, וועלען זיי דיך אויף שטיקער צורייסען!

—לאָז מיך!—האָט געענטפערט היציג יחיאל—איך בין זיך מוסר נפש! אין מיר איז די נשמה פון ירבעם בן נבט, און איך מוז מתקן זיין, וואָס ער האָט געפעלשט און פוגם געווען.

און האָט ווייטער געהאַקט, ביז דער סלופּ איז איינגעפאַלען.

צוויי שקצים, פּאַסטוכער, האָבען פון דער ווייטען דערזעהען, וואָס יחיאל טוט, און זענען מיט אַ געשריי געלאָפען אין דאָרף, אָנזאָגען עס. די פויערים האָבען געכאַפּט העק און קאָסעס און אַ לאָז געטון זיך צום אָרט, וואו דער סלופּ איז געשטאַנען, נאָר יחיאל איז שוין געווען פערשוואונדען. די פויערים האָבען זיך צוגעגרייט איהם נאָכיאָגען, נאָר דער אַלטער גלח פון דאָרף, דערוויסענדיג זיך וועגען דער מעשה, האָט זיי אָבגעהאַלטען:

—אין שטעדטיל—האָט ער געזאָגט—זענען דאָ אָנגעפּאָהרענע יודען מיט ביקסען און שווערדען. ווי וועט איהר זיך שטעלען אַנטקעגען זיי? זיי וועלען נאָך אייך שלאָגען מכּות רצח.

—וואָס-זשע דען? פערשווייגען אַזאַ נבלה?—האָבען געשריען די פויערים.

—ניין!—האָט געענטפערט דער גלח—איך האָב אַן׳אַנדער עצה, אַ בעסערע. איך ווייס, אַז זייער רבי איז אַ רעכטפאַרטיגער און גאָטספאָרכטיגער מאַן, וועלען מיר בעסער ווענדען זיך צו איהם און דערצעהלען די גאַנצע מעשה, וועט ער שוין אַליין גוט בעשטראָפען דעם פערברעכער.

די פויערים האָבען איינגעשטימט און זענען בראש מיט׳ן גלח אַוועק אין שטעדטיל. געקומען צום הויף, האָבען זיי געפאָ-

דערט, מען זאָל זיי צולאָזען צום רבי׳ן, האָט מען זיי צוגעלאָזט.

דער גלח איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס, האָט זיך טיעף פערנויגט און אַזוי געזאָגט:

—גרויסער און הייליגער מאַן! פאַר די צוויי וואָכען, זינט עס זענען זיך אויף דיין זוהנס חתונה צונויפגעפאָהרען טויזענ-דער יורישע קאָזאַקען, האָבען מיר קיין בערוהטע מינוט נישט, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. דיינע קאָזאַקען פאַלען-אָן אויף די דערפער, צושרעקען די ווייבער און קינדער, רייסען אַראָב די דעכער, צוטרייבען די עופות און טוען־אָן אַנדערע היזיקות. נאָר מיר פערשטעהען, אַז איהר האָט זיך אייערע מנהגים, פון וועל-כע איהר קאָנט נישט אָבטרעטען. האָבען מיר, צוליב דיין כבוד, געליטען און געשוויגען. אָבער היינט אינדערפריה האָט איינער פון דיינע קאָזאַקען אָבגעטון אַ מעשה, וועלכע מיר קאָנען שוין נישט פערשווייגען. ער איז צוגעפאָהרען צו אונזער דאָרף און אונטערגעהאַקט אַ סלופ מיט אַ הייליגער סטאַטוע. די פויערים האָבען געוואָלט איהם דערשלאָגען, נאָר איך האָב זיי אָבגעהאַלטען און פאָרגעלעגט, געהן דערצעהלען דיר די גאַנצע מעשה, און דו אַליין זאָלסט בעשטראָפען דעם שולדיגען.

—ווייסט איהר, ווער איז דער קאָזאַק, וואָס האָט אָבגעטון די מעשה?—האָט געפרעגט דער רבי.

די פויערים האָבען געענטפערט, אַז זיי האָבען נאָר גע-זעהן, ווי ער איז אַנטלאָפען אין שטעדטיל, און ווער ער איז, ווייסען זיי נישט.

—גוט!—האָט זיך אָבגערופען דער רבי,—איך וועל חוקר ודורש זיין די מעשה. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז אייע-רע רייד זענען ריכטיג, וועל איך שטרענג בעשטראָפען דעם „קאָזאַק“.

ער האָט אַרויסגעפיהרט די פויערים מיט׳ן גלח אין הויף, צוועקגעזעצט זיי ביי אַ טיש, געהייסען דערלאַנגען זיי כבוד, בראָנפען און פערבייסעכץ. אין דער זעלבער צייט האָט ער גע-שיקט צוויי שמשים צו די „קאָזאַקען“, דערגעהן, ווער האָט גע-טון די מעשה. די שמשים האָבען זיך אומגעקעהרט מיט דער

ידיעה, אַז דאָס האָט געטון יחיאל קאָמאַרני. דער רבי האָט איהם צוגערופען און געפרעגט, ווי אַזוי איהם איז איינגעפאַלען אָבצוטון אַזאַ זאַך. האָט יחיאל געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט זיין חבר, זעליג חייקעס, אַז אין איהם איז די נשמה פון ירבעם בן נבט, און ער האָט געוואָלט מתקן זיין, וואָס יענער האָט פוגם געווען.

דער רבי האָט איהם נישט געענטפערט און געהייסען וואַרטען. נאָכדעם האָט ער בעפוילען אויסרופען, אַז אַלע „קאָזאַקען" זאָלען זיך פערזאַמלען צו איהם אין הויף, וואו עס וועט פאָרקומען דער משפט איבער יחיאל קאָמאַרני. ווען די „קאָזאַקען" האָבען זיך פערזאַמעלט, האָט דער רבי געהייסען זיי אויס שטעלען זיך אין אַ האַלבער ראָד און אַוועקגעשטעלט יחיאל'ן אין דער מיט.

די חסידים-„קאָזאַקען" האָבען זיך בעאונרוהיגט פונ'ם גאַנצען פאַראַד. איבערהויפט, ווען זיי האָבען דערזעהן אויפ'ן הויף די פויערים מיט'ן גלח און האָבען בעמערקט, אַז ביים רבי'ן איז זייער אַ שטרענגער אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. ווער ווייס, אפשר, מפני דרכי שלום, גרייט ער זיך שטרענג צו בעשטראָפען יחיאל'ן!

—חסידים-„קאָזאַקען", אויך איהר, פויערים, מיט אייער גלח!—האָט אויסגערופען דער רבי אויף גויש מיט אַ פייערליכער שטים—מיינער אַ „קאָזאַק" האָט היינט אָבגעטון אַ מעשה, וואָס פערלויפט זיך נישט. ער האָט אונטערגעהאַקט אַ סטאַטוע. דערפאַר וועל איך אים בעשטראָפען מיט דער שווערסטער שטראָף, וואָס עס קאָן נאָר געבען פאַר אַ חסיד אַ „קאָזאַק"!

די חסידים-קאָזאַקען זענען געשטאַנען דערשראָקענע. יחיאל איז געווען בלייך, ווי קאַלך.

—יחיאל קאָמאַרני!—האָט אויסגערופען מיט אַ שטרענגען קול דער רבי.—דערפאַר, וואָס דו האָסט אָבגעטון אַזאַ מעשה, נעהם איך ביי דיר אָב אויפ'ן גאַנצען לעבען דאָס רעכט צו זיין אַ „קאָזאַק"! פון היינט אָן טאָרסטו מעהר נישט טראָגען קיין קאָזאַצקע בגדים און קיין שווערד! און, כדי מיין פסק-דין זאָל גלייך בעשטעטיגט ווערען און זיין בעוואוסט דער גאַנצער וועלט, בע-

פּעהל איך מיינע „קאָזאַקען״, זיי זאָלען גלייך אַראָבּרייסען פון יחיאל׳ן זיינע קאָזאַקען-בגדים, צונעהמען ביי איהם דעם שווערד, און אַלע זאָלען אויסרופען הויך, אויפ׳ן קול, דריי מאָל: „א ו י ס קאָזאַק!״

ביי די חסידים-„קאָזאַקען״ איז אַראָבּגעפאַלען אַ שטיין פון האַרצען, נאָר זיי האָבּען געמאַכט טרויעריגע פּנימ׳ער, ווי עס׳שי-טערט פון דעם שטרענגען פּסק-דין. יחיאל האָט פערדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענד, אַזוי, אַז עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז שטאַרק פאַרשעמט און וויינט פון צער און בושה.

צוויי „קאָזאַקען״ האָבּען זיך אַ וואָרף געטון צו יחיאל׳ן און אַראָבּגעריסען פון איהם דעם קאָזאַקען-פּעלצעל. אַלע איבּריגע האָבּען הויך אויסגעשריען:

—א ו י ס קאָזאַק! א ו י ס קאָזאַק! א ו י ס קאָזאַק!

די בּויערים זענען געווען שטאַרק צופרידען פון דער שטרענגער שטראָף און גענומען נקמה פון יחיאל׳ן. דער גלח, שטאַרק געריהרט, איז צוגעגאַנגען צום רבּי׳ן און מיט אַ קול, אין וועלכען עס האָבּען געציטערט טרעהרען, האָט ער געזאָגט:

—הייליגער מאַן! איך האָבּ געוואוסט, אַז דו וועסט דעם שולדיגען שטרענג בּעשטראָפען, נאָר אויף אַ זאַ שטרענגער שטראָף האָבּ איך זיך נישט געריכט!...

# דריטע אָבטיילונג.

## מתנגדיש.

# צוויי גדולים.

## א.

ווייט-ווייט, אויף יענעם זייט ים, אין דער ענגלישער מלוכה, האָט געוואוינט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. געווען איז ער אַ גדול בישראל, און זיין נאָמען האָט געקלונגען פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן. ער איז געווען אַ משנה למלך ביי דער ענגלישער קיסרין, און אָהן זיין עצה פלעגט זי אַ טריט נישט מאַכן. פאַר איהם זענען געפאַלען אויפ׳ן פנים די גרעסטע פירשטען און האַרען. אפילו קיסרים פון אַנדערע קעניגרייכען פלעגען איהם אָבגעבען גרויס כבוד.

די רייכקייט פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע איז געווען נישט צו משער זיין. ער האָט געהאַט פיעל ברונעמס מיט קוועקזילבער, און מען האָט פון זיי געשעפט טאָג און נאַכט מיט פולע עמער און זיי האָבען זיך נישט אויסגעשעפט. און קוועקזילבער, ווי עס איז ידוע איז טייערער פאַר געוועהנליכען זילבער. אַנדערע זאָגען, אפילו טייערער פאַר גאָלד. קאָן מען שוין דערפון דרינגען, ווי רייך ער איז געווען! געוואוינט האָט ער אין אַ קייזערליכען פאַלאַץ, וואָס איז געווען בעצירט מיט גאָלד און

זילבער, טייערע שטיינער און פערל. ער האָט געהאַט הונדער-טער קנעכט, און אַרויספאָהרען פלעגט ער נישט אַנדערש, ווי אין א גאָלדענער קאַרעטע, מיט אַ שפּאַן פון אַכט פערד נאַ-שפּיץ, און פאַר איהם פלעגען לויפען גען-געהער און אויסשרייען: „מאַכט אַ וועג פאַר אונזער הערשער מאָנטעפיאָרע!"

נישט דורך זיין גרויסער מאַכט און רייכקייט האָט ר' משה מאָנטעפיאָרע בעקומען אַ נאָמען אין דער גאַנצער וועלט, נאָר דורך זיינע לייטזעליגע מעשים און דורך זיין מסירת-נפש פאַר'ן כלל-ישראל. האָט זיך נאָר וואו, כאָטש אין עק וועלט, געטראָפען אַנ'אומגליק מיט יודען, איז פאָרגעקומען, רחמנא-לצלן, אַ פּאָ-גראָם, אַ בלבול, אַ גירוש אָדער אַנ'אַנדער גזירה,—האָט ער זיך גלייך געשטעלט ווי אַ לייב צו שיצען זיינע ברידער, איז גע-לאָפען צו דער קיסר'טע, געפאַלען איהר צו די פיס און געבע-טען הילף, איז געפאָהרען צו קיסרים פון אַנדערע מלוכות, האָט געשאָטען מיט גאָלד און נישט בערוהיגט זיך, ביז ער האָט נישט מבטל געמאַכט די גזירה. צוגלייך מיט דעם, איז ער געווען אַ גרויסער נדבן: האָט געבויט שולען און ישיבות, האָט אויסגע-האַלטען טויזענדער יודען, וואָס זענען געזעסען און געלערנט, האָט געהאָלפען אָרימע, געשטיצט געפאַלענע, געווען אַ פאָטער פאַר אלמנות און יתומים. און צו דעם אַלעמען איז ער געווען טאַקע זעהר פרום, האָט מקיים געווען מיט גרויס פורכט אַלע געבאָטען.

נאָר, אַזוי, ווי אין דער וועלט קאָן דאָך נישט זיין, אַז אַ מענש זאָל נישט האָבען אַ וועלכען עס איז חסרון, האָט ר' משה מאָנטעפיאָרע'ן אויך עפּעס געפעהלט. געפעהלט האָט איהם למדות...

קיין עם-הארץ איז ער, חס-ושלום, נישט געווען! אדרבה! האָט גוט פערשטאַנען אַ בלאַט גמרא, יעדען טאָג געלערנט אַ בעשטימטען שיעור, און נישט גלאַט זיך געלערנט, נאָר טאַקע מיט תוספות און מהרש"א, ווי עס געהער צו זיין. נאָר... אין זיין לערנען איז נישט געווען, ווי זאָגט מען דאָס, קיין פער-שפּיצטקייט, קיין טיפקייט, עס האָט אין איהם געפעהלט די

שאַרפקייט, דער ברען... און ר׳ משה מאַנטעפיאָרע האָט עס פערשטאַנען און האָט זיך שטאַרק מבער געווען פון דעם.

## ב.

אין דערזועלבער צייט, ווען איבער דער וועלט האָט גע-קלונגען דער שם פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, האָט געוואוינט אין דער שטאָדט מינסק, אויף דער ליטע, דער גאון ר׳ גרשון תנחום. געווען איז ער אויך אַ גדול בישראל און געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט געוואוסט אויסוועניג גאַנץ ש״ס; עס איז נישט געווען אַזאַ ספר, וואָס ער זאָל נישט געהאַט דורכגעלערנט, און נישט געווען אַזאַ הלכה, אין וועלכער ער זאָל עפּיס נישט מחדש זיין. אין איהם האָבען זיך געשטאַרקט קוואַלען פון קוועקזילבער פון חכמה, און, וויפיל ער האָט פון זיי נישט געשעפּט, זענען זיי געווען פול ביז די ברעגעס. ער האָט אויך געבויט גרויסע פּאַלאַצען פון סברות און הידושים און האָט זיך פריי אַרומשפּאַצירט איבער די סעדער און ווייגגערטנער פון די פּרעכטיגסטע אגדות. זיינע רוחניות׳דיגע אוצרות האָט ער אויך פונאַנדערגעגעבען מיט פולע הויפענס. האָט אָנגעזעטיקט און געמאַכט אָנטרינקען הונגעריגע און דורשטיגע צו גאָטס וואָרט.

נאָר ר׳ גרשון תנחום׳ן האָט אויך עפּיס געפעהלט... ביי זיין חכמה און גרויסקייט איז ער געווען אַ מורא׳דיגער אביון. ער האָט בעקומען געהאַלט, ווי אַ רב, צוויי גילדען די וואָך און, זענענדיג אַ מטופל מיט אַ גרויס געזינד, האָט ער געליטען דחקות און הונגער.

## ג.

ויהי היום, האָט דערגרייכט צו ר׳ משה מאָנטעפיאָרע דער קלאַנג וועגען ר׳ גרשון תנחום. האָט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע

בעשטימט נעהמען איהם פאַר אַ מלמד צו זיך. און, ווען ר׳ משה מאָנטעפיאָרע בעשטימט עפּיס, איז איהם, פערשטעהט זיך, נישט שווער דאָס אויסצופיהרען. האָט ער זיך נישט לאַנג מיישב גע-ווען, האָט בעפוילען איינשפּאַנען אַכט פערד אין דער גילדענער קאַרעטע און אַוועקגעפאָהרען קיין מינסק. און פאָהרענדיג, האָט ער, ווי זיין געוועהנהייט איז געווען, געוואָרפען פון די פענסטער פון קאַרעטע הויפענס רענדלעך אויף ביידע זייטען וועג. און ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט, ווער עס קלויבט זיי אונטער, אַ יוד, צי אַ גוי: איהם איז אַלץ איינס!

איהר דאַרפט וויסען, אַז פון דער ענגלישער מלוכה ביז מינסק איז אַ מהלך-רב. אָבער, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס, אַז מען פאָהרט אויף אַכט פלינקע פערד! עס געהט דורך עטלי-כע טעג.—און ר׳ משה מאָנטעפיאָרע איז שוין אין מינסק. האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען מאַרק און פרעגט, וואו וואוינט ר׳ גרשון תנחום? ווייזט מען איהם אָן אַ קליין אַלט חייזעלע אין אַ זייטיגע געסעל הינטער׳ן שול-הויף. געהט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע אַהין, קומט אַריין אין שטוב און זעהט: ר׳ גרשון זיצט ביי אַ ספר און לערנט. נעהט צו איהם צו ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און זאָגט:

—רבי! זאָל אייך זיין בעוואוסט, אַז איך בין משה מאָנ-טעפיאָרע!

ווי ר׳ גרשון תנחום האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער זיך געשווינד אויפגעהויבען פון אָרט, האָט געמאַכט די ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם" און געגעבען דעם אורח שלום.

ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האָט איהם געענטפערט שלום און געזאָגט:

—זאָל אייך זיין בעוואוסט, ר׳ גרשון תנחום, אַז איך האָב בעשטימט נעהמען אייך צו זיך פאַר אַ רבי׳ן. אייער געזינד זועל איך אַרויסגעבען, וויפיל איהר איז נויטיג אויף איהרע בע-דערפענישען, און אייך וועל איך נעהמען מיט זיך. איהר וועט וואוינען ביי מיר אין פּאַלאַץ, וועט זיצען ביי מיין טיש און וועט פון מיין האַנד בעקומען אויף אַלע אייערע הצטרכות, אויף

אַ בגד און שיך, אויף אַ באָד און אויף שמעק-טאַבאַק.

ר׳ גרשון תּנחום הערט די רייד און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. אַז ר׳ משה מאָנטעפיאָרע איז געקומען נאָך איהם אין אַ גילדענער קאַרעטע—ווי קאָן ער איהם אָבזאָגען! נאָר פונ-דעסטוועגען ענטפערט ער, אַז ער דאַרף זיך מיישב זיין מיט׳ן ווייב, און נעהמען רשות פון דער קהלה. און, ווען ער טוט דאָס, צעהלט אָב ר׳ משה מאָנטעפיאָרע דער משפחה טויזענד רענדלעך מזומן געלד, זעצט אַוועק ר׳ תּנחום׳ן צו זיך אין דער גילדע-נער קאַרעטע, און מען פאָהרט אין אַ גוטער שעה.

## ד.

ווען מען קומט אין דער ענגלישער מלוכה, פיהרט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע ר׳ גרשון תּנחום׳ן קודם-כל איבער זיינע גיטער. ער ווייזט איהם די ברונעמס מיט קוועקזילבער, שטעדט און דער-פער, פעלדער און וועלדער, סעדער און וויינגערטנער, און ער זאָגט צו איהם:

—רבי! הויבט-אויף די אויגען און קוקט: אַלץ, וואָס איהר זעהט אַרום זיך און נאָך ווייטער,—איז עס מיינס!

ר׳ גרשון תּנחום קוקט און וואונדערט זיך: איהם איז קיינ-מאָל נישט איינגעפאַלען אין זינען, אַז איין מענש זאָל קאָנען האָבען אַזויפיל גיטער.

נאָכדעם ברענגט איהם ר׳ משה מאַנטעפיאָרע צו זיך אין פּאַלאַץ און פיהרט איהם איבער אַלע חדרים. און איין חדר אין שענער פאַר׳ן אַנדערן, און אַלע זענען זיי בעצירט מיט געלד און זילבער, טייערע שטיינער און פערל, און זענען בעהאַנגען מיט די טייערסטע טעפּיכען. עס קוקט זיך אַרום ר׳ גרשון תּנחום, און איז נשתּומם. אַזאַ שענקייט האָט ער קיינמאָל, אפילו אין חלום, נישט געזעהן.

און ר׳ משה מאָנטעפיאָרע פיהרט איהם אַריין אין׳ם גרע-סטען זאַל. און דער זאַל לייכט פון דימענטען און בריליאַנטען,

און אויפ'ן באַלקען איז אויסגעמאָלט די זון מיט דער לבנה מיט אַלע מזלות און זיי דרעהען זיך אום נאָך דער צייט נאָך. און אין דער גאַנצער לענג פון זאַל שטעהען זילבערנע טישען, בע-דעקט מיט גילדענע טישטיכער. און אויף די טישען זענען גע־גרייט די שענסטע מאכלים און עס שטעהען אין קריסטאָלענע פלעשער די בעסטע ווייגען. און ביים טיש זיצען: פון איין זייט די גרעסטע פירשטען, גראַפען און האַרען, און פון דער אַנדער זייט—די רייכסטע און שענסטע יודען פון דער ענגלישער מלוכה. און צעהנדליגער קנעכט בעדיענען זיי. און, ווי נאָר ר׳ משה מאָנטעפיאָרע געהט אַריין, כאַפּען זיך אַלע אויף פון די ערטער, פערנויגען זיך טיעף פאַר איהם און שרייען-אויס אין איין קול:

—זאָל לעבען אונזער האַר, ר׳ משה מאָנטעפיאָרע!

אַז ר׳ גרשון תנחום זעהט, וואָס פאַר אַ גרויס כבוד מען גיט אָב ר׳ משה מאָנטעפיאָרע'ן, ווערט ער אינגאַנצען פערצוי־טערט. און, ווען די קנעכט דערלאַנגען איהם די בעסטע שפייזען, קאָן ער נישט נעהמען די לעפעל, ווייל איהם ציטערן הענד און פיס פון גרויס פחד פאַר דער רייכקייט, גדלות און כבוד פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע.

## ה.

נאָכ'ן עסען, ווען די פירשטען, גראַפען און שררות זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך ר׳ משה מאָנטעפיאָרע אויפגעהויבען פון אָרט און אויסגערופען מיט ברייטקייט:

—און אַצינד זאָל גרשון תנחום אונז זאָגען תורה!

ר׳ גרשון תנחום וויל זאָגען תורה, נאָר ער קאָן פון גרויס שרעק דאָס מויל נישט עפענען. און ר׳ משה מאָנטעפיאָרע חזר'ט איבער זיין בעפעהל:

—זאָל ר׳ גרשון תנחום זאָגען תורה!

און ר׳ גרשון תנחום טוט זיך אָן אַ כח און הויבט אָן שטיל, מיט אַ ציטערדיגען קול זאָגען תורה. און ר׳ משה מאָנ-

טעפּיאָרע הערט איהם צו. און וואָס ווייטער ער הערט, ווערט ער אַלץ מעהר נתפּעל פון זיין גרויסער למדות.

און ר׳ גרשון תנחום טוט זיך ווידער אָן אַ כח. און מיט אַמאָל פערגעסט ער וועגען אַלע גיטער פון ר׳ משה מאָנטעפּיאָ־רע. און פון זיינע געדאַנקען ווערען פערשוואונדען די ברונעמס מיט קוועקזילבער, די פעלדער און וועלדער, די סעדער און ווייַנגערטנער. זיין קול הערט אויף צו ציטערן, און ער פער־טיעפט זיך אין די ריזיגע וועלדער פון הלכה. און ר׳ משה מאָנ־טעפּיאָרע הערט איהם צו און איז נשתומם פון דער גרויס פון זיין חכמה.

און ר׳ גרשון תנחום טוט זיך ווידער אָן אַ כח. און ער פערגעסט וועגען דעם פּאַלאַץ מיט די בעצירטע חדרים, וועגען די טייערסטע שפּייזען, וועגען די פירשטען און גראַפען און וועגען גאַנצען כבוד, וואָס מען האָט אָבגעגעבען ר׳ משה מאָנטע־פיאָרע׳ן. און זיין קול ווערט שוין הויך און שטאַרק, און מיט ברייטקייט שוועבט ער איבער די גן-עדן-גערטנער פון דער אגדה. און ר׳ משה מאָנטעפּיאָרע איז שוין אויפגערודערט און הערט זיך צו מיט גרויס פחד.

און, ווען ר׳ גרשון תנחום טוט זיך אינגאַנצען אָב פון דער אָרומיגער וועלט, הויבט ער זיך אויף ביז די העכסטע בערג־שפּיצען פון דער תורה און לאָזט זיך אַראָב אין איהרע טיעפ־סטע אָבגרונדען, און זיין פּנים פלאַקערט, און דאָס קול זיינס דונערט, ווי אַ געשריי פון אַ לייב. און ר׳ משה מאָנטעפּיאָרע, אַרומגעכאַפּט מיט אַנ׳אימה, קאָן שוין נישט זיצען אויפ׳ן אָרט, און איהם ציטערן הענד און פיס...

# ר׳ משה מאָנטיפיאָרע
# און ניקאָלאַי דער ערשטער.

אַז די ענגלישע מלכּה איז נאָר־וואָס אַרויף על כּסא המלוכה און האָט געדאַרפט געקרוינט ווערען, האָט זי געמאַכט אַ גרויס מאָלצייט און פערבעטען אויף איהם אַלע מלכים און פירשטען פון דער גאַנצער וועלט, כּדי צו בעקענען זיך מיט זיי. גערופען האָט זי אויף דעם מאָלצייט אויך די גרעסטע לייט, די גראַפען און מיניסטאָרען פון איהר אייגען לאַנד און בראשם, פערשטעהט זיך, דעם העכסטען פון איהרע יועצים און מיניסטאָ־רען, ר' משה מאָנטעפיאָרע.

ווען מען איז זיך צונויפגעקומען אויף דעם מאָלצייט און דער עולם איז פון די טייערסטע ווייגען אַריין אין אַ „הויכער מדרגה", האָבען די מלכים אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען זייערע קעניגרייכען. איינער האָט זיך בעריהמט דערמיט, וואָס זיין לאַנד איז גרויס; דער אַנדערער, וואָס ער האָט פיל גאָלד און זילבער; דער דריטער האָט זיך בעריהמט מיט זיין כּח און מיט זיינע תּכסיסי מלחמה, דער פירטער — מיט זיין חכמה.

איז אַרויסגעטראָטען דער רוסישער קיסר, ניקאָלאַי דער

ערשטער און זיך אָבגערופען:

—מיין לאַנד איז דאָס גרעסטע אין דער וועלט, מיין פאָלק, אויף וועלכען איך געוועלטיג, איז, ווי דער זאַמד אין ים, וואָס קאָן נישט געצעהלט ווערען מחמת זיין גרויטען צאָהל. און מיט אַלץ בין איך רייך. נאָר איין חסרון איז דאָ: אין מיין לאַנד געפינען זיך זעהר פיעל יודען, און איך ווייס נישט, ווי פון זיי פטור צו ווערען.

האָט דערהערט די ווערטער ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און איהם האָט עס שטאַרק פערדראָסען. איז ער צוגעגאַנגען צו ניקאָלאַיען, האָט זיך טיעף פערנויגט פאַר איהם און געזאָגט:

—אדוני המלך, ניקאָלאַי! ווי איך פערשטעה, ביזטו נישט קאָנטענט, וואָס ביי דיר אין מלוכה געפינען זיך פיעל יודען. אויב אַזוי, קאָנסט דו זיך גרינג פון זיי בעפרייען.

—ווי אַזוי?—פרעגט ניקאָלאַי.

—גאָר פשוט: פערקויף זיי מיר. איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר יעדען יודישען נפש, זאָל עס זיין אַ זקן, צי אַ קינד, סיי אַ מאַן, סיי אַ פרוי, צו דריי רובל באַרעס געלד, אַסיגנאַציעס.

—און דו וועסט די יודען צונעהמען פון מיין לאַנד?

—אַלע ביז איינעם!

האָט זיך ניקאָלאַי שטאַרק דערפרעהט. דאָך אַ גאָלדען געשעפט! פטור ווערען פון אַלע יודען און דערצו נאָך בעקומען אַ פעטע מטבעה.

האָט ער גלייך מסכים געווען און מען האָט אָבגערעדט, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט מאָנטעפיאָרע קומען אין רוסלאַנד, וועט בעצאָהלען לויט דעם רעכנונג און צונעהמען צו זיך אַלע יודען.

אומקעהרענדיג זיך אַהיים, האָט ניקאָלאַי צונויפגערופען אַלע מיניסטאָרען און סענאַטאָרען און זיי געזאָגט:

—איך האָב געמאַכט אַ טייער געשעפט: פערקויפט אַלע יודען צו דריי רובל אַסיגנאַציעס פאַר אַ נפש, אין באַרעס געלד.

ווען די מיניסטאָרען און סענאַטאָרען האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך געכאַפּט פאַר די קעפּ און אויסגעשריען:

—גוואַלד, אדוני המלך, וואָס האָסטו געטון! איצט בעקו-
מען מיר דאָך פון יעדען יודען, סיי אַ מאַנסביל, סיי אַ פרוי
אָדער אַ קינד, דורכשניטליך, צו פערציג רובל ריוח יעדען יאָהר!
וועסטו דאָך בדיל הדל ווערען, אַז דו וועסט זיי אָװעקגעבען
פאַר דעם מקח.

האָט ניקאָלאַי פערשטאַנען, אַז ער האָט זיך אָבגענאַרט און
פרעגט:

—וואָס־זשע טוט מען?

האָבען די מיניסטאָרען און סענאַטאָרען אָנגעהויבען טראַכ-
טען, ווי אַזוי צו מאַכען, אַז מען זאָל נישט דאַרפען אָבגעבען
די יודען. האָט זיך איין מיניסטער אָבגערופען:

—אדוני המלך! איך האָב געפונען אַן׳עצה, די יודען זאָלען
בלייבען ביי אונז. אַ יודען קאָן מען דאָך דערקענען לויט דעם,
וואָס ער טראָגט אַ באָרד און פאות און געהט אין לאַנגע
בגדים. גיב אַרויס אַ בעפעהל, אַז אַלע יודען זאָלען אָבשערען
באָרד און פאות און אָנטון קורצע בגדים. וועט דעמאָלט קיינער
נישט דערקענען, דאָס זיי זענען יודען. און, ווען מאָנטעפיאָרע
וועט קומען, וועסטו איהם אָבגעבען די קאַראַאימען און וועסט
זאָגען, אַז קיין אַנדערע יודען זענען נישטאָ אין דיין לאַנד.

איז די עצה געפעלען געוואָרען ניקאָלאַיען און ער האָט
גלייך אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע יודען מוזען אָבשערען
באָרד און פאות און אָנטון קורצע בגדים.

ווען ר׳ משה מאָנטעפיאָרע איז אין דער בעשטימטער צייט
געקומען אין פעטערבורג און אַוועק מיט דעם קאָנטראַקט אין
קיסר׳ס פאַלאַץ, איז צו איהם אַרויסגעגאַנגען אַ מיניסטער און
געזאָגט:

—פאַר אמת׳ע יודען רעכענען מיר די קאַראַימען און קיין
אַנדערע יודען זענען ביי אונז טאַקי נישטאָ. ווילסטו—נעהם די
קאַראַאימען און בעצאָהל נאָכ׳ן רעכנונג.

האָט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע גלייך פערשטאַנען, אַז מען
וויל איהם נישט אָבגעבען די יודען. איז ער געוואָרען שטאַרק

ברוגז, האָט זיך נישט געזעגענט און אָבגעפאָהרען צוריק.

אויף שבת האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין ווילנאָ.

אין יענער צייט איז אין ווילנאָ געווען אויבערהאַר דער גראַף פּאָטאָצקי. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז געקומען ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, איז ער אַוועק מקבל-פנים זיין איהם.

ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ווי זיי זיצן אַזוי און רעדן, קומט-אָן פון פעטערבורג אַ רייטער און דערלאַנגט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע אַ שטאַפעט פון ניקאָלאַיען. ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האָט גענומען דעם שטאַפעט, באַקוקט איהם פון אַלע זייטען און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

רופט זיך אָב גראַף פּאָטאָצקי:

—פאַרוואָס לייענסטו נישט דעם שטאַפעט? כבוד-המלכות פּאָדערט, מען זאָל אַ קיסר׳ליכען שטאַפעט גלייך עפענען.

ענטפערט איהם ר׳ משה מאָנטעפיאָרע:

—איך קאָן דעם שטאַפעט נישט אָב׳חתמ׳ענען, ווייל אום שבת איז שטרענג פערבאָטען צו טון וועלכע נישט איז מלאכה.

נעהמט גראַף פּאָטאָצקי דעם שטאַפעט און וויל איהם אויפ חתמ׳ענען, נאָר ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האַלט איהם אָב און זאָגט:

—דו ביסט אַ גרויסער האַר און דערצו מיין גאַסט. קאָן איך נישט דערלאָזען, אַז דו זאָלסט דערנידעריגען דיין כבוד און עפענען מיינע בריף.

רופט אַריין גראַף פּאָטאָצקי זיינעם אַ דינער און הייסט איהם עפענען דעם שטאַפעט. און ווי נאָר דער דינער האָט איהם אויפגעעפענט, איז ער אויפ׳ן אָרט געפאַלען אַ טויטער, ווייל דער שטאַפעט איז געווען פול מיט אַ שטאַרקען סם.

ווי ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האָט דאָס דערזעהן, האָט ער גלייך געהייסען שפּאַנען און אום שבת אַוועקגעפאָהרען. קומענדיג אַהיים, איז ער גלייך אַוועק צו דער מלכה, איז איהר בעפאַלען צו די פיס און דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. די מלכה איז שטאַרק אין כעס געוואָרען און אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט ניקאָלאַיען.

דערפון האָט זיך אָנגעהויבען דער סעוואַסטאָפּאָלער קריג.

# מסירת נפ״ש.

## א.

—וואָס וויל איך? איך וויל, איהר זאָלט ריידען קלאָרע רייד, גאַנצע ווערטער! איך וויל, איהר זאָלט מיר בעווייזען, אין וואָס בעשטעהט אייער יודישקייט! אָט, וואָס איך וויל!

אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ פּנים פון אַ מיטעלאַלטערישען אַסקעט, מיט אַ שוואַרצער באָרד, שוואַרצע ברענענדיגע אויגען און נערוועזע בעוועגונגען, האָט אַרויסגעשאָסען די ווערטער הויך, ענטשידען, און אַרומגעקוקט די גאַנצע סביבה מיט אַ בליק פון דרייסטען אַרויסרוף.

ווי אַנ׳ענטפער אויף זיינע רייד, האָבּען זיך דערהערט אויסגעשרייען:

—טענצער! פערדרעהטער מח! פאַר דיין שאלה ביזטו דאָך ווערט מען זאָל דיך קורע כדג זיין! ווי געפעלט אייך אַ שאלה: „אין וואָס בעשטעהט אונזער יודישקייט?”

—אונזער יודישקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר זענען אַזוינע, ווי אַלע יודען פון ששית ימי בראשית, פון מתן תורה אָן!

—אונזער יודישקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר זענען

מקיים אַלץ, וואָס גאָט האָט אונז געבאָטען!

דער שוואַרץ-בערדיגער איז ביי דער לעצטער פראַזע אויפ-געשפרונגען פון אָרט.

—אָ! אָט דאָס נאָר האָב איך געוואָלט פון אייך הערען! דאָס האָב איך געדאַרפט!—האָט ער אויסגעשריען מיט אַ טאָן פון נצחון—איצט האָט איהר אַליין בעוויזען, וואָס פאַר אַ יודען איהר זייט. „איהר זייט מקיים אַלע געבאָטען!" ווער איז מקיים אַ גע-באָט? אַ שכר-יום, אַ קנעכט, אַן'עבד כנעני! די, וואָס מאָהנען גע-צאָהלט פאַר זייער דיענסט אָדער האָבען מורא פאַר דעם בעל-הבית'ס שטעקען.

—אָבער וואָס-זשע ווילסטו? וואָס? וואָס? וואָס?

—וואָס וויל איך? איך וויל וויסען, וואו איז אייער נשמה? וואו איז אייער ברען, וואו איז אייער התלהבות? וואו איז אייער מסירת נפש? וואו?

דער וכוח איז פאָרגעקומען ביים אַלטען ר' לייוויק'ן אין זיין רייך צוגעקליבענעם, אויפ'ן יודישען שטייגער, זאַל. ר' ליי-וויק, דער גרעסטער גביר אין שטאָדט, האָט געהאַט אַ שם פון אַ לאַנד-חכם, האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויסען ירא שמים און געווען דערביי אַ האַרטער מתנגיד. ער האָט אויסגעגעבען דאָס לעצטע אייניקעל, און אויף דער חתונה איז זיך צונויפגעפאָהרען די גאַנצע משפחה, די זיהן, אייניקלעך, פעטערס און אַנדערע קרובים,—אַלץ שטרענגע מתנגדים, פרומאַקעס, בעלי-תורה. אַלע מיט אַ הדרת-פנים, שטאַטיגע, זאַטע מיט זיכערע און קאָנטענטע פנימ'ער, מיט דיקע בייכער, מיט אַן'אויסזעהן פון מענשען, וואָס טרעטען קיינעם נישט אָב דעם וועג. צווישען זיי האָט זיך גע-פונען ר' לייוויק'ס אַ פלימעניק, אַ פייערדיגער חסיד. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געשאַמפערט דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם פון די מתנגדים. נאָך דער חופה-וועטשערע האָט ער זיי אַלעמען אַרויס-גערופען אויף אַ וכוח. יענע האָבען אָנגענומען דעם אַרויסרוף.

דעם חסיד'ס לעצטע ווערטער האָבען דערוועקט ביי די מתנגדים אַ טיעפען צאָרן:

—וואָס פאַר אַ ברען דאַרפסטו? וואָס פאַר אַ התלהבות?—

האָט אויסגעשריען אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויסער פונאַנדערגע־קעמטער באָרד, מיט אַ ברייטען זיידענעם גאַרטעל אויפ'ן דיקען אויסגעשטעלטען בויך,—דו ביזט פון זינען אַראָב!

—איהר ווייסט, וואָס ביי איהם הייסט „ברען", „התלהבות",

—האָט זיך אָבגערופען נאָך איינער, אַ יונגערער,—שפּרינגעניש אין דאַווענען, קוויטשען און קנאַקען מיט די פינגער! אָט אין דעם בעשטעהט זיין מסירת-נפש. און אַז אַ יוד פערברענגט דאָס גאַנצע לעבען על התורה ועל העבודה, איז דאָס איהם ווייניג.

—ווייניג!—האָט אויסגעשריען איינגעשפּאַרט דער חסיד,—תורה און עבודה איז מיר ווייניג! עס איז קאַלט! נישטאָ אין דעם קיין נשמה, קיין אמת'ער מסירת-נפש!

—ווייטער מסירת־נפש! וואָס פאַר אַ מסירת-נפש דאַרפסטו, וואָס?

—וואָס פאַר אַ מסירת-נפש עס זאָל נישט זיין, נאָר אין איהם זאָל ליעגען אַ התלהבות, אַ גרייטקייט מקריב זיין דאָס לע־בען. און ביי אייך, מתנגדים, איז עס נישטאָ. איהר זענט נישט מסוגל דערצו.

—ער איז אַראָב פון זינען! משוגע, ר"ל!

—לאָזט מיך צו איהם,—האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ רוהיגער, אַ ביסעל מידער קול פון ר' לייוויק'ן, וואָס איז אַריינ־געקומען אין מיטען וכוח און אַ ווייל'ע זיך צוגעהערט פון דערווייטען.

דערזעהן דעם בכבוד'יגען זקן, דעם זיידען, האָט מען גע־מאַכט אַ וואָרע דורכצולאָזען איהם אין מיטען רעדעל.

ר' לייוויק, מיט אַ ברייטער דורכזיכטיגער זילבערנער באָרד, וואָס האָט פערדעקט די גאַנצע ברוסט, מיט געדיכטע גרויע ברע־מען, פון אונטער וועלכע ס'האָבען אַרויסגעקוקט קלוגע לעבהאַפ־טע אויגען, איז מיט מידע טריט אַריין אין רעדעל און איבער־גע'חזר'ט:

—לאָזט מיך צו איהם. איך וועל פּרובען מיט איהם אַנ־דערש ריידען. איך פערשטעה, וואָס ער וויל, און ער וועט מיך אויך פערשטעהן.

פראָבלאָזענדיג זיך אין ברייטען פאָטעל, האָט ער אַ קוק

געטון אויפ'ן חסיד מיט אַ רוהיגען, פאָרשענדען בליק און געזאָגט:

—אויף וויפיל איך האָב דיך פערשטאַנען, רעכענסטו, אַז אַ מתנגד קאָן זיין אַ גרויסער למדן, אַ ירא שמים, אפילו אַ צדיק תמים, נאָר ער איז נישט מסוגל אויף מסירת-נפש? יאָ? אַזוי האָב איך דיך פערשטאַנען?

—יאָ! אַזוי!—האָט געענטפערט דרייסט דער חסיד.

—אויב אַזוי, טאָ הער-זשע, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען. נאָר איך וויל, דו זאָלסט מיך אויסהערען מיט קאָפּ!

—איך וועל אייך אויסהערען מיט קאָפּ—האָט איינגעשטימט דער חסיד.

ר' לייוויק האָט פערנומען אין האַנד די גאַנצע פונאַנדער-געקעמטע באָרד, האָט זי דורכגעלאָזט דורך דער האַנד און אָנ-געהויבען:

—זאָג מיר, האָסט עפּיס געהערט וועגען ר' איטשעלע מאָ-נאַסטירשצינער!*).

—ניין, נישט געהערט!

—עס פערשטעהט זיך! ווי קומט ער צו וויסען וועגען ר' איטשעלע מאָנאַסטירשצינער!—האָבען זיך דערהערט איראָנישע אויסגעשרייען—אַט, ווען מען זאָל ביי איהם פרעגען וועגען עפּיס אַ חסידישען קונצענמאַכער, אַ טעַנצער, וואָלט ער וועגען איהם דערצעהלט גאַנצע בערג מיט מופתים. און וועגען ר' איטשעלען איז ער דען מחויב עפּיס צו וויסען?

—שאַ! טומעלט נישט! לאָזט מיך אַליין מיט איהם ריידען—האָט זיי אָבגעשטעלט ר' לייוויק.

דער חסיד האָט זיך אָנגעלעהנט אָן הויכען ווענטעל פון אַ שטוהל און צוגעגרייט זיך אויפמערקזאַם הערען. זיינע געגנער האָבען ענג אַרומגערינגעלט ר' לייוויק'ן, און אויף זייערע פנימ'-

---

*) אַזוי האָט מען גערופען דעם בעהאוסטען גביר און שתדלן ר' יצחק זאַקינד פון סמאָלענסק, געבוירען אינ'ם שטעדטעל מאָנאַסטירשצינע (געשטאָרבען אין 1880,—97 יאהר אַלט).

ער האָט זיך אויסגעדריקט די טיפסע איבערצייגונג, אַז ר׳ לייוויק וועט מנצח זיין דעם חסיד.

ר׳ לייוויק איז אַ ווײַלע געזעסען שווייגענדיג, פערטיפט אין די ערינערונגען פון ווייטען עבר, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען לאַנגזאַם, ווי מען דערצעהלט אַ מעשה:

## ב.

—„ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער, זכרונו לברכה, איז געווען אַ שטרענגער מתנגד. קיין מורא׳דיגער למדן איז ער נישט געווען, נאָר געווען שטאַרק פרום. געפיהרט האָט ער די גרעסטע געשעפטען, געהאַלטען פּאָדריאַדען פון קאַזנאַ און געווען אַ גרויסער עושר. זיין פערמעגען האָט מען געשאַצט אין פינף מאָל ת׳ אלף רובל אַסיגנאַציעס. ר׳ איטשעלעס נאָמען האָט געקלונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אויף צעהן גובערניעס, אויף הונדערטער מייל אַרום. און בעקומען האָט ר׳ איטשעלע אַזאַ שם נישט פאַר זיין גביר׳שאַפט, אפילו נישט פאַר זיין צדקה, נאָר בלויז פאַר זיין גרייטקייט צו געהן אויף מסירות-נפש פאַר׳ן כלל-ישראל. האָט נאָר וואו געטראָפען אַן אומגליק, אַ גזירה, אַ בלבול—האָט מען געוואוסט, אַז מען דאַרף, קודם-כל, לויפען צו ר׳ איטשעלע׳ן—און ער האָט קיינעם נישט אָבגעזאָגט איבערהויפט האָט ער אַרויסגעוויזען זיין מסירת-נפש ביי דער „אַמטשיסלאַווער גזרה״.

„בשעת די אַמטשיסלאַווער מעשה איז געשעהן, האָט ר׳ איטשעלע געוואוינט אין סמאָלענסק. ער איז דעמאָלט שוין געווען אַ גביר אדיר און געלעבט ווי אַ מאַגנאַט. ביי איהם זענען געווען צעהנדליגער משרתים, הונדערטער משולחים, אַרום איהם האָבען זיך געריבען אָהן אַ צאָהל יורדען—און אַלע האָבען געלעבט און געשפּייזט געזינדען. אַ האַנד האָט ער געהאַט אַ ברייטע און נישט געזשאַלעוועט קיין געלד אויף אַ דבר מצוה. אין שטוב ביי איהם האָט מען געגעסען אויף זילבער און גאָלד. מען האָט אפילו געזאָגט, אַז ביי איהם זענען געווען זילבערנע פאָ־

מאָיניצעס. ער האָט געהאַט פיעל פערד און קאַרעטעס און פלעגט אַרויספאָהרען, ווי אַנ׳אמת׳ער מאַגנאַט.

„איינמאָל, אין שטאָק-נאַכט, אַז אַלע זענען געשלאָפען, האָט זיך דערהערט אין טויער אַ שטאַרקע קלאַפעריי, אַז אַלע דיענער האָבען זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק אין געמיינט, אַז עס איז אַ שריפה אָדער אַנ׳אַנדער אומגליק. איינער פון די דיענער איז געלאָפען עפענען דעם טויער. דאָרט האָט ער געטראָפען אַנ׳אַלטען מאַן, אַ הויכען, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, אין אַ שטריימעל. און, ווי נאָר דער זקן האָט דערזעהן דעם דיענער, האָט ער אָנגעהויבען ריידען מיט גרויס היץ:

—„וועק-אויף די רגע ר׳ איטשעלע׳ן. עס געהט וועגען דעם לעבען און טויט פון אַ גאַנצער יודישער קהלה!... מען טאָר קיין רגע נישט פערלירען!

„דערהערט אַזעלכע רייד פון אַנ׳אַלטען מאַן אין אַ שטריימעל, האָט דער דיענער פערשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין קליינינגקייט. ער האָט אַריינגעפיהרט דעם גאַסט אין הויז און אַליין אַוועק צו ר׳ איטשעלע׳ן אין שלאָף-צימער, האָט איהם אויפגעוועקט און דערצעהלט, וואָס עס האָט פּאַסירט. ר׳ איטשעלע איז אויפגעשטאַנען, געשווינד אָנגעטון זיך, אַרויס צום גאַסט, געגעבען איהם שלום און געפרעגט, וואָס אַזוינס איז געשעהן. און דער אַלטער מאַן האָט דערצעהלט.

—„איך בין דער רב פון אַמטשיסלאַוו*), און אונזער קהלה האָט מיך געשיקט צו אייך, בעטען, איהר זאָלט זי ראַטעווען פון אַ מורא׳דיגען אומגליק... מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט זיך אויפ׳ן מאַרק צוקריעגט אַ סאָלדאַט מיט אַ יודענע. די קריעג איז אַריבער אין אַ געשלעג. עס זענען אָנגעלאָפען סאָלדאַטען (ביי אונז אין שטעדטיל שטעהט אַ פּאָלק), זענען זיך צונויפגעלאָפען אויך יודען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מהומה. מיטאַמאָל, מען ווייס נישט פון וואַנען, האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און איינער פון די סאָלדאַטען איז געפאַלען אַ טויטער. אַלעמען האָט

*) מסטיסלאַוול.

אָנגעכאַפּט אַ שרעק. עס זענען זיך באַלד פונאַנדערגעלאָפען אי ד׳ יודען, אי די סאָלדאַטען. ביי דער אויספאָרשונג האָט מען, פערשטעהט זיך, די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפען אויף די יודען און גלייך געשיקט אַ שטאַפעט קיין פעטערבורג צום קיסר, אַז יודען זענען אָנגעפאַלען אויף סאָלדאַטען, געשלאָגען זיי און איי-נעם דער׳הרג׳עט צום טויט. בקצור,—יודען זענען בעגאַנגען אַ מרידה במלכות, רחמנא לצלן! נעכטען איז אָנגעקומען צוריק פון קיסר אַ שטאַפעט מיט׳ן בעפעהל: אויסשטעלען אויפ׳ן מאַרק אַלע יודען, מנער ועד קטן, דעם צעהנטען אָבגעבען אין סאָלדאַטען, מעג ער זיין דריי יאָהר אָדער אַכציג יאָהר אַלט, דעם פינפטען דאָ גופא אויפ׳ן מאַרק שמייסען אָהן רחמנות און, ווי אַ הוספה, אַוועקשטעלען אויף אַ האַלב יאָהר אין אַלע יודישע הייזער אַ שווערען „פאָסטאָי״ פון סאָלדאַטען. קורץ גערעדט—אַ תל פון אַ גרויסער יודישער קהלה! מען האָט, פערשטעהט זיך, קודם-כל אַ וואָרף געטון זיך אין די שולען, געוויינט, געבעטען, גוזר-תענית געווען. מען האָט צונויפגערופען אַנ׳אסיפה. עטליכע אָנגעזעהענע בעלי-בתים זענען אַוועק צו די שררות פון שטאָדט און האָבען מיט גרויס מיה און פאַר אַ גרויסער מתנה גע׳פועל׳ט, מען זאָל אויף אַ וואָך-צוויי אָבלעגען דאָס אויספיהרען פונ׳ם גזר-דין. די אסיפה, ווירער, האָט בפה אחד אָנגענומען, איך זאָל גלייך פאָה-רען צו אייך בעטען, איהר זאָלט זיך שטעלען פאַר אונז. פרי-הער גאָט, דערנאָך איהר. ביי אייער בעקאַנטשאַפט אין די הוי-כע פענסטער, קאָנט איהר אַלץ פועל׳ן. און אָט בין איך געקו-מען צו אייך, ר׳ איטשעלע. ראַטעוועט אונזער קהילה פון דער שרעקליכער גזירה, און די גרויסע מצוה וועט אייך ביישטעהן, וואו איהר וועט זיך קעהרען און ווענדען...

„אַזוי האָט דערצעהלט דער רב. זיין קול האָט געציטערט און טרעהרען האָבען זיך ביי איהם געגאָסען פון די אויגען.

—„רבי! זענט איהר זיכער, אַז מען האָט אויף די יודען געמאַכט אַ בלבול, אַז זיי זענען נישט שולדיג אין סאָלדאַטס בלוט?

—„איך בין זיכער, ר׳ איטשעלע. בערעכענט נאָר, ווי-

אזוי האבען יודען געקאנט איהם שיסען? וואו האבען יודען געוועהר?

—„כונדעסטוועגען וואלט איך וועלען, איהר זאלט מיר שווערען, אז אויף די יודען איז נישטא דעם סאלראטס בלוט.

„דער רב איז אויפגעשטאנען און ארומגעקוקט זיך. ר' איטשעלע האט פערשטאנען, וואס ער זוכט, און אריינגעפיהרט איהם אין צווייטען חדר, וואו עס איז געשטאנען א ארון-קודש. דער רב האט ארויסגענומען א ריינינגקייט און אויף איהר געשוואוירען, אז יודען זענען ריין פונ'ם סאלדאטס בלוט.

„מעהר האט ר' איטשעלע נישט געפרעגט, האט צוגערופען א דיענער, געהייסען שפאנען פיר פון די בעסטע פערד אין א קארעטע און א זאג-געטון צום רב:

—„רבי, מיר פאהרען קיין פעטערבורג.

„אין דעמזעלבען פריהמארגען זענען זיי אבגעפאהרען.

„פון סמאלענסק קיין פעטערבורג איז א מהלך פון זעקס הונדערט וויארסט, און זיי זענען דאס דורכגעפאהרען אין דריי מעת-לעת. מען איז נישט געפאהרען, נאר געפליגען, ווי א פייל פון בויגען.

„ר' איטשעלע איז געפאהרען קיין פעטערבורג נישט גלאט אזוי, אין דער וועלט אריין. ער האט געהאט א צוטריט צו די גרעסטע שררות און געווען אויסגעבונדען מיט דעם גרעסטען מיניסטער קוקרינ'ען*). קוקרין האט איהם זעהר ליעב געהאט, אנדערש נישט אנגערופען, ווי „מיין איצקע", פלעגט איהם אבגעבען קאזיאנע פאדריאדען און האט פון איהם שטארק געהאלטען. ער פלעגט אפילו אפט מיט איהם מישב זיין זיך וועגען די וויכטיגסטע מלוכה-ענינים.

„אין פעטערבורג איז ר' איטשעלע פערפאהרען אין אנ'אכסניה, האט דארט געלאזען דעם רב און אליין אוועק צו קוקרינ'ען. קוקרין האט איהם, פערשטעהט זיך, אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אריינגעפיהרט אין שענסטען זאל, אוועקגעזעצט און

---

*) קאנקרין, פינאנץ-מיניסטער ביי ניקאלאי דעם 1-טען.

געפרעגט, וואָס ער בײַגעהערט? ר׳ איטשעלע האָט איהם דער-צעהלט די גאַנצע מעשה און געבעטען, ער זאָל בעהילפיג זיין, אַז די גזרה זאָל אָבגעשאַפט ווערען.

„קוקרין האָט אויסגעהערט ר׳ איטשעלען, האָט שטאַרק פער-קנייטשט דעם שטערען און געזאָגט:

—„הער, איצקע! דו ווייסט דאָך, אַז פון דיינעטוועגען בין איך גרייט צו טון ׳אַלץ אין דער וועלט. נאָר אין דעם ענין קאָן איך דיר נישט העלפען. דער קיסר איז מלא אף וחימה. ער וויל וועגען אַמטשיסלאַווער מעשה נישט הערען, און קיינער וועט זיך נישט וואָגען דערמאָנען איהם וועגען דעם.

„נאָר ר׳ איטשעלע איז נישט געווען קיין בטלן, און דער ענטפער האָט איהם נישט איבערגעשראָקען. ער האָט געוואוסט, ווי מען דאַרף רעדען מיט שררות און מאַגנאַטען.

—„אַדוני קוקרין!—האָט ער אַ זאָג געטון—דאָס איז פאַר מיר קיין ענטפער נישט. דו מוזט ראַטעווען די אַמטשיסלאַווער קהלה. און, אויב דו ווילסט נאָר וועלען, וועסטו דאָס קאָנען אויס-פיהרען. און, אויב דו וועסט דאָס אויספיהרען, בין איך דיין בעל-חוב אויף דורי דורות!... דו פערשטעהסט מיך?

„יוען קוקרין האָט דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט ער זיך געלאָזט אומגעהן איבער׳ן זאַל און טראַכטען. אַ היבשע ווייַ-לע געטראַכט, נאָכדעם אָבגעשטעלט זיך פאַר ר׳ איטשלען און אַ זאָג-געטון:

—„דער איינציגער, ווער עס וואָלט געקאָנט העלפען, איז דער נאַסלעדניק. ער איינער קאָן זיך וואַגען צוטרעטען צום קיסר וועגען דעם ענין. איך וועל פרובען רעדען מיט דעם נאַסלעדניק. ער איז אַנ׳אוהב-ישראל, אפשר וועט ער זיך אָננעהמען פאַר די אַמטשיסלאַווער יודען. מאָרגען וועל איך דיר געבען אַ תשובה.

„מיט דעם איז ר׳ איטשעלע פון איהם אַוועקגעגאַנגען.

„דעם זעלבען טאָג אין אָוונד, ווי ר׳ איטשעלע האָט נאָר אָבגעדאַווענט מעריב, קומט מיט אַמאָל צו איהם אויף דער אכסניה קוקרין אַליין, בכבודו ובעצמו, געהט אַריין אין שטוב און זאָגט פרעהליך:

—„נו, איצקע! איהר האָט אַ גרויסען גאָט! דער נאַסלעדניק האָט אייגגעוויליגט צו רעדען מיט'ן קיסר. נאָר פריהער וויל ער זיך זעהען מיט דיר און מיט'ן רב. מאָרגען דריי אַ זייגער קומט צו מיר. איך וועל אייך אָבפיהרען אין קיסר'ס פּאַלאַץ און פאָר-שטעלען דעם נאַסלעדניק.

„עס איז גרינג צו פערשטעהן, וואָס ר' איטשעלע און דער רב האָבען איבערגעלעבט די נאַכט. זיי האָבען די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און תּפילה געטון. אויף מאָרגען האָ-בען זיי געפאַסט. איינדערפריה האָבען זיי זיך טובל געווען, אָנ-געטון ריינע וועש, בקצור—צוגעגרייט זיך. אין דער בעשטימטער שעה זענען זיי אַוועק צו קוקרינ'ען. ער האָט זיי אין זיין קאַ-רעטע אָבגעפיהרט אין קיסר'ס פּאַלאַץ און, פּאָהרענדיג געלערנט, ווי מען דאַרף שטעהן פאַר'ן נאַסלעדניק.

„אין פּאַלאַץ האָט ער זיי אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען זאַל, וואָס איז געווען בעצירט מיט גאָלד און זילבער, האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף איין אָרט און געהייסען וואַרטען. און אַליין איז ער אַוועקגעפאָהרען.

„ר' איטשעלע און דער רב זענען געבליבען אין זאַל. און דער זאַל איז פול מיט מיניסטאָרען און גענעראַלען, סענאַטאָרען און גראַפען, און אַלע שטעהען שטיל, „נאַ וויטיאַזשקו”. און ביי די טהירן שטעהען צו צוויי סאָלדאַטען מיט בלויזע שווערדען. און אויך ר' איטשעלען איז אָנגעפאַלען אַ גרויסער פּחד.

„ער האָט זיך אומגעקוקט אויפ'ן רב, זעהט ער, דער רב איז גאָר צו'אַנדערער געוואָרען. פריהער איז ער געווען אַנ'איינ-געבויגענער, אַ פערזאָרגטער, און איצט שטעהט ער אויסגעגלייכט. די באָרד איז ביי איהם ווי לענגער געוואָרען, דאָס פּנים בלייך, ווי קאַלך, אָבער אַ רוהיגער, און אין די אויגען לייכט זיך אַ התלהבות, ווי ביי אַ מענשען, וואָס האָט זיך אָבגעשיידט פון דער וועלט. און די ליפּען בעוועגען זיך שטיל. נאָך אַ גרעסערער פּחד איז אָנגעפאַלען אויף ר' איטשעלען, און ער האָט שטיל אַ פרעג געטון דעם רב:

—„רבי, איהר זאָגט ודוי?

„דער רב האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, האָט ר׳ איטשע־לע אויך אָנגעהויבען זאָגען ודוי.

„מיט אַמאָל האָט זיך פונאַנדערגעפּענט די טיר פון נאַ־סלעדניקס פּאָקאָיעס, און אַנטקעגען. אין צווייטען חדר, האָט זיך ווידער געעפענט אַ טיר, און ווייטער אין דריטען חדר, אין פיר־טען. אַזוי האָבען זיך געעפענט צוואַנציג טירען פון צוואַנציג חדרים, איינע נאָך די אַנדערע. און, ווען די צוואַנציגסטע טיר האָט זיך געעפענט, האָט זיך אין איהר בעוויזען דער נאַסלעדניק. ער איז געווען אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין גאָלד, און אויפ׳ן קאָפּ איז ביי איהם געווען אַ גילדענע קרוין.

„דער נאַסלעדניק האָט זיך געלאָזט געהן דורך די צוואַנ־ציג חדרים צום זאַל, וואו ר׳ איטשעלע און דער רב זענען גע־שטאַנען. אין אָנהויב האָט ער אויסגעוויזען קליין. נאָר, וואָס נעהנטער ער איז געקומען, איז ער געוואָרען אַלץ העכער, אַלץ גרעסער, אַלץ אימה׳דיגער.

—„ר׳ איטשעלע! ער ריהרט נישט אָן מיט די פיס די ערד, —האָט שטיל אַרויסגערעדט דער רב.

„און ר׳ איטשעלע האָט אויך דערזעהן, אַז דער נאַסלעד־ניק שוועבט, נישט אָנריהרענדיג מיט די פיס אָן די פּאָדלאָגע, ביי ר׳ איטשעלען האָט פערכאַפּט דער אָטעם, איהם איז פינ־סטער געוואָרען אין די אויגען...

„און דער נאַסלעדניק קומט אַלץ נעהנטער, נעהנטער.

—„ברוך אתה ה׳ אלקנו מלך העולם שחלק מכבודו לבשר ודם! —האָט אַרויסגערעדט ר׳ איטשעלע, און געפאַלען חלשות.

## ג.

ר׳ לייוויק האָט אָבגעעטעמט, אַ ווילע געשוויגען און דער־צעהלט ווייטער:

„ווען ר׳ איטשעלע איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך גע־פונען אין אַ בעט אין זעהר אַ רייכען חדר, און אַרום איהם זע־

נען געשטאַנען די גרעסטע דאָקטוירים און געגעבען איהם שמע־קען די שטאַרקסטע רפואות. האָט זיך ר׳ איטשעלע דערמאָנט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. אַ קליינינקייט, פאַלען אין חלשות פאַר׳ן פנים פון נאַסלעדניק! נאָר מעהר פאַר אַלץ האָט איהם וועה געטון דאָס האַרץ, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט דעם נאַסלעדניק זיין בקשה און דורך דעם קאָן, חס ושלום, אומקומען אַ יודישע קהלה. פון גרויס קלעמעניש האָט ער זיך צעוויינט. אין דער צייט קומט אַריין אין חדר קוקרין, אַ פּרעהליכער, און זאָגט:

—„האָסט נישט וואָס צו וויינען, איצקע! אייער גאָט האָט זיך ווידער אָנגענומען פאַר אייך. אַלץ איז אויסגעקומען צו גוּ־טען. דער נאַסלעדניק איז געוועזען געריהרט, וואָס דו ביזט געפאַ־לען חלשות. ער האָט וועגען דעם דערצעהלט דעם קיסר און דער קיסר האָט געזאָגט: „אַ מענש, וואָס פאַלט חלשות, זעהענדיג דאָס פנים פון אַ בן מלך, וועט נישט לייגען. ברענגט איהם צו מיר!״ און, ווי נאָר דו וועסט זיך שטעלען אויף די פיס, וועל איך דיך פאָרשטעלען דעם קיסר, און דו וועסט איהם אַליין וועגען אַלץ דערצעהלען.

„צוויי טעג איז ר׳ איטשעלע אָבגעלעגען אין בעט און דאָקטוירים האָבען געהאַלטען אין איין געבען איהם טראָפּענס צו שטאַרקען דאָס האַרץ. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט איהם קוקרין אָבגעפיהרט צום קיסר...

„וואָס שייך דעם רב, האָט דאָס בעגעגעניש מיט׳ן נאַ־סלעדניק אַזוי געווירקט אויף איהם, אַז ער איז קראַנק געוואָרען, און ר׳ איטשעלע האָט איהם אויף זיינע פערד אָבגעשיקט אַהיים.

„ווי ר׳ איטשעלע האָט שפּעטער דערצעהלט, האָט ער זיך פאַר׳ן קיסר אַ סך מעהר דערשראָקען, ווי פאַר׳ן נאַסלעדניק. אי־בערהויפּט האָט ער זיך דערשראָקען פאַר זיין בליק. עס איז דאָך ידוע, אַז ביי ניקאָלאַיען איז געוועזען אַזאַ בליק, פון וועל־כען די שטאַרקסטע מענשען פלעגען פאַלען חלשות און מעוברות׳ע ווייבער פלעגען מפּיל זיין. ווען נישט די שטאַרקע טראָפּענס, וואָלט ר׳ איטשעלע געוויס נישט אויסגעהאַלטען.

„ווי נאָר ניקאָלאַי האָט דערזעהען ר׳ איטשעלען, האָט ער מיט כעס אויסגעשריען:

—„ווי אַזוי האָט איהר, זשידעס, זיך געוואַגט הרג׳ענען מיינעם אַ סאָלדאַט!

„ר׳ איטשעלע האָט זיך טיעף-טיעף פערנויגט און געענט-פערט:

—„אדוני המלך! יודען זענען נישט שולדיג אינ׳ם בלוט פון דיין סאָלדאַט. מען האָט אויף זיי געמאַכט אַ בלבול.

—„מיר האָט מען פאָרגעשטעלט, אַז יודען האָבען איהם גע׳הרג׳עט. איך גלויב מיינע טשינאָווניקעס.

—„אַדוני המלך!—האָט ווידער געזאָגט ר׳ איטשעלע,—דיינע טשינאָווניקעס זענען נישט מעהר, ווי מענשען, און קאָנען אַ טעות האָבען. שיק פון זיך אַ גרויסען גענעראַל, ער זאָל אויפ׳ן אָרט אויספאָרשען די זאַך, און דער אמת וועט זיך אַרויסווייזען.

„דער קיסר איז אַ ווייל אַרומגעגאַנגען איבער׳ן חדר פערטראַכט און געשוויגען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר ר׳ איטשעלען, אַ קוק געטון איהם גלייך אין די אויגען, אַז ביי איהם איז דאָס בלוט פערגליווערט געוואָרען אין די אָדערן, און געפרעגט:

—„און וואָס וועט זיין, ווען דער גענעראַל, וועלכען איך וועל שיקען, וועט אויך געפינען, אַז די יודען האָבען גע׳הרג׳עט דעם סאָלדאַט? מיט וואָס וועסטו ענטפערן דערפאַר, וואָס דו האָסט אָבגענאַרט מיך, דיין קיסר?

—אַדוני המלך!—האָט איהם דערויף געענטפערט ר׳ איטשע-לע,—מיט וואָס קאָן איך, נידריגער וואָרים, ענטפערן פאַר דיר, אַלמעכטיגער קיסר? נאָר, ווען דו פרעגסט, מוז איך דיר ענט-פערן. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז איך האָב דיך, מיין קיסר, אָבגענאַרט, לעג איך אַרויף אויף זיך אָט די שטראָף: איך האָב מיין אייגענס פינף מאָל ת׳ אלפים רובל—נעהם צו דאָס אַלץ ביז איין פרוטה אין קאַזנאַ. ווייטער, האָב איך זיבען זיהן—בעפעהל אָבגעבען זיי אַלעמען אין סאָלדאַטען. און מיך אַליין בעפעהל צו שמיעדען אין קייטען און פערשיקען קיין סיביר.

„דער ענטפער איז, ווייזט אויס, געפעלען געוואָרען דעם קיסר. ער איז זיך ווידער דורכגעגאַנגען איבער'ן חדר, איז צו-געגאַנגען צו ר' איטשעלען, אַרויפגעלעגט איהם די האַנד אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

—„פאָהר אַהיים. נאָך היינט שיק איך אַרויס קיין אַמטשי-סלאַוו אַ געגעראַל אויספאָרשען די זאַך, און, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז יודען זענען באמת אונשולדיג, וועט פון זיי די שטראָף אַראָבגענומען ווערען. זיי וויסען, אַז פאַר מיין הערשאַפט האָט נאָך נישט געטראָפען, אַז אַנ'אונשולדיגער זאָל בעשטראָפט ווערען.

„נו, וואָס איז דאָ ווייטער צו דערצעהלען? קיין אַמטשי-סלאַוו איז אַוועקגעפאָהרען אַ גרוסער געגעראַל, איז דאָרט אָב-געזעסען דריי וואָכען, האָט הוקר ודורש געווען די גאַנצע מעשה און קלאָר געמאַכט, אַז ביי אַ סאָלדאַט האָט אומגערן אויסגעשאָ-סען אַ ביקס און גע הרג'עט אַ צווייטען סאָלדאַט. די שטראָף איז פון די יודען אַראָבגענומען געוואָרען, און זיי האָבען בעשטימט אויף דעם טאָג אַ יום-טוב לדורי דורות. דער יום-טוב קומט-אויס אינ'ם טאָג פון יאָהרצייט נאָכ'ן רב. קומענדיג אַהיים, האָט ער געצויגען נאָך אַ חודש און איז געשטאָרבען. פאַר'ן טויט האָט ער זיך צעוויינט, וואָס ער איז נישט געשטאָרבען אין פּאַלאַץ פאַר'ן נאַסלעדניק: „דעמאָלט וואָלט איך דאָך געשטאָרבען על קדוש השם",—האָט ער גע'טענה'ט."

## ד.

ר' לייוויק האָט געענדיגט דערצעהלען און אַנטשוויגען גע-וואָרען. געשוויגען האָבען אויך די אַרומשטעהענדע. נאָכדעם האָט ר' לייוויק אויפגעהויבען דעם בליק, אַ קוק געטון אויפ'ן חסיד און אַ פרעג געטון:

—נו?

—נו?—האָבען זיך אָנגערופען אין איין קול די מתנגדים.

דער חסיד האָט רוהיג, מיט אַ זיכערן בליק בעקוקט אַלע-מען און זיך געווענדעט פון זיין צד צו ר׳ לייוויק׳ן מיט דער-זעלבער פראַגע:

—נו?

דאָס האָט אַלעמען אויסגעוויזען פאַר דער גרעסטער עזות. אפילו ר׳ לייוויק איז ברוגז געוואָרען און געזאָגט מיט רוגזה:

—וואָס פרעגסט דו: „נו?” איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט פערשטעהן, צוליב וואָס איך דערצעהל צוויי שעה די מעשה מיט ד׳ איטשעלע׳ן, מיט אַמאָל פרעגסטו: „נו?”

—איך האָב גוט פערשטאַנען, וואָס איהר האָט דערצעהלט,—האָט געענטפערט דער חסיד,—נאָר איהר האָט מיר גאָרנישט, להלוטין גאָרנישט דערוויזען מיט דער מעשה.

—נישט דערוויזען?

—נישט דערוויזען!... ר׳ איטשעלע האָט, פערשטעהט זיך, געטון אַ גרויסע זאַך, געגאַנגען אויף קדוש השם. נאָר פאַר מיר איז קיין שום ספק נישט, אַז, בשעת ער איז געשטאַנען פאַר׳ן מלך און האָט זיך מוסר נפש געווען מיט התלהבות, איז ער אין דער רגע געווען אַן׳אמת׳ער חסיד. וואָרום, ווען ער וואָלט דאַן זיין אַ מתנגד, פון וואַנען וואָלט זיך ביי איהם נעהמען דער ברען, דאָס מסירת נפש?

# נאָכוואָרט.

די „אמטשיסלאַווער גזירה”, וועלכער איז בעשריבען אין פאָריגער ערצעהלונג, פערנעמט אַ בעזונדער אָרט צווישען די גזירות פון XIX יאָהרהונדערט. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די גזירה איז געווען נישט אַ כלל־יודישע, נאָר בלויז אַן אָרטיגע,

און האָט נאָך זיך נישט געלאָזען קיין בלוטיגען צייכען, האָט זי שטאַרק צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק און אַרום איהר האָבען זיך געשאַפען פיעל לעגענדען. די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס די „אַמטשיסלאַווער גזירה״ איז איינע פון די זעל-טענסטע, וועלכע האָבען געהאַט אַ גוטען פינאַל פאַר יודען. דאָס פאָלק האָט אין דעם איינגעזעהן אַ נס און פערגלייכט עס מיט׳ן נס פון פורים. פאַר דער גזירה האָט מען אפילו איינגעשטעלט לדורי דורות אַ תענית מיט אַ יום-טוב, ווי אסתר תענית און פורים.

אין „אַמטשיסלאַווער גזירה״ האָבען זיך געפונען פיעל עלעמענטען פון „מגילת אסתר״: אַ מלך, אויב נישט אַזאַ טפּוש, ווי אחשוורוש, איז נאָך אַ גרעסערער שונא ישראל, אַ גזירה אויף אַ גאַנצער קהילה יודען, אַ המן (דער גענעראַל ביביקאָוו) און אַ מרדכי, אינ׳ם פערזאָן פון ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער. גע-פעלט האָט נאָר אַנ׳אסתר. און די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט, צוליב אַ פולער אַנאַלאָגיע מיט׳ן נס פון פורים, זי אויך בעשאַפען, אפילו אַרויסגעשטעלט זי, ווי אַנ׳ערציהונגס-קינד פון „אַמטשיסלאַ-ווער מרדכי״.

די לעגענדע דערצעהלט, אַז ביי ר׳ איטשעלע מאָנאַסטיר-שצינער איז געווען אַנ׳ערציהונגס-קינד, אַ פּויליש מיידעל, אַ יתומה, וועלכער׳ס עלטערן זענען אומגעקומען בשעת׳ן פּוילישען אויפשטאַנד פון 1831 יאָהר. ווען דאָס מיידעל איז אויפגעוואַק-סען, איז זי אָנגעקומען אַלס הויז-פערוואַלטערין צום גראַף טאַ-טישטשעוו, וועלכער איז געווען אַ קרוב למלכות. ווען עס האָט זיך געטראָפען די „אַמטשיסלאַווער גזירה״, האָט ר׳ איטשעלע קודם כל געווענדעט זיך צו זיין ערציהונגס-טאָכטער, זי זאָל בעטען טאַטישטשעוו׳ן איינשטעלען זיך פאַר די אַמטשיסלאַווער יודען. נאָר זי האָט געענטפערט, אַז זי קאָן דאָ נישט העלפען, ווייל טאַטישטשעוו איז אַ גרויסער שנא ישראל.—ווירקען אויפ׳ן גראַף,—האָט זי געזאָגט,—קאָן מען נאָר דורך זיין ווייב, וועלכע האָט אַ גרויסע שוואַכקייט צו טייערע צירונג...

איז ר׳ איטשעלע געפאַלען אויף אַזאַ המצאה. ער האָט זיך פערקליידעט פאַר אַ יובעליר-סוחר און אַוועקגעטראָגען דער

גרעפין אַ פּאָר בריליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס זייער ווערט איז געווען 50,000 רובל אַסיגנאַציעס. דערזעהענדיג די אוירינגלעך איז די גרעפין פּערציטערט געוואָרען, אַזוי זענען זיי איהר געפּעלען געווען, זי האָט געפרעגט דעם מקח. ר׳ איטשעלע האָט געענטפערט:

—איך וויל פאַר די אוירינגלעך 5000 רובל. נאָר, אַזוי, ווי דו ביסט אַ פרוי, קאָן איך זיי דיר גישט פערקויפען אָהן דעם הסכם פון דיין מאַן. איך וועל זיי לאָזען ביי דיר, דו זאָלסט זיי ווייזען דיין מאַן. אויב ער וועט איינשטימען זיי צו קויפען, וועל איך אַליין דורכקומען אין מקח מיט איהם.

ווען די גרעפין האָט בעוויזען טאַטישטשעוו׳ן די אוירינגלעך און געזאָגט, אַז דער סוחר פערלאַנגט פאַר זיי בלויז 5000 רובל, האָט טאַטישטשעוו אויסגעשריען:

—דאָס שמעקט מיט שוחד! איך וויל זיי נישט קויפען!

נאָר עס איז נישט אַזוי גרינג בייצוקומען אַ ווייב. די גרעפין איז אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען צו איהם, ביז ער האָט איינגעשטימט זעהען זיך מיט׳ן סוחר.

ווען ר׳ איטשעלע איז געקומען, האָט דער גראַף שטרענג געפרעגט איהם:

—וואָס בעגעהרסטו פון מיר?

—איך בעגעהר,—האָט געענטפערט ר׳ איטשעלע,—דו זאָלסט אויסהערען פון מיר צוויי ווערטער.

—נו, רייד! אָבער נאָר צוויי ווערטער, נישט מער!—האָט איינגעשטימט דער גראַף.

ר׳ איטשעלע האָט איהם דערלאַנגט די אוירינגלעך און געזאָגט:

—נעם, שווייג.*)

---

*) דער עפּיזאָד איז, חייזט אויס; אַריינגעטראָגען אַהער פון איין אַנדער, אויך פּאָפּולערער, לעגענדע, וועגען דער אונטערקויפונג פון אַ שררה. דאָס וואָרט „שווייג" איז דאָ נישט פּאַסיג און איז סותר דעם גאַנצען תוכן פון דער לעגענדע. דאָ האָבען געפּאַסט די ווערטער: „נעם, העלף."

דער גראַף האָט צוגענומען די אויערינגלעך און געזאָגט:

—זיי וויסען, אַז איך בין דער גרעסטער שנא ישראל. נישט אומזיסט הייס איך „טאַטישטשעוו". דאָס איז, ווייל איך שטאַם פון טיטוס הרשע. נאָר וואָס, קאָן איך מאַכען, אַז אייער גרויסער גאָט האָט געזאָגט וועגען אייך: „וגם בהיותם בארץ אויביהם לא מעסתים ולא געלתים לכלותם להפיר בריתי אתם" (אפילו אין זייער זיין אין דאָס לאַנד פון זייערע פיינד, האָב איך זיי נישט פערמיאוסט און נישט פעראַכטעט צו פערלענרען זיי און צו צושטערען מיין בונד מיט זיי). זאָג, מיט וואָס קאָן איך דיר העלפען?

ר' איטשעלע האָט איהם דערצעהלט פון אָנהויב ביז'ן סוף די מעשה מיט דעם אַמטשיסלאַווער בלבול. דער גראַף האָט איהם אויסגעהערט און געענטפערט:

—דער איינציגער, ווער עס קאָן אייך העלפען, אין דער נאַסלעדניק. איך וועל מיט איהם איבעררייידען וועגען דעם.

זויף מאָרגען האָט טאַטישטשעוו גערופען ר' איטשעלען און איהם געזאָגט:

—דער נאַסלעדניק האָט איינגעוויליגט העלפען אייך. נאָר אַזוי, ווי עס איז אונמעגליך ווענדען זיך צום קיסר מיט אַ בקשה וועגען דעם, ווייל ער איז זעהר אויפגעבראַכט אויף די אַמטשי־סלאַווער יודען, האָבען מיר בעשטימט אַזוי צו טון: דער נאַ־סלעדניק וועט זיך פאָרשטעלען, אַז ער איז כלומרשט קראַנק און ־עט זיך לעגען אין בעט. איך וועל זיצען נעבען זיין בעט און פיהרען מיט איהם אַ געשפרעך. ווען דער קיסר וועט קומען איהם געוואָהר ווערען און וועט פרעגען, וועגען וואָס מיר שמוע־סען, וועט דער נאַסלעדניק דערצעהלען דעם גאַנצען אמת וועגען דער אַמטשיסלאַווער מעשה און בעטען, ער זאָל בעגנעדיגען די יודען. און, כדי דו זאָלסט הערען, וואָס דער קיסר וועט ענט־פערן, וועל איך דיך אַוועקשטעלען הינטער דער טיר פון נאַ־סלעדניקס שלאָף-צימער.

און אַזוי איז געוועזען געטאָן. דער נאַסלעדניק האָט זיך פערשטעלט, אַז ער איז קראַנק, געלעגט זיך אין בעט און טאַ־

טישטשעוו האָט זיך געזעצט נעבען איהם. ר׳ איטשעלען האָט ער אַיועקגעשטעלט אין ווינקעל, הינטער דער טיר. אַז ניקאָלאַי איז געקומען געוואָהר ווערען דעם זוהן און געפרעגט, וועגען וואָס ער שמועסט מיט סאַטישטשעוו׳ן, האָט דער גאָסלעדניק איהם דערצעהלט דעם אמת וועגען אָמטשיסלאַווער בלבול און געבעטען אַראָבנעמען די שטראָף פון די יודען.

—נישקשה!—האָט געענטפערט ניקאָלאַי,—ווען אפילו דאָס מאָל וועלען זיי אומזיסט בעשטראָפט ווערען, וועט דאָס פאַר זיי נישט פערפאַלען גיין.

האָט זיך דער גאָסלעדניק צעוויינט און גענומען בעטען דעם פאָטער ער זאָל בעגנעדיגען די פער׳משפט׳ע יודען. ניקאָ-לאַי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און אויסגעשריען:

—אַלע זשידעס צוזאַמען זענען נישט ווערט דיין איין טרעהר! איך וויל נישט, דו זאָלסט איבער זיי נעמען זיך דאָס געזונד! טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט!

און איז געשווינד אַרויס פון חדר, אַ קלאַפּ-געבענדיג מיט דער טיר. בשעת ער האָט די געעפענט, האָט זיך ענטפלעקט ר׳ איטשעלע. דער קיסר האָט איהם נישט בעמערקט, נאָר ר׳ אי-טשעלע האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער איז געפאַלען הלשות. דער גאָסלעדניק האָט גלייך געשיקט אין אָמטשיסלאַוו דעם ער-שטען מיניסטער, אורוסאָוו׳ן. ער האָט אויסגעפאָרשט די מעשה און פעסטגעשטעלט, אַז יודען זענען אונשולדיג, און מען האָט פון זיי אַראָבגענומען די אַרויפגעלייגטע שטראָף.

# פֿירטע אָבטיילונג.

## אַלערליי.

# צוויי פּרוכת'ן.

די אַלטע שולען, איבּערהויפּט אין וואָלין און גאַליציען, שטעלען מיט זיך פּאָר עכטע מוזעאומס פון אונזער פערהייליגטען אַלטערטום: אין זיי געפינען זיך די זעלטענסטע אַנטיקען אין זילבּער און מעש, פון האָלץ און שטאָפען. פון די אַלע שאַצבּאַרע זאַכען, וועלכע איך האָבּ געזעהן אין די אַלטע שולען, האָבּען אויף מיר דעם שטאַרקסטען איינדרוק געמאַכט צוויי פּרוכת׳ן, וואָס האָבּען זיך געפונען אין צוויי קליינע שטעדטליך אין וואָלין. די פּרוכת׳ן זענען געווען זעהר אַלטע. קיין קינסטלערישע ווערט האָבּען זיי נישט געהאַט, נאָר דערפאַר זענען מיט זיי פערבּינדען צוויי זעהר ריהרענדע לעגענדעס פון אַמאָליגען יודישען פּאַטריאַרכאַלישען לעבּען.

איינער פון די פּרוכת׳ן איז געווען זעהר אַ שאַצבּאַרער. אויף דיקען בּרוינעם סאַמעט איז געווען אויסגענייט מיט פּעריל: „יום מימים הוחס, יום כפור המיוחס״, און אַ בּיסעל נידריגער — די ווערטער: „פּתיחת נעילה״. איבּער די אויפשריפטען זענען געווען אויסגעזעצט, איינגעפּאַסט אין גאָלד, אַלערליי קוויטען פון

גרויסע און קליינע דימענטען און רובינען. דער צווייטער פּרוכת איז געווען גאָר אַנ׳אָרימער. ער איז בעשטאַנען פון עטליכע צו-זאַמענגענייטע שטיקער אַלטע שטאָף, אַ מין ראַצעמאָרע, וואָס פלעגט געהן אויף ווייבערשע קליידער. ער האָט נישט געהאַט קיין שום בעצירונגען, נאָר אונטען האָט זיך געפונען אַ האַלב-אָבגעבליאַקירטע אויפשריפט, אויסגעשטיקט מיט רויטען וואָל: „לזכרון נשמת האשה הקדושה והטהורה, מרת בריינה, אשת ר׳ ישראל שמש״.ביידע פּרוכת׳ן האָט מען אויפגעהאַנגען אויף די אָרון-קודש׳ן בלויז יום-כפור.

**א.**

ר׳ נחמן פריידעס איז געווען דער גביר פון שטעדטיל ד., ער האָט געפיהרט אַ גרויסען האַנדעל מיט לייפּציג, געשיקט אַהין בריקעס מיט סחורה און פערדיענט מטמונים געלד. אַזוי ווי ער איז געווען נישט קיין אויפגעקומענער עושר, נאָר געשטאַמט פון רייכע עלטערן און דערצו געווען אַ גרויסער מיוחס, האָט ער זיך אויפגעפיהרט ברייט און איידעל, ווי עס פּאַסט פאַר אַנ׳איינ-געפונדעוועטען גביר. ער האָט געהאַט די ערשטע דעה אין אַלע קהל׳שע ענינים, פלעגט אַרויסטרעטען, ווען עס איז נויטיג גע-ווען, ווי אַ שתדלן פאַר׳ן פריץ, אָדער פאַר דער מלוכה-מאַכס. ביי איהם פלעגט מען איינלעגען נדן און יתומים-געלד. געהאַט האָט ער אַנ׳אָפענע האַנד: זיין נדבה איז אַלעמאָל געווען די ערשטע און די שענסטע. יום-טובים און ימים-נוראים פלעגט ער קויפען די טייערסטע עליות און כבודים. אויף איינִיגע פון זיי האָט ער געהאַט אַ מין חזקה, איבערהויפּט אויף „פתיחת נעילה״ יום-כפור. צום ערשטען מאָל האָט דער פאָטער זיינער געקויפט פאַר איהם דעם כבוד, ווען ער איז געוואָרען אַ חתן. פון דע-מאָלט אָן האָט ער אין משך פון כמעט פופציג יאָהר איינמאָל נישט דורכגעלאָזט דעם כבוד פון „פתיחת נעילה״. אין אָנהויב האָט ער געצאָהלט פאַר דעם איין גילדון. שפּעטער האָט ער

אַליין אַלץ מוסיף געווען, ביז עס האָט דערגרייכט צו פּיער גילדון. דער שמש פלעגט אפילו יעדעס מאָל פאַר נעילה אַרויס־געהן אויף דער בימה און אויסרופען מיט׳ן סקאַרבאָיוען נגון: „פּ—פּ—יער גילדען פּתיחת נעילה!״, נאָר דער אויסרוף האָט לחלוטין נישט בעדייט, אַז עמיצער קאָן מוסיף זיין און אויס־דינגען ביי ר׳ נחמנ׳ען זיין כּבוד דאָס וואָלט קיינעם נישט גע־קאָנט איינפאַלען אין זינען.

האָבען אָבער ביי ר׳ נחמנ׳ען אויף דער עלטער אָנגעהויבען געהן שלעכט די געשעפטען. איינמאָל איז ביי איהם געווען אַ שרפה, דאָס צווייטע מאָל האָט מען איהם אָנגעזעצט אויף אַ היבשען סכום געלד. ווידער אַמאָל איז געוואָרען אַ גרויסער זול, און ער האָט געמוזט פערקויפען זיין סחורה בחצי חנם. פון יאָהר צו יאָהר איז איהם געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, ביז ער איז געוואָרען אַ יורד, האָט נישט געקאָנט מעהר שיקען קיין סחורה אין לייפּציג, געמוזט אָבזאָגען זיינע משולחים און דינער און אפילו מצמצם זיין אין דער חונה. נאָר ער האָט זיך בע־מיהט מיט אַלע כּחות צו פיהרען דעם פריהערדיגען שטאַט מיט די פיינע נדבות און טייערע עליות. הגם אין שטאָדט האָט מען געוואוסט, אַז ר׳ נחמן איז אַ יורד, האָט מען פונדעסטוועגען נישט פערלוירען צו איהם דעם פריהערדיגען צוטרוי און נישט אויפגעהערט בעציהען זיך צו איהם, ווי צום שטאָדט־גביר.

אין דער צייט, ווען ר׳ נחמנ׳ען איז געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, האָט אין שטעדט׳ל אָנגעהויבען וואַקסען אַ נייער גביר. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, ר׳ נחמנ׳ס אַ משרת׳ס אַ זוהן. געהייסען האָט ער מרדכי בענציעס, נאָר פאַר זיין רשעות און גראָבקייט האָט מען איהם געגעבען אַ צונעמעניש: „מרדכי־המן״. ווען ער איז געוואָרען שטאַרק רייך, האָט ער אָנגעהויבען אויפפיהרען זיך ווי אַ גביר, געקויפט אַ שטאָט אין מזרח, אָנגע־הויבען געבען שענע נדבות און מישען זיך אין קהל׳שע ענינים. ער האָט זיך בעמיהט אין אַלץ נאָכצוטון ר׳ נחמנ׳ען.

אַלע האָבען געזעהן, אַז ער פערמעסט זיך פערנעהמען ר׳ נחמנ׳ס אָרט, דעם אָרט פון שטאָדט־גביר. אַלעמען האָט עס

שטאַרק פערדראָסען. נאָר וואָס קאָן מען דאָ מאַכען? ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה.

ווען עס איז געקומען יום-כפּור און, פאַר נעילה, איז דער שמש, אַרויף אויפ׳ן בּימה, און דורכגעזונגען זיין געוועהנליכען פּזמון: „פיער גילדען פּתיחת נעילה״,—האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ הייזעריגער, ענטשידענער אויסרוף:

—פינף גילדען!

איבּער׳ן שוהל האָט זיך דורכגעטראָגען אַ ציטער. אַלע האָבּען פערשטאַנען, ווער דאָס האָט אויסגערופען און אַלע האָבּען געפיהלט, דאָס דער אויסרוף בּעדייט, אַז ר׳ נחמן האַלט שוין אַזוי שלעכט, אַז מרדכי-המן האָט פערלוירען יעדען אָבּשיי צו איהם און וויל לפני כל עם ועדה דערנידעריגען איהם און פערנעהמען זיין אָרט. די בּעלי-הבּתּים זענען געוועזען שטאַרק אויפגעבּראַכט אויף דעם נייעם גביר פאַר זיין חוצפּה, נאָר אַריינמישען זיך אין דעם ענין האָט קיינער נישט געוואַגט. ווען צוויי לייבּען ראַנגלען זיך, דאַרף מען שטעהן פון דער ווייטען און נישט מישען זיך.

בּיי ר׳ נחמנ׳ען אויפ׳ן פּנים האָט זיך בּעוויזען אַ קרענקליכער שמייכעל. ער האָט דערפיהלט דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט בּעקומען פון זיין געגנער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיך אונטערגעבּען און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

—זעקס גילדון...

—צעהן גילדון!—האָט אויסגעשריען מרדכי-המן.

ר׳ נחמן איז בּלייך געוואָרען: צעהן גילדען איז פאַר איהם שוין געוועזען אַ ווילטיגע מטבּע. נאָר ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזען און ווידער מוסיף געווען אַ גילדען:

—עלף...

—פופצעהן גילדון!

און עס איז אַוועק אַ שטייגעניש. ר׳ נחמן האָט מוסיף געווען צו איין גילדען, און מרדכי-המן צו פיער. ר׳ נחמן האָט געפיהלט, אַז ער איז צו-ווייט פערקראָכען, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צו בּעצאָהלען דעם אָנגעבּאָטענעם סכום, נאָר ער האָט

פשוט נישט געקאָנט אָבשטעלען זיך. עס איז געווען העכער פון זיינע כחות, אָבגעבען דעם געגנער, דעם עם הארץ און חצוף, אַ כבוד, וועלכען ער האָט פופציג יאָהר געהאַלטען. און ער האָט מוסיף און מוסיף געווען.

—הונדערט גילדון!

ר׳ נחמן האָט שוין לאַנג פערלוירען דעם באָדען אונטער די פיס. ער איז געווען בלייך, ווי קאַלך, און געהאַלטען ביי חלש׳ן. נאָר די ליפען האָבען, געגען זיין ווילען, אַרויסגערעדט:

—הונדערט מיט איין גילדון...

אין שול איז געווען אַן׳אימה׳דיגע שטילקייט. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז ר׳ נחמן, אָנבאָטענדיג ביז איבער הונדערט גילדען, איז זיך מוסר נפש. און, אויף וויפיעל עס איז געשטיגען דאָס מיטגעפיהל צום אַלטען געפאַלענעם גביר, אויף אַזוי פיעל איז געוואַקסען די אויפרעגונג געגען דעם אויפגעקומענעם עושר פאַר זיין חוצפה און אכזריות. מען האָט געשוויגען, אָבער די מאָס איז געווען איבערפולט. ס׳וואָלט גענוג געווען נאָר איין טראָפען, אַז די אַלגעמיינע אויפרעגונג זאָל אויסברעכען אין צאָרנדיגע קולות און זידלערייען געגען מרדכי-המנ׳ען.

מרדכי-המן האָט זיך ווייניג גערעכענט מיט דער אַלגעמיינער שטימונג. ווי נאָר ר׳ נחמן האָט אַרויסגעזאָגט: „הונדערט מיט איין גילדון״, האָט ער זיך אַ ריס-געטון פון אָרט, אַרויפגעלאָפען אויף דער בימה, אַ פאַטש געגעבען איבער׳ן טיש און אויסגעשריען:

—רבותי! איך בין מוסר ומודיע, אַז ר׳ נחמן האָט נישט געטאָרט אָנבאָטען אַזאַ סכום, ווייל ער איז נישט ביכולת איהם מסלק צו זיין!

אַזאַ בעליידיגונג דעם אַלטען חשוב׳ן ר׳ נחמן האָט די שול נישט געקאָנט דערליידען. דער עולם איז אויפגעשפרונגען פון די ערטער, אַ לאָז-געטון זיך צו דער בימה, און עס האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם פון געשרייען:

—דאָס איז אַ חוצפה!

—שפיכת דמים!

—גראָבער יונג!

—אכזר!

מרדכי-המן איז ביי זיך נישט אַראָבגעפאַלען. ער האָט עטליכע מאָל אַ פּאַטש-געטון איבער׳ן טיש און אויסגעשריען:

—זאָל ר׳ נחמן אַליין זאָגען, אויב ער איז אימשטאַנד מאָרגען צו בעצאָהלען הונדערט גילדען? אויב ער זאָגט עס צו, טרעט איך בּאַלד אָב און לאָז פאַר איהם „פּתיחת נעילה״.

אין שול איז ווידער געוואָרען טויט־שטיל. אַלע בּליקען האָבען זיך געווענדט צו ר׳ נחמנ׳ען.

דערהערענדיג מרדכי-המנ׳ס אויסרוף, האָט ר׳ נחמן זיך האַסטיג אויפגעהויבען און געוואָלט עטוואָס זאָגען. נאָר מיט אַמאָל איז ביי איהם איבער׳ן פּנים דורכגעלאָפען אַ צוק, דער קאָפּ האָט זיך נידריג אָנגעבויגען און ער אַליין האָט זיך אָהנ־מעכטיג אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן בּאַנק און געבליבען זיצען מיט אַני־אַראָבגעהאנגענעם קאָפּ, ווי אַ בעזיגטער און אַ פער׳משפט׳ער.

מרדכי-המן איז געשטאַנען אויף דער בימה אַ שטאָלצער, מיט אַ פערר׳סענעם קאָפּ. ער האָט בעפעהלעריש אַ זאָג-געטון דעם שמש:

—רוף־אויס, אַז „פּתיחת נעילה״ איז געבליבען פאַר ר׳ מרדכי בענצעס פאַר הונדערט גילדון.

---

ר׳ נחמנ׳ס ווייב, שפרה-דבורה, וועלכע האָט אין דער וויי־בערשער שול געהאַט אַ שטאָדט אין מזרח, נעבען פענסטערל אין דער מאַנסבּילשער שול, האָט פון דער ערשטער מינוט אָן זיך אַריינגעצויגען אינ׳ם גערעַנגעל צווישען איהר מאַן מיט מרדכי־המנ׳ען. זי האָט איבערגעלעבט די זעלבע געפיהלען, וואָס ר׳ נחמן, האָט גוט געוואוסט, אַז ער טאָר נישט אָנבאָטען קיין גרוי־סען סכום. און פונדעסטוועגען האָט זי געציטערט, ער זאָל נישט אַנטשוויגען ווערען און נישט איבערלאָזען „פּתיחת נעילה״ פאַר׳ן געגנער. יעדעס מאָל, ווען ר׳ נחמן פלעגט אָנבאָטען אַ גילדען, האָט זי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט געבען אויף דעם

איהר הסכמה און נעהמען איף זיך אַ טייל פון דער פּעראַנט-וואָרטליכקייט.

ווען מרדכי-המן האָט געמאַכט דעם לעצטען אָנפאַל און ר' נחמן האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער באַנק אַ נידערגעשלאָגענער און אַ בעזיגטער, איז שפרה-דבורה געבליבען שטעהן אַני-ערשיטערטע. נאָר זי איז גלייך געקומען צו זיך, אָבגעקעהרט זיך פון פענסטערל און געשווינד אָנגעהויבען אַראָבנעהמען פון זיך די צירונג: דאָס אויסגעזעצטע מיט דימענטען שטערן-טיכעל, דעם גאָלדענעם ציטער-פעדער, די לאַנגע, דריי-גאָרנדיגע רובינען-אויירינגלעך און, לסוף, דעם פערמואַר מיט די אַכט שניר גרויסע, געצעהלטע פעריל. זי האָט עס אַלץ פערבונדען אין אַ טיכעל און, אַרויסרוקענדיג דעם קאָפּ פון פענסטערל, האָט זי אויסגערופען:

—מיין גאַנץ צירונג גיב איך אָב פאַר מיין מאַנ'ס „פּתיחת נעילה"!

און האָט אַ וואָרף געטון אויפ'ן טיש פון בימה דאָס טיכעל מיט'ן צירונג.

דער עולם אין שול האָט אין אָנהויב נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. נאָר אויף דער בימה איז אַרויף אַ יונגערמאַן און האָט אויסגעשריען:

—ר' נחמנ'ס ווייב האָט געשענקט פאַר איהר מאַנ'ס „פּתיחת נעילה" איהר גאַנץ צירונג!

און, פונאַנדערבינדענדיג דאָס טיכעל, האָט ער גענומען ווייזען דעם עולם דאָס צירונג.

דער עולם איז געוועזען איבערראַשט און ענטציקט. ביי אַלעמען איז ווי אַ שטיין אַראָב פון האַרצען. עס האָבען זיך דערהערט אויסגעשרייען פון פרייד פאַר ר' נחמנ'ען און פון נקמה איבער מרדכי-המנ'ען. מרדכי-המן, אַ מטושטוש'ער, האָט אַרויסגעמורמעלט:

—אויב אַזוי, איז אַנ'אַנדער זאַך... טרעט איך אָב ר' נחמנ'ען דעם „פּתיחת נעילה"...

נאָר מען האָט זיך שוין נישט געגוויטיגט אין זיין אָבזאָג.

אויף מאָרגען נאָך יום-כפור איז יועגען דעם ענין געווען אַנ׳אסיפה. די פערזאַמעלטע בעלי-בתים האָבען איינגעפונען, אַז דאָס צירונג איז ווערט צעהן מאָל מעהר, ווי הונדערט גילדען און האָבען פאָרגעלעגט אומקעהרען ר׳ נהמנ׳ס ווייב איהר רייכען געשאַנק. נאָר זי האָט זיך אָבגעזאָגט עס צוריקצונעהמען: דאָס, וואָס איז געשענקט אויף אַ דבר-מצוה, נעהמט מען נישט צוריק. דעמאָלט האָט די אסיפה אָנגענומען אַ החלטה, אַז, כל-זמן ר׳ נחמן וועט לעבען, זאָל „פתיחת נעילה״ געהערען צו איהם אָהן אַ שום געצאָהלט, און אַז דאָס צירונג זאָל מען נישט פערקויפען, נאָר מען זאָל מיט די פעריל, דימענטען און רובינען אויסהעפטען אויפשריבטען און בעצירונגען אויף אַ פרוכת. און דאָס פרוכת זאָל מען אויפהענגען אויפ׳ן אָרון-קודש בלויז יום-כפור צו נעילה. די גאַנצע מעשה מיט׳ן געשאַנק פונ׳ם צירונג, ווי אויך די החלטה פון דער אסיפה זענען געווען פערשריבען „בעט ברזל ועופרת״ אין פנקס, כדי דאָס זאָל פערבלייבען לדורי דורות. דער פנקס איז פערברענט געוואָרען, נאָר דער פרוכת איז גאַנץ געבליבען.

## ב.

ברײנע די שמש׳טע איז געבוירען געוואָרען און אָבגעלעבט דאָס גאנצע לעבען אויפ׳ן שול-הויף, אין אַ קליין הייזעלע, וואָס האָט אָנגעהערט צום שמש. ברײנעס פאָטער איז געװען אַ שמש אין דער אַלטער שול און, ווען ער איז געשטאָרבען, האָט זיין אָרט פערנומען ברײנעס מאַן. זי אַליין איז געווען אַ שמש׳טע אין עזרת-נשים.

ברײנע איז געווען אַ שטילע און גאָטספורכטיגע אשה. זי האָט געוואוסט אויסוועניג פיעל שענע תחנות און האָט זיי געזאָגט מיט אַזאַ האַרציגקייט, אַז, ווער עס האָט זיי צוגעהערט, האָט געמוזט ווײנען. זי האָט אויך געוואוסט פיעל פרומע מעשיות. און, איבערהויפט, אַלע מעשיות, וואָס האָבען געהאַט אַ

שייכות צו דער אַלטער שול. זי האָט געוואוסט, אַז די שול איז נישט קיין געבויטע, נאָר אַ געפונענע, אַנ׳אויסגעגראָבענע פון אונטער דער ערד. ווען מען האָט זי געפונען, איז אין איהר געזעסען אַנ׳אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד און געלערנט. געווען איז עס אליהו הנביא. געוואוסט האָט זי, אַז די שול האָט נישט מורא פאַר פייער: וויפיל שריפות עס זענען געווען אין שטעדטיל, האָט זי זיך קיינמאָל נישט אָנגעצונדען. געוואוסט האָט זי די צייט, ווען מתים קומען אין שול דאַוונען און ווען מלאכים זאָגען דאָרט שירה. געקוקט האָט זי אויף דער שול, ווי אויף דאָס העכסטע הייליגטום, נאָך גאָט און דער הייליגער תורה. זי האָט געוואוסט, אַז דער בית-המקדוש איז געווען זעהר שען, נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, ער זאָל זיין שענער פאַר דער אַלטער הילצערנער שול.

ברײנע האָט ליב געהאַט די שול מיט אַ טיפער, האַרציגער ליעבע. פאַר איהר איז די שול געווען, ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש, וואָס האָט זיינע געפיהלען, קאָן ליעב און פיינד האָבען, בעוויליגען אָדער ברוגז זיין. אָבגעבענדיג דער שול איהר מיה און ליעבשאַפט, איז ברײנע זיכער געווען, אַז זי, ברײנע, איז אויך ליעב און נאָהענט דער שול. קיין קדיש האָט זי נישט געהאַט, (נאָר איין אויסגעגעבענע טאָכטער), אָבער זי האָט געהאָפט, אַז די שול וועט זיין פאַר איהר אַ מליץ יושר און בעזאָרגען פון איהרטוועגען אַנ׳אָרט אין ליכטיגען גן־עדן. ווען ברײנעס מאַן, ישראל דער שמש, איז געשטאָרבען, האָט. זי איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל דאָרט, אויפ׳ן עולם-האמת, דערצעהלען, אַז זי האָט דאָס גאַנצע לעבען אָבגעגעבען דער הייליגער שול...

---

אַלטע לייט האָבען נישט געדענקט אַזאַ טרוקענעם און בייזען הערבסט, ווי אינ׳ם יאָהר פון דער גרויסער שריפה. דעם גאַנצען חודש אלול איז דער הימעל געווען פערכמורעט מיט גרויע וואָלקענס, נאָר קיין איין טראָפען רעגען איז נישט געפאַלען. דערפאַר האָבען געבלאָזען שטאַרקע ווינטען. איבערהויפט איז דאָס וועטער געווען אַ שטורמדיגס ערב יום-כפור. דער ווינט

האָט פּשוט געוואָרפען מענשען פון די פיס, און מיט גרויס מיה האָט מען זיך געקאָנט דערקלייבען צום שול. ווען דער חזן האָט געזאָגט „כל-נדרי", איז זיין קול פערהילכט געווען דורך דעם ווילדען פייפעניש פון ווינט דרויסען.

ווי נאָר דער חזן האָט גענענדיגט „כל-נדרי", האָט זיך פון גאַס דערהערט אַ האַרצרייסענדער געשריי: „עס ברענט! ראַטעוועט!" צוגלייך מיט דעם האָט אין די פענסטער פון שול אַ בלענד-געטון דער פלאַם פון אַ נאָהנטער שרפה. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון אַרויס פון שול און דערזעהן, אַז אויפ'ן דריטען הויף ברענט אַ שפייכלער מיט היי. דער שפייכלער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסען פייער-שייטער, וועלכען דער שטורם-ווינט האָט געריסען אין אַלע זייטען, פונאַנדערטראָגענדיג איבער'ן שטעדטיל מיליאָסען פונקען און גאַנצע שטיקער פייער. באַלד האָבען זיך אָנגעכאַפּט אַרום און אַרום, אין די נאָהנטע און ווייטע גאַסען, פיעל הייזער.

מיט געשריי־יען און יללות זענען זיך צולאָפען די מתפללים איבער'ן שטעדטיל, יעדערער צו זיין הויז, ראַטעווען די קינדער און דאָס ביסעל האָב-און-גוטס.

בריינע איז אַרויסגעלאָפען פון שול צוזאַמען מיט אַלעמען און אַ וואָרף-געטון זיך צו איהר הייזעל, וואָס איז געווען נעהנטער צו דער שרפה, ווי די שול. זי האָט גענומען ראַטעווען דאָס בעטגעוואַנד. געמאַכט אַ גרויסען פּאַק און אַרויסגעטראָגען פון שטוב. ווענגען דער שול האָט בריינע אין דער ערשטער מינוט אפילו נישט אַ טראַכט געטון: די שול ברענט דאָך נישט, קאָן נישט ברענען. בריינע איז אַזוי זיכער געווען אין דעם, דאָס זי האָט זיך געקליבען אַריבערטראָגען איהרע הויז-זאַכען אין שול. נאָר, ווען זי איז אַרויס פון שטוב מיט'ן פּאַק בעט-געוואַנד, האָט זי דערזעהן, אַז די ווענד פון שול רויכערן זיך, אַז די שינדלען פונ'ם דאַך האָבען זיך אָנגעכאַפּט און פון אונטער דאַך שלאָגט אַרויס אַ געדיכטער רויך. אַ סימן, אַז אויפ'ן בוידעם האָבען זיך אָנגעכאַפּט די בערג שמות, וועלכע זענען דאָרט געלעגען.

ברײנע איז געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט אַנ'ערשיטערטע, און נישט געגלויבט די אייגענע אויגען. ווי אַזוי קאָן דער פייער האָבען אַ שליטה איבער דער שול? אַ היבשע ווײלע איז זי גע-שטאַנען, ווי אַ פערגליווערטע, קוקענדיג מיט ברייט-פונאַנדערגע-עפענטע אויגען אויף דער שול. מיט אַמאָל האָט זי האַסטיג אַ וואָרף-געטון דעם פּאַק בעט-געוואַנד, אויסגעשפּרייט די הענד און מיט אַ קול פון העכסטער פערצווייפלונג, גענומען שרייען!

—די שול ברענט! גוואַלד, יודען, ראַטעוועט! די שול ברענט!

אויף איהר געשריי האָבען זיך אָבגערופען עטליכע ישיבה-בחורים און אַ פּרוש, וועלכער האָט געלערנט אין שול. זיי האָ-בען געוואָלט אַריינלויפען אין שול ראַטעווען די ספרים. נאָר, ווי זיי האָבען געעפענט די טיר, האָט פון דאָרט אַ שפּאַר גע-טון אַ געדיכטער, שטיקענדער רויך, און זיי זענען אָבגעשפּרונ-גען צוריק. איינער פון זיי האָט זיך אָבגערופען:

—פערפאַלען! מען וועט שוין די שול נישט אָבראַטעווען!

ברײנע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַנטקעגען שול. זי האָט נאָך אַל'ץ נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. איהר מח האָט נישט געקאָנט אַרומנעמען דעם גאַנצען אומגליק, וואָס האָט דאָ געטראָפען און וועלכער האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט שרעקלי-כער, איידער דער חורבן בית-המקדש. וואָס וועט זיין, ווען די שול וועט פערברענט ווערען? ווי וועט דאָס שטעדטיל און אפילו די גאַנצע וועלט קאָנען האָבען אַ תקומה? און זי, ברײנע? וואָס וועט זיין מיט איהר? ווי וועט זי קאָנען לעבען און אָטעמען אָהן דער שוהל?

און מיט אַמאָל איז פאַר איהר קלאָר געוואָרען, אַז דאָס אונמעגליכסטע איז פאָרגעקומען. די הייליגע שול, וועלכע איז מיט הונדערטער יאָהרען צוריק געפונען געוואָרען אַ געבויטע און אויף וועלכער דער פייער האָט די גאַנצע צייט נישט געהאַט קיין שליטה, ברענט איצט, ווי אַ געוועהנליכער הילצערנער בנין. און אין אַ ווײלע אַרום וועט פון דער שול בלייבען בלויז אַ באַרג גליהענדע קוילען און אַש.

ברײנע האָט דערפֿיהלט, װי אַ הײסער שטראָם האָט זיך צעגאָסען איבער איהר אַ גאַנצען לײב. אין האַרצען האָט אױפֿ-געפֿלאַמט אַ געפֿיהל פֿון התלהבות און מסירת נפֿש. און, נישט געדענקענדיג זיך, האָט זי אױסגעשריען:

—אַז די שול ברענט, װיל איך אױך ברענען!!

און זי האָט זיך אַ װאָרף געטהון פֿאָראױס, דורך דעם שטיקענדען רױך, װעלכער האָט קײלענװײז אַרױסגעשלאָגען פֿון שול-טיר, און איז אַרײנגעלאָפֿען אין דער ברענענדער שול...

---

די שול האָט אָבער פֿאָרט נישט אָבגעברענט. בשעת די שרפֿה האָט זיך שטאַרק פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט און אַרומגעכאַפּט אַ האַלב שטעדטיל, האָט מיט אַמאָל אַ גאָס געטהון אַ שלאַקס רע-גען, אַ מבול, װעלכער האָט אין עטליכע מינוטען פֿערלאָשען די גאַנצע שרפֿה. אין שול האָט אָבגעברענט דער דאַך און עס זע-נען פֿון דרױסען אַרומגעברענט געװאָרען די װענד. אינעװײניג אָבער איז אַלץ געבליבען גאַנץ.

װען דער עולם האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט און מען איז אַרײן אין שול, האָט מען דאָרט געפֿונען ברײנע'ן אַ דערשטיקטע פֿון רױך. זי איז געלעגען אױף דער ערד מיט אױסגעשפּרײטע הענד צום אָרון-קודש. מען האָט זי פֿעררעכענט פֿאַר אַ קדושה, װעלכע איז אומגעקומען על קדוש-השם, און מקבר געװען זי מיט גרױס כבוד.

כדי צו פֿעראײביגען איהר אָנדענקען, האָט מען פֿון איהר ראַצעמאָרענעם קלײד אױפֿגענײט אַ פּרוכת, װעלכען מען הענגט אױף עד היום נאָר יום-כפּור.

# דער בעל תשובה,

(פון סלאווישען פאָלק־שאַפונג).

## א.

עס האָט געוואוינט-געלעבט אין אַ דאָרף אַ רייכער פויער מיט זיין ווייב. אַלץ איז ביי זיי געווען אין פולער מאָס, אי תבואה, אי פיה. איינס האָט זיי נאָר אויסגעפעהלט — קינדער. האָבען זיי זיך שטאַרק מצער געווען. האָט זיך גאָט אויף זיי דערבאַרעמט, און אויף די עלטערע יאָהרען איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען אַ זוהן. דער רייכער פויער מיט'ן ווייב האָבען זיך זעהר געפרעהט און האָבען דאָס קינד שטאַרק געצערטעלט: עסען און טרינקען געגעבען איהם פון דאָס בעסטע, שלאָפען געלעגט אויף דאָס ווייכסטע. אַז דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסען, האָבען זיי איהם צו קיין אַרבייט נישט צוגעלאָזען. די שכנים האָבען געפרעגט דעם רייכען פויער, פאַרוואָס ער געוועהנט נישט זיין זוהן צו אַרבייטען, האָט ער געענטפערט:

— זאָלען אָרימע לייט נויטען זייערע קינדער אַרבייטען, און איך דאַרף עס נישט. מיין גוטס און האָב וועט סטייען פאַר מיין זוהן אויפ'ן גאַנצען לעבען, ער זאָל קאָנען ליעגען אויפ'ן אויוען און גאָרנישט טון.

די שכנים האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, נאָר נישט אנטקעגען געענטפערט. ווער האָט עס חשק איינרייסען מיט זן שכן, בפרט נאָך מיט אַ רייכען?

דעם רייכען כויערס זוהן איז געוואַקסען נישט אויף טעג, נאָר אויף שעות. ער איז אויסגעוואַקסען אַ הויכער און אַ גרויסער, אַ שטאַרקער און אַ געזונטער, אַזוי, אַז קיינער אין דאָרף האָט נישט געקאָנט שטעלען זיך קעגען איהם. נאָר געווען איז ער זן׳אייגענוויליגער, האָט נישט געפאָלגט פאָטער און מוטער און מעיז געווען אין כנים אַלטע לייט.

איינמאָל איז ער אַוועק אויסערן דאָרף שפּאַצירען און פערקליבען זיך טיעף אין וואַלד. מיט אַמאָל זעהט ער, אויף אַן׳אָפּענעם פעלדעל זיצט אַ חברה יונגעלייט אַרום אַ גרויסען קעסעל. מען עסט, מען טרינקט און מען זינגט פריילִיכע לידער. איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט:

—גאָט העלף, גוטע לייט!

די לייט פון דער חברה האָבען איהם פערוואונדערט זן-געקוקט און איינער פון זיי האָט זיך אָבגערופען:

—מיר יאָגען זיך נישט נאָך גאָטס הילף... און גוטע לייט זענען מיר נישט פאַר יעדערן... און ווער ביסטו?

האָט דעם כויערס זוהן געענטפערט:

—איך בין פון דעם און דעם דאָרף, דעם און דעם רייכען פויערס זוהן... און איהר ווער זענט אַזוינע?

האָט ווידער איינער פון דער חברה געענטפערט:

—מיר זענען פרעהליכע לייט, מיר שפּאַצירען איבער די גרויסע וועגען און קוקען אויס גוטע געסט. בעגעגענט זיך אונז אַ פעטער פריצ׳ל אָדער אַ רייכער סוחר׳ל, שיקען מיר באַלד אָב זיין נשמה צו גאָט. און פאַר דער טרחה נעמען מיר צו אַלץ, וואָס ביי איהם געפינט זיך אין וואָגען... פערשטעהסטו?

—עס איז נישט שווער צו פערשטעהן! איהר זענט גזלנים-לעך!—ענטפערט דעם פויערס זוהן.—איך האָב שוין לאַנג געזוכט אַ בעגעגעניש מיט אייך, געוואָלט זין מיט אייך בעקענען.

די גזלנים קוקען אויף איהם און וואונדערן זיך. זיי זענען

נישט קיין שוואַכינקע, און ער ווייזט אויס שטאַרקער פאַר זיי אַלעמען. טראַכטען זיי: אָט אַזאַ יונג וואָלט געפּאַסט פאַר אונזער חברה. און איינער זאָגט:

—מיר פיהרען אַ פרעהליך לעבען. מיר אַקערן נישט און זייען נישט, און האָבען שטענדיג אַ רייכען שניט. עס טרעפט, אַז מען כאַפּט ביי עמיצען פון אונז אַראָב דעם קאָפּ, בעקלאָגען מיר איהם נישט, נאָר מיר מאַכען נאָך איהם אַ פיינע הזכרה, מיט פעטע עסענס און גוטען וויין. די טעג איז אונזער הויבט-מאַן אַריינגעפאַלען צו די פּריצים אין די הענד און מען האָט איהם אָבגעטון זיין רעכט, מאַכען מיר איצט נאָך איהם אַ הזכרה. טרעט אַריין אין אונזער חברה. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דו ביזט שטאַרקער און מוטיגער פאַר אונז אַלעמען, וועלען מיר דיך מאַכען פאַר אונזער הויבט-מאַן.

דעם פויערס זוהן האָט גלייך איינגעוויליגט. מען האָט גיך קלאַפּט איבער די הענד און אָבגערעדט, אַז ער וועט גאָר אַריבערגעהן אַהיים און מאָרגען קומען צוריק און אַריינטרעטען אין דער חברה.

ער איז אַוועק אַהיים, אַריין אין פּרוכט-גאָרטען און אויסגעשניטען פון אַ באַרן-בוים אַ גראָבע דובינקע, אַזאַ, מיט וועלכע עס בענוצען זיך גזלנים.

ער איז אַריין מיט דער דובינקע אין שטוב. דאָרט האָט זיך געפונען אַליין די מוטער זיינע. האָט ער איהר געזאָגט:

—זיי געזונד, מאַמינקע! איך געה אַוועק פון אייך אויף שטענדיג.

—וואו אַהין געהסטו, זוהנעלע?—האָט זיך דערשראָקען די מוטער.

—איך בין צוגעשטאַנען צו אַ חברה גזלנים און געה מיט זיי גזלנ׳ען.

האָט זיך די מוטער שטאַרק צעוויינט און גענומען בעטען זיך:

—אויף וועמען ווערטו אונז פערלאָזען, זוהנעלע? געה נישט

—ניין, מאַמינקע, איך האָב שוין אַ וואָרט געגעבן און מוז געהן.

האָט זיך די מוטער אַ וואָרף געטון צו איהם, אָנגעכאַפּט ביים האַנד און לאָזט איהם נישט געהן. רייסט ער זיך פון איהר און שרייט:

—לאָז מיך בעסער מיט גוטען! ווען נישט, וועל איך דיך הרג׳ענען!

אָבער זי לאָזט איהם אַלץ נישט. האָט ער מיט זיין דובינקע דערלאַנגט איהר איבער׳ן קאָפּ. איז זי געפאַלען אַ טויטע.

ער איז אַוועקגעאַנגען. אין עק דאָרף בעגעגענט איהם דער פאָטער און פרעגט:

—וואוהין געהסטו, זוהנעלע?

—איך געה אַוועק פון דיר, פאָטערל. איך בין צוגעשטאַנען צו אַ חברה גזלנים און געה מיט זיי גזלנ׳ען.

האָט איהם דער פאָטער אָנגעכאַפּט און גענומען בעטען, ער זאָל נישט געהן צו די גזלנים. דער זוהן האָט געריסען זיך פון איהם און אויסגעשריען:

—לאָז מיך מיט גוטען, פאָטערל! די מוטער האָט מיך נישט געלאָזען, האָב איך זי גע׳הרג׳עט. אויב דו וועסט מיך נישט אָבלאָזען, וועל איך דיך אויך הרג׳ענען!

דער פאָטער האָט איהם נאָך שטאַרקער אָנגעכאַפּט. האָט ער מיט זיין דובינקע אויך דעם פאָטער גע׳הרג׳עט.

און איז אַוועק צו די גזלנים.

## ב.

דעם פויערס זוהן האָט זיך בעליעבט די גזלנים, און זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר זייער הויבט-מאַן. דרייסיג יאָהר איז ער געווען מיט זיי צוזאַמען, גע׳גזל׳ט און גע׳רצח׳נט אויף די גרויסע וועגען און זעהר פיעל מענשליך בלוט פערגאָסען.

אַלע גזלנים פון דער חברה זענען געווען עם הארצים,

קיין אלף-בית נישט געקענט. אויף וואָס דאַרף אַ גזלן קענען לייענען? נאָר איינער פון זיי האָט געקענט לייענען. האָט דער הויבט-מאַן בעמערקט, אַז אָט דער גזלן געהט אַלע נאַכט אַוועק טיעף אין וואַלד, און קיינער ווייס נישט, וואָס ער טוט דאָרט. איז איהם געוואָרען טשיקאַווע די מעשה און ער איז איינמאָל איהם נאָכגעגאַנגען. האָט ער דערזעהען, אַז דער „לייענער" האָט זיך פערקליבען טיעף אין וואַלד, געזעצט זיך אונטער אַ בוים, אָנגעצונדען אַ ליכטעל און גענומען לייענען אויפ'ן קול אַ בוך. און אין בוך איז געווען בעשריבען, וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט אויף יענער וועלט פאַר יעדען זינד. וואָס עס קומט פאַר גזילה, וואָס פאַר רציחה און וואָס פאַר אַנדערע מעשים.

דעם הויבט-מאַן האָט עס שטאַרק פערנומען און ער איז צוגעגאַנגען צום גזלן. ווען יענער האָט איהם דערזעהען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען און געמיינט, אַז ער וועט איהם הרג'ענען: ווי קומט אַ גזלן צו לייענען אַזעלכע ביכער? נאָר דער הויבט-מאַן האָט איהם בערוהיגט און געזאָגט:

—לייען מיר דאָס בוך פון אָנהויב ביז'ן סוף. איך וויל וויסען אַלץ, וואָס אין איהם איז געשריבען.

זענען זיי אַזוי געזעסען אין וואַלד די גאַנצע נאַכט ביז טאָג. איינער האָט געלייענט און דער אַנדערער האָט צוגעהערט.

אינדערפריה האָט דער הויבט-מאַן זיך אומגעקעהרט צוריק אויף זיין אָרט, האָט צונויפגערופען אַלע גזלנים און האָט זיי געזאָגט:

—דרייסיג יאָהר האָב איך מיט אייך צוזאמען גע'גזל'ט און גע'רצח'נט, נאָר פון היינט אָן בין איך מער נישט אייער הויבט-מאַן. דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס איך האָב אָנגעראַבעוועט, גיב איך אייך אָב, און ווייטער טוט, ווי איהר פערשטעהט: ווילט איהר, טוט תשובה, ווילט איהר, געהט צוריק אין דאָרף און הויבט אָן לעבען ווי פריהער, ווילט איהר, פערבלייבט גזלנים, ווי געווען. און איך געה אין דער וועלט זוכען אַ תשובה אויף מיינע זינד.

## ג.

דער הויבט-מאַן האָט גענומען זיין דובינקע און אַוועק אין נאָהנטסטען דאָרף. דאָרט איז אַקוראַט אין דער צייט אין קלויסטער פאָרגעקומען די תפילה, ווען זי האָט זיך געענדיגט און דער גלח איז אַרויס פון קלויסטער, איז דער הויבט-מאַן צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט:

—פאָטערל! איך בין אַ גרויסער זינדיגער, איך קום צו דיר בעטען, דו זאָלסט מיר געבען אַ תשובה.

—אין וואָס בעשטעהט דיין זינד?—פרעגט דער גלח.

—מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס איך האָב גע׳הרג׳עט פאָטער און מוטער, דרייסיג יאָהר גע׳גזל׳ט און גע׳רצח׳נט און פערגאָסען פיעל מענשליך בלוט.

דער גלח האָט אַ טראַכט געטון און געענטפערט:

—גרויס איז דיין זינד, און פאַר איהם איז קיין תשובה נישטאָ!

—בעטראַכט זיך גוט, פאָטערל! אפשר וועסטו געפינען פאַר מיר אַ תשובה, מעג זיך זיין זעהר אַ האַרבע!—האָט זיך געבעטען דער גזלן.

—ניין! נישטאָ פאַר דיר נישט קיין תשובה, נישט קיין אויסלייזונג! געה אַוועק פון מיר, זינדיגער!

האָט דער גזלן גענומען און מיט זיין דובינקע גע׳הרג׳עט דעם גלח.

ער איז אַוועק אין צווייטען דאָרף צום גלח און געבעטען ביי איהם אַ תשובה.

—אין וואָס בעשטעהט דיין זינד?

—מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס איך האָב גע׳הרגעט פאָטער און מוטער, דרייסיג יאָהר גע׳גזל׳ט און גע׳רצח׳ענט, פערגאָסען פיעל מענשליך בלוט און גע׳הרג׳עט אַ גלח, ווייל ער האָט מיר נישט געגעבען קיין תשובה.

דער גלח האָט אַ טראַכט געטון און געענטפערט:

—גרויס איז דיין זינד, און פאַר איהם איז קיין תשובה נישטאָ.

—בעטראַכט זיך גוט, פאָטערל! אפשר וועסטו געפינען פאַר מיר אַ תשובה, מעג זיך זיין זעהר אַ האַרבע!—האָט זיך געבעטען דער גזלן.

—ניין! נישטאָ פאַר דיר נישט קיין תשובה, נישט קיין אויסלייזונג! געה אַוועק פון מיר, זינדיגער!

האָט דער גזלן איהם אויך גע'הרג'עט.

ער איז אַוועק אין אַ דריטען דאָרף צום גלח, יענער האָט איהם אויך קיין תשובה נישט געגעבען, האָט ער איהם אויך גע'הרג'עט.

אַזוי איז ער געווען אין עלף דערפער און גע'הרג'עט עלף גלחים.

געקומען אין צוועלפטען דאָרף. דאָרט איז געווען אַ יונ-גער, געלערנטער גלח. ער האָט אויך געפרעגט ביים גזלן:

—אין וואָס בעשטעהט דיין זינד?

—מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס איך האָב גע'-הרג'עט פאָטער און מוטער, דרייסיג יאָהר גע'גזל'ט און גע'-רצח'נט, פערגאָסען פיעל מענשליך בלוט און גע'הרג'עט עלף גלחים, ווייל זיי האָבען מיר נישט געגעבען קיין תשובה. וועסטו מיר נישט געבען קיין תשובה, וועל איך דיך אויך הרג'ענען.

דער גלח האָט אַ טראַכט געטון און געענטפערט:

—עס איז דאָ פאַר דיר אַ תשובה... קום מיט מיר.

ער איז אַוועק מיט איהם צו זיך אַהיים, געהייסען איינ-שפּאַנען אַ פערד אין וועגעל, געזעצט זיך מיט'ן גזלן און אַוועק-געפאָהרען טיעף אין וואַלד דאָרט זענען זיי אַראָבגעגאַנגען, און דער גלח האָט געפרעגט דעם גזלן:

—מיט וואָס האָסטו גע'הרג'עט פאָטער און מוטער, דרייסיג יאָהר גע'רצח'נט און גע'הרג'עט די עלף גלחים?

—אָט מיט דער דובינקע, איך האָב זי אויסגעשניטען פון אַ באַרן־בוים.

—נעם די דובינקע און זעץ זי אַריין טיעף אין דער ערד,— האָט געהייסען דער גלח.

נאָכדעם האָט ער זיך ווידער געזעצט אין פוהרעל מיט׳ן גזלן און אַוועקגעפאָהרען צום טייך. דאָרט האָט ער געהייסען דעם גזלן אַראָבשטייגען און געזאָגט:

—שטעל זיך אויף די קניה, נעם-אָן פון טייך אַ פול מויל וואַסער און קריך אויף אַלע פיער צוריק אין וואַלד, צום אָרט, וואו דו האָסט איינגעגראָבען די דובינקע, און בעגיס זי מיט דעם וואַסער פון מויל. נאָכדעם קריך אויף אַלע פיר צוריק צום טייך, נעם ווידער אָן וואַסער און קער זיך אום צו דער דובינקע און בעגיס זי. אזוי חזר איבער טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר, ביז די דובינקע וועט זיך צונעמען, און אויף איהר וועלען אויסוואַקסען בלעטער און דערנאָך בּאַרען. און, ווען אַלע בּאַרען וועלען ווערען רייף און אַראָבפאַלען,—וועט דעמאָלט אַראָבפאַלען פון דיר דיין זינד.

געזאָגט, פערקירעוועט דעם פערדעל און אַוועקגעפאָהרען אַהיים.

דער גזלן איז געבליבען אַליין און גענומען אויסדערפילען די תשובה, וואָס דער גלח האָט איהם אַרויסגעגעבען. ער איז נעקראָכען אויף אַלע פיר פון וואַלד צום טייך און פון טייך צום וואַלד, און אַלץ בעגאָסען די דובינקע.

עס זענען פאַרביי חדשים און יאָהרען. געשפּייזט האָט זיך דער בעל-תשובה מיט יאַגדעס, שוואָמען און קרייטעכער און פערבראַכט ווינטער-צייט אין אַ געצעלט פון צווייגען. אַזוי זענען פאַרביי דרייסיג יאָהר. דער בעל-תשובה איז געוואָרען זעהר אַלט און שוואַך. פון דעם קריכען האָט זיך ביי איהם אויף די קניה אַראָבגעריבען דאָס פלייש ביז די ביינער. נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערפילען דעם געבאָט פון גלח.

אויפ׳ן דרייסיגסטען יאָהר האָט זיך די דובינקע צונומען. אויף איהר זענען אויסגעוואַקסען פיעל בּאַרען. סוף זומער זענען אַלע בּאַרען אַראָבגעפאַלען, חוץ צוויי, די גרעסטע, וועלכע זענען געבליבען הענגען אויפ׳ן בוים.

האָט זיך דערמאָנט דער גלח וועגען דעם בעל-תשובה, וועלכען ער האָט געלאָזען אין וואַלד, און איז געפאָהרען איהם געוואָר ווערען.

ווען ער האָט דערזעהען דעם פונאַנדערגעוואַקסענעם באַרן-בוים, פון וועלכען אַלע באַרן, חוץ צוויי, זענען אַראָבגעפאַלען, האָט ער געזאָגט דעם זינדיגען:

—אַלע דיינע זינד זענען פערגעבען געוואָרען, חוץ דאָס, וואָס דו האָסט גע'הרג'עט פאָטער און מוטער. טו ווייטער תשובה, וועט גאָט זיך אויף דיר דערבאַרימען און וועט דיר דעם זינד אויך מוחל זיין.

און אַוועקגעפאָהרען צוריק אין דאָרף.

## ד.

דער בעל-תשובה איז ווידער אַוועקגעקראָכען אויף אַלע פיר צום טייך. מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן, אַז איבער'ן טייך שווימט אַ שיפעל און אין איהם זיצט אַ מענש. דרייסיג יאָהר האָט ער קיין לעבעדיגען נפש נישט געזעהען, און דאָ דערזעהט ער אַ מענש אויף אַ שיפעל. האָט ער זיך שטאַרק פערוואונדערט.

פערוואונדערט האָט זיך אויך דער שיפער, דערזעהענדיג, ווי אַ מענש קריכט אויף אַלע פיר צום טייך און נעמט אָן וואַסער אין מויל. ער איז צוגעפאָהרען צום ברעג און געפרעגט:

—ווער ביזטו? און וואָס טוסטו דאָ?

האָט דער בעל-תשובה געענטפערט:

—איך בין אַ בעל-תשובה און קויף אויס מיינע גרויסע זינד... און ווער ביזטו?

—און איך בין אַ נאָכקוקער.—האָט געענטפערט דער שיפער.

—וואָס הייסט דאָס, אַ „נאָכקוקער"?

—איך בין אָנגעשטעלט פון פריץ נאָכצוקוקען שטילערהייט נאָך זיינע פויערים. איך הער זיך צו אונטער די פענסטער, וואָס זיי רעדען וועגען פריץ, קוק זיך צו צו זייערע מעשים און דער-צעהל דאָס אַלץ דעם פריץ. ער בעשטראָפט שטאַרק די פויערים,

וועלכע טראַכטען בייז וועגען איהם. און מיך בעלוינט ער זעהר גוט, גיט מיר עסען און טרינקען און שענקט מיר מתנות. לעב איך אַ גוטען טאָג.

ווי דער בעל-תשובה האָט דערהערט די ווערטער, האָט אין איהם אויפגעקאָכט דאָס האַרץ.

„זאָל איך בעדאַרפען נאָך דרייסיג יאָהר קריכען אויף אַלע פיר און בעגיסען דעם בוים, אָבער איהם וועל איך הרג'ענען און וועל אויסלייזען אַ דאָרף מענשען פון זייער מערדער!—האָט ער ביי זיך בעשטימט.

ער האָט זיך געווענדט צום שיפער און געזאָגט:

—שוין דרייסיג יאָהר, ווי איך זיץ דאָ אין וואלד און האָב קיין לעבעדיגען מענש נישט געזעהן. מיר ווילט זיך זעהר דורכשיפען זיך אַ ביסעל איבער'ן טייך. גיב מיר אויף אַ ווייַלע דיין שיפעל מיט דער וויאָסלע.

—דו האָסט קיין כח נישט צו האַלטען זיך אויף די פיס. ווי-זשע וועסטו זיך שיפען?—האָט געזאָגט דער נאָכקוקער.

—אָט, אדרבא, גיב מיר די וויאָסלע, וועסטו זעהן.

דער נאָכקוקער האָט איהם דערלאַנגט די וויאָסלע. ער האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס און דערלאַנגט מיט דער וויאָסלע דעם נאָכקוקער איבער'ן קאָפּ אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ, אַז יענער איז געפאַלען אין שיפעל אַ טויטער.

דער בעל-תשובה האָט אָבגעשטויסען מיט'ן פוס דאָס שיפעל, האָט אָנגענומען אין מויל וואַסער און אַוועקגעקראָכען צום בוים. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט דאַרפען נאָך פיעל יאָהרען בעגיסען דעם בוים, כדי אויסצוקויפען די נייע זינד, נאָר ער האָט קיין חרטה נישט געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געטון.

ווען ער איז געקומען צום בוים, האָט ער דערזעהן, אַז די צוויי לעצטע בערען זענען אַראָבגעפאַלען.. פון גרויס פרייד, וואָס גאָט האָט מוחל געווען אַלע זיינע זינד, איז ער געשטאָרבען.

דיזעלבע נאַכט האָט זיך דעם גלח גע'חלומ'ט אַ חלום:

„געה און זיי מקבר מיט גרויס כבוד דעם בעל-תשובה, אַלע זיינע זינד זענען פערגעבען געוואָרען.”

און דער גלח האָט איהם מקבר געווען מיט גרויס כבוד.

# אינהאלט

## פון

## ערשטען באנד.

---

## ערשטע אָבטיילונג

### פּאַרציייטינעס.


זייט

דאָס לעבען פון אַ מענש (1910) . . . . . . . . 9
די צעהן צייכענס פון משיח'ן (1911) . . . . . 19
דעם גיהנום (1908) . . . . . . . . . . 45
דער טורם אין רוים (1916) . . . . . . . . 61
אַ װעקעלע מעהל (1912) . . . . . . . . . 91


## צווייטע אָבטיילונג

### חסידיש.


אָבגעלאַכט (1912) . . . . . . . . . . 107
אויף דער וואַך (1916) . . . . . . . . . 125
אַ דין-תורה מיט גאָט (1908) . . . . . . . . 147
דער אַפּטער רב און ניקאָלאַי דער ערשטער (1913) . . 159
אַ שטרענגער פּסק-דין (1920) . . . . . . . . 167

## דריטע אָבטיילונג

### מתנגדיש.


צוויי גדולים (1911) . . . . . . . . . . 181
ר' משה מאָנטעפיאָרע און ניקאָלאַי דער ערשטער (1913) . 191
מסירת נפש (1904) . . . . . . . . . . . 197


## פירטע אָבטיילונג

### אַלערליי.


צוויי פּרוכת'ן (1920) . . . . . . . . . . . 221
דער בעל-תשובה (1920) . . . . . . . . . . . 235